31.662

Ф IV / Б-720 / 1940



איוואַן פֿראַנקאָ

# באָא קאָנסטריקטאָר

אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג

06
891.79-3
Ф-83

איוואן פראנקאָ

["Boa constrictor"]

# באָא קאָנסטריקטאָר

דערציילונג

Переклав: Urland

פון אוקראַיִניש — ה. אָרלאַנד

מעלוכע־פארלאַג
פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוססר
קיִעוו — 1940

I

הערמאנ גאָלדקרעמער איז הײַנט אופגעשטאנענ זייער א בייזער. אלע מאָל איז ער אזא, ווענ ס'קומט אימ אויס נעכטיקנ אינ באָריסלאוו. און נעכטיקנ קומט אימ דאָ שטענדיק אויס איינ מאָל אינ וואָכ, פרײַטיק, ווענ ער קומט אהער צו פאָרנ פונ דראָהאָביטש — א קוק טונ אָפ דער ארבעט און אויסצאָלנ לוינ די ריפניקעס[1]. כאָטש הערמאנ גאָלדקרעמער פארמאָגט זײַנ אייגנס בא א מיליאָנ, דאָכ פארגלויבט ער ניט, אז פרעמדע אויגנ זאָלנ האלטנ אופזיכט, אז פרעמדע הענט זאָלנ אויסצאָלנ. אינ דראָהאָביטש האָט ער א שטיינערנעמ מויער, א נײַעמ, גאָר א פײַנעמ מויער — אזוינס ווי אזעלכס. און דאָ מוז ער נעכטיקנ אינ א הילצערנ שטיבל, צווישנ קלייטנ, וואָס זײַנענ פארוואלגערט מיט פעכער קיפּיאטשקע[2] און מיט ריזיקע הרודעס וואקס. עמעס טאקע, דאָס דאָזיקע שטיבל, וואָס איז אופגעבויט געוואָרנ פאר זײַנ געלט, איז דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אינ גאנצ באָריסלאוו, — נאָר ס'איז גאָר קיינ גלײַכנ ניט צו די דראָהאָביטשער הײַזער. כאָטש די ווענט זײַנענ ווײַסע און די פענצטער זײַנענ העלע, איז אָבער דער אויסזעענ ארומ אנ אומעטיקער, אנ אָפּגעלאָזענער, אנ עקלדיקער: הויפנס היליאקעס, בערגלעכ ליימ, קויטיקע קלייטנ און נאָכ קויטיקערע הײַזקעס. קיינ ביסל גרינס ניט, קיינ פריילעכ ווינקעלע איז ניט צו זענ. די לופט איז א שטינקנדיקע, א געדיכטע פונ די נאפט-אויסדעמפונגענ; הערמאנענ פארדרייט זיכ שטענדיק דער קאָפּ פונ דער דאָזיקער לופט, ווי פונ דולגראָז. דערצו נאָכ די מענטשנ, וואָס דרייענ זיכ בא זײַנ דירע, צווישנ די קויטיקע שאָפעס, צווישנ די ליימיקע בערגלעכ, זיי

---

1 ריפניק — אנ ארבעטער פונ נאפט-געווערב.

2 קיפּיאטשקע — ניט געריייניקטער נאפט, ראָפּע.

Якщо в цій книжці будуть дефекти, просимо повернути її для заміни на адрес: 9-а поліграфічна ф-ка, Київ, Червона площа, 2а.

רעדאקטאָר פון דער איבערזעצונג — באליאסנע

טעכנישער רעדאקטאָר — מ. רעזניטשענקאָ.
קאָרעקטאָר — מ. דובינסקי; ע. מעלניקאָווא.

פאפיר 1/16 82×54 — 32 קג. 6 1/2 דרוק־בויגנ.
6,02 דיסקאָנט־אווטאָר־בויגנ. פארלאג־נומ. 664.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 1940 — 2/X. אונטערגעשריבנ
צום דרוק 1940 — 26/XI.

БФ1956 НКМП УРСР Укрполіграфтрест, 9-та поліграф. ф-ка, Київ, з. 1366. Тираж 2500

Львівська Філія Бібліотеки АН-УРСР
450ф

ЛЬВІВСЬКА БІБЛІОТЕКА АН УРСР
№ 31 662

ф IV / Б-720
1940

גרינעם יאם הייבן זיך אוף כמארעס מיט הייסע אויסדעמפונגען, וואָס טראָגן דערנאָך פאנאנדער מאגייפע איבער דער וועלט. עס דוכט זיך, דו הערסט, ווי אין יענער געדיכטעניש מישט זיך אויס צוזאמען מיטן גרינגן רויש פונעם ווינט דער יאָמערדיקער געהויל פונעם בלוטדורשטיקן טיגער. נעענטער צום פאָדערפלאן פונעם בילד ווערט פארשווונדן דער ראָר, עס הויכט זיך בלויז הויפנסווײַז העלגרינער פאפּאָרט, און איבער אלץ וואקסן אין וואונדערשיינע גרופעס שלאנקע, ברייטבלעטער-דיקע פאלמען, די קעניגן פון דער געוויקסן-וועלט. אפן סאמע פאָדער-גרונט, א ביסל אין א זײַט, שטייט אזא גרופע טאקע, א פרעכטיקע, א שלאנקע. אונטער די פאלמען געפינען זיך עטלעכע אינדן, וואָס זײַנען געקומען אהער, זעט אויס, אפ דער פאשע. אָבער די אומפאָרזיכטיקע בײַעס האָבן ניט באמערקט, אז צווישן דעם פרעכטיקן גרינעם גע-בלעטער זיצט א שרעקלעכער שלאנג, ער זיצט אפ דער וואך און קוקט אויס רויב. זיי זײַנען דרייסט און זאָרגלאָז צוגעקומען צו די פאלמען. מיטאמאָל האָט דער שלאנג, ווי א בליץ, זיך א וואָרף געטאָן אראָפ — אן אויגנבליק פון טויט-דערשרעק — א רעווע פון א געכאפטן אינד, איינער און א לעצטער, — און די גאנצע משערעדע טוט א יאָג אין ווילדן גאלאָפ אין אלע זײַטן. איין אינד נאָר, דער גרעסטער — זעט אויס די מוטער פון די איבעריקע — איז געבליבן פארקלעמט פונעם שלאנג. דער מאָלער האָט אפגעכאפט יענע מינוט, ווען די אינדן זײַנען זיך צעלאָפן, און דער שלאנג, מיט א הויך-אויפגעהויבענעם קאָפ, פארפרעסט מיט דער גאנצער קראפט פון זײַנע גיגאנטישע רינגען די רויב זײַנע אפ איבערצוברעכן איר די ביינער. ער האָט ארומגעוויקלט איר דעם האלדז און דעם רוקנביין, און פון צווישן די רינגען פון זײַן בונטן, גלאנציקן קערפער זעט זיך ארויס דער קאָפ פונעם אָרעמען קאָרבן. די גרויסע אויגן, די ארויסגעזעצטע אין טויט-אנגסט, זײַנען פארלאָפן מיט טרערן. די אָדערן אפן האלדז זײַנען אָנגעדראָלן, דו זעסט מאמעש, ווי דער קאָפ וואַרפט זיך נאָך אין די לעצטע קראמפן. דערפאר אָבער פינקלען דעם שלאנגס אויגן מיט א שאָדנפריידיקן, דעמאָנישן פײַער, מיט אזא זיכערקײַט אין דער אייגענער קראפט, אז ווען מע קוקט זיך גוט צו, גייט ניטווילנדיק איבער א פראָסט איבערן לײַב. יא מאָרנע זאך! הערמאן גאָלדקרעמער האָט געפילט עפעס א ווונ-דערלעכע, אומדערקלערבארע סימפאטיע צו אָט דעם געשטאלט, און ער האָט ליב געהאט שאָענווײַז זיך אײַנקוקן אין די שרעקלעכע, טײַוואָ-נישע פײַער-שפריצנדיקע אויגן פונעם שלאנג. מיט א היפשער צײַט

שמײַענ אומ, ווי מורעשקעס, בא די זאקאָפּנ[1]. — שפּו, ס'איז דענ מענטשנ? מענטשנ זײַנענ דענ אזעלכע? פונעמ נאפט אונ פונ דער ליימ זײַנענ זיי שווארצ, ווי די קראָענ; זיי טראָגנ אפ זיכ צעשליסענע שמאטעס — צי לעדער אזא, צי עפּעס מאָדנע לײַוונט — אפ הונדערט שפּאנ פונ זיי הערט זיכ אנ אומדערטרעגלעכער גערוכ פונ קויט, נאפט-אויסהאמפּונג, שענק, אויסגעלאסנקײַט! אונ שטימענ האָבנ זיי — ניינ, דאָס איז ניט קיינ מענטשלעכע שטימענ, נאָר עפּעס א טויבער געשריי, א הייזעריקער, ווי א טעמפּער קלאנג פונ אנ אָנגעשפּאלטענעמ טאָפּ. אונ ס'אחא אויסזענ בא אָט די מענטשנ — א ווילדער, א גרויזאמער! אייניקע פונ זיי, וואָס זײַנענ, ניט געקוקט אפ דער פריִער שאָ, געגאנגענ שיקערלעכע צו די גריפּער (א ניכטערנ איז שווער אויסצוהאלטנ אינ דער טיפ!), האָבנ געכאפּט א קוק צומ פענצטער אונ דערזענ הערמאנענ. פונ זייערע בליקנ האָט אימ אָנגעכאפּט א שוידער.

— אזעלכע-אָ מענטשנ, — האָט ער א טראכט געטאָנ, — ווענ זיי דערזענ מיכ אינ א בלאָטע, וואָלטנ זיי מיכ ניט נאָר ניט ארויסגעשלעפּט, נאָר טיפער נאָכ ארײַנגעשטופּט.

אונ אָט אינ אזא געזעלשאפט קומט אימ אויס, דעמ אריסטאָקראט, צו פארברענגענ גאנצע אָנדערהאלבנ טעג. ער האָט א שפּײַ געטאָנ דורכנ אָפענעמ פענצטער אונ זיכ אָפּגעקערט. ער האָט אפּערגיכ א פיר געגעבנ מיט די אויגנ איבערנ צימער — א ריינ, א פריילעכ צימערל. א גלאטער לאקירטער דיל, געמאָלטע ווענט, א קײַלעכיק טישל פונ נוסנהאָלצ, א קאָמאָד אונ א שרײַבטיש — דאָס האָט זיכ גלײַכ געוואָרפנ אינ אויג. אלצ האָט געפינקלט, געבלאנקט אנטקעגנ דער אופגייענדיקער זונ, וואָס האָט געשיקט אירע לעצטע שטראלנ דורכ די פענצטער אינ צימער ארײַנ אונ געלייגט רויט-גאָלדענע פּאסנ אפנ גלאטנ פינקלענדיקנ הויזראָד. נאָר הערמאנ האָט זיכ אָפּגעווענדעט פונ זיי — ער האָט ניט געקאָנט פארלײַדנ די שטארקע שײַנ. אפ דער זײַטיקער וואנט, אנטקעגנ דער טיר, איז אינ האלב-שאָטנ געהאנגענ א גרויס בילד אינ א געגילדעטער ראמ, — אפנ דאָזיקנ בילד האָט הערמאנ געלאָזט פאלנ זײַנ בליק. דאָס איז געווענ א גאנצ גוטער אונ ריכטיק-איבערגעגעבענער פּייזאזש פונ א טראָפּישנ אינדישנ קאנט. אינ דער ווײַט, אײַנגעהילט אינ גרויענ נעפּל, שטייט פארטרוימט ריזיקער ראָר — גאנצע באמבוקוועלדער פונ בענגאליענ. עס דוכט זיכ, דו זעסט, ווי פונ יענעמ ווײַטנ,

---

[1] זאקאָפּ — גרוב, שאכטע.

האָט אימ באַגלײט זינט די ערשטע טריט זײַנע אַפ דער װעלט, װאַרפט אימ נאָכ ביז איצט אַרײַנ אינ אַ קעלט, אינ אַ שױדער. װי פריקרע ס'זאָל אימ ניט זײַנ צומאָל זײַנ איצטיק לעבנ, — דאָכ האָט ער קײנמאָל ניט געבענקט אונ װעט ניט בענקענ נאָכ די יונגע יאָרנ. נײנ! די יונגע יאָרנ זײַנענ געהאַנגענ, װי אַ שװערע קלאָלע איבער זײַנ קאָפ: אַ קלאָלע פונ נױט, אַ קלאָלע פונ אינ עמבריאָנ פאַרטיליקטע גוטע אונ פײַנע נעשאָמע-אײגנשאַפטנ. ניט אײנ מאָל האָט ער געפילט אָט די קלאָלע אינ די מינוטנ פונ זײַנע גרעסטע ספּעקוליאַציװע טריומפנ, ניט אײנ מאָל האָט דער געשפּענסט פונ דער אַמאָליקער נױט אימ פאַרשטערט די גרעסטע פרײד, אַרײַנגעשאַטנ ביטערגראָז אינ די זיסע געטראַנקענ פונ רײַכטומ אונ װױלטעק. ביז איצט שטײט פאַר אימ לעבעדיק יענע האַלב-צעװאַלגערטע, אונטערגעפוילטע, פײַכטע, שמוציקע אונ אָפגעלאָזענע כאַטקע אַפנ לאַנ אינ דראָהאָביטש, אינ װעלכער ער איז געבױרנ געװאָרנ. געשטאַנענ איז זי סאַמע בײַ דער ריטשקע, אַנטקעגנ דער אַלטער אונ נאָכ מער העסלעכער האַרבאַרניע, פונװאַנענ צװײ פרישטשעװאַטע אַרבעטער מיט פאַרקיסנעטע אױגנ פלעגנ אַרױסטראָגנ אַלע װאָכ קױשנ אױסגענוצטע, איבערגעזײַערטע דעמבענע קאָרע, װאָס האָט צעטראָגנ װײַט אַרומ אַ ביטערנ געשטאַנק. באַנאַנד מיט זײַנ מוטערס שטיבל זײַנענ געשטאַנענ נאָכ אַסאַכ אַנדערע, פונקט אַזױנע. געװענ זײַנענ זײ אַזױ ענג צוזאַמענגעשטױסנ, מיט לעכעריקע דעכער, צעפוילטע, צעטראַסקעטע, אַז די גאַנצע גאַס האָט גיכער געכאַפט דעמ אָנבליק פונ אײנ נעבעכדיקער כורװע, פונ אײנ גרױסער קופּע מיסט, פוילהאָלצ אונ שמאַטעס, אײדער פונ מענטשלעכע װױנונגענ. די לופט איז דאָ געװענ אַזאַ געדיכטע, אַ שטיקנדיקע, אַז די זונ האָט טריב קױמ אַרײַנגעשײַנט דורכ די שפּאַרעס פונ די װענט אונ פונ די דעכער אינעװײניק אינ די שטיבלעכ אַרײַנ, אונ קרענק האָבנ זיכ דאָ געהאַלטנ אונ פונדאַנענ זיכ געשפּרײט אַפ צענ מײַל אַרומ. אינ יעדער שטיבל האָבנ געװױנט צו עטלעכע געזינדנ. די מאַנצבלענ, רױטהאָריקע ייִדנ, פלעגנ זעלטנ קומענ אַהער, די מערהײט נאָר אײנ מאָל אינ װאָכ, פרײַטיק צונאַכטס, אַפ איבערהאַלטנ שאַבעס. אַמערסטנ זײַנענ דאָס געװענ קאַפּצאָנימ — שלעפּערס, גראָשנ-הענדלערס, שמאַטניקעס, בײנער-קלײַבער אונ גאָט װײסט, װאָס נאָכ פאַר פּראָפעסיעס. אײניקע פלעגנ אָפט זײַנ אינ שטאָט, אַנדערע פלעגנ קומענ אַהײמ זײער זעלטנ — ס'איז זײ ליבער געװענ איבערשלאָפנ ערגעצ אינ אַ שענק אַפ אַ באַנק, אינ די קוסטעס אונטערנ פרײַענ הימל, אַפ דער קעלט, אַבי ניט אָטעמענ מיט

צוריק, ווענ ער איז דאָס ערשטע מאָל געווענ אינ ווינ, האָט ער דערזענ דאָס דאָזיקע בילד אפ אנ אויסשטעלונג, אונ עס איז אים אזוי געפעלנ געוואָרנ, אז ער האָט גלײַכ געקויפט די צוויי עקזעמפליארנ פונ אָט דעם בילד. איינעם פונ זיי האָט ער אופגעהאנגענ בא זיכ אינ אפארטאמענט אינ דראָהאָביטש, אונ דעם צווייטנ — אינ באָריסלאוו. ניט איינ מאָל האָט ער באוויזנ דאָס בילד פאר די געסט זײַנע, אָפשפעטנדיק דערבײַ פונעם נארישנ אינד, וואָס האָט אליינ געטראָפנ דעם שלאנג אינ מויל ארײַנ. אָבער ווענ ער פלעגט זײַנ אליינ, האָט ער עפעס ניט געקאָנט כויזעק מאכנ פונעם שלאנג. עס האָט אים פאהערשט אנ אָבערגלויבערישער פאכעד פאר די דאָזיקע אויגנ, — אים האָט זיכ געהאכט, אז אָט דער שלאנג וועט ווענ-ניט-איז ווערנ לעבעדיק אונ ברענגענ אים עפעס-וואָס אויסערגעוויינלעכס — גרויס גליק אָדער גרויסנ אומגליק.

פאמעלעכנ האָט זיכ גענומענ צעווייענ דער געדיכטער, קאלטער נעפל, וואָס האָט ביז פארטאָג זיכ געשפרייט איבער באָריסלאוו. הערמאנ גאָלדקרעמער האָט אויסגעטרונקענ א גלאָז קאווע, זיכ אוועקגעזעצט באם שרײַבטיש אונ געעפנט דעם גרויסנ קאָנטע-בוכ אפ צו מאכנ די כעזשבוינעס פאר דער גאנצער וואָכ. נאָר די זונ האָט פארפלייצט דעם צימער מיט אזויפיל שײַנ, — די פארטאָגיקע קעלט אונ דער טויבער, ווײַטער גערויש פונ די ארבעטס-לײַט — דאָס אלצ האָט געצערטלט זײַנע געדאנקענ אונ איינצײַטיק זיי אָפגעשוואכט, זיי פארשלעפערט. דער אָרגאניזמ זײַנער, א צעבראָכענער פונ דער נעכטיקער רײַזע אונ פונ די שטופיקע קלאָפאָטנ, האָט דערפילט אפ א מינוט עפעס אנ עקל צו דעם אינ לײַוונט אײַנגעבונדענעם בוכ, צו די ציפערנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ אינ אומגעהויער-גרויסע קאָלאָנעס, אונ צום געשניצטנ ביינערנעם הענטלפענ, — ס'האָט אים ארומגענומענ עפעס א זיסער געפיל, קיינ איינ געדאנק האָט זיכ קיינ רודער ניט געטאָנ. בלויז דער אָטעמ האָט גלײַכמעסיק געהויבנ זײַנ ברוסטקאסטנ. ער האָט אָנגעשפארט דעם קאָפ אפ דער דלאָניע, אונ כאָטש ער איז קלאל ניט געווענ פונ יענע מענטשנ, וואָס פארטראכטנ זיכ, דאָכ האָט ער איצטער, דאָס ערשטע מאָל נאָכ לאנגע-לאנגע יאָרנ, געגעבנ די פולע פרײַהײַט אלע אײַנדרוקנ פונ זײַנ לעבנ אופצוואכנ אינ זיכאָרנ, זיי זאָלנ לעבעדיק, בוילעט אדורכ פאר זײַנע אויגנ.

פאר זײַנע אויגנ האָבנ דורכגעשוועבט, ווי א שווערע כמארע, די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ יוגנט. דער שרעקלעכער חאלעמ אונ די נויט, וואָס

רענקט ער אומקלאָר, ווי דורכ א כאָלעמ. האַלטנדיק זיכ פאַר די הענט, דרייענ זיכ די קינדער אינ א ראָד אינ אנ ענגנ הויפ צווישנ צוויי באַטעס אונ פּילדערנ אפ אלע קוילימ, — זיי לויפנ אזוי לאנג, ביז ס'פאַרדרייענ זיכ די קעפּלעכ, פאַלנ זיי אנידער אפ דער ערד. אניט, בלאָנקענ זיי אומ איבער די קאליעזשעס, פלוסקענ זיכ ווי די זשאַבעס אינ דער פוילער, איפּעשדיקער וואסער פונ דער ריטשקע, וועלכע איז שוואַרצ פונ דער האַרבאַרניע־קאָרע, אונ שרעקנ די גרויסע לאַנגעקיקע שטשורעס, וואָס שווימלענ אדורכ פאַרבײַ זיי, אנטלויפנדיק צו זיכ אינ די נאָרעס. הערנמאָל דערמאַנט זיכ, ווי צוזאַמענ מיט אנדערע קינדער פלעג ער ניט איינ מאָל ליגנ אינ וואסער באַמ ברעג ריטשקע אונ ווי די עלטערע יונגנ, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אפנ בריק, פלעגנ קײַכנ פונ געלעכטער, קוקנדיק אפ זײַנ גרויסנ טונקל־בלויענ בויכ, צו וועלכנ ס'זײַנענ געווענ צוגעטשעפּעט דאַרע לאַנגע פיסלעכ.

נאָכ מער האָט זיכ אימ אײַנגעקריצט אינ זיקאָרנ דער נאָכטלעגער אינעמ ענגנ געמיינעמ הײַזל צוזאמענ מיט נאָכ א צענדליק קינדערלעכ, אזוינע ווי ער, — יענע נעכט, וועלכע ער איז אָפּגעקומענ אפ דער פײַכטער ערד, אפ האַלב־פאַרפוילטער שטרוי, וואָס האָט געווימלט מיט ווערעמ אונ מיט אנדערע מיזעסקײַטנ; יענע שרעקלעכע נעכט, פאַר־טויבטע פונ קינדערשנ געלעכטער אונ געוויינ, פונ ווײַבערישע געשרייענ אונ געשעלטנ; יענע ענדלאָזע נעכט, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט, ליגנ־דיק צונויפגעדרייט ווי א בייגל אונ קאָרטשענדיק זיכ פונ קעלט. פאַר־טאָג פלעג ער זיכ אופכאַפּנ מיט פאַרגאָסענע אויגנ, דאָס לײַב רויט אונ צעביסנ! אָכ, יענע שוידערלעכע נעכט פונ די קינדער־יאָרנ, וואָס אנ־דערע מענטשנ לויכטנ זיי ביז דער שפּעטער עלטער מיט מאַלעכ־שמייכלענ אונ מיט קושנ פונ דער מוטער, מיט רו אונ פאַרגעניגנ, מיטנ ערשטנ אונ לעצטנ לעבנס־גליק, — פאַר אימ זײַנענ זיי געווענ דער ערשטער אונ דער שווערסטער געניעמ! אימ האָבנ זיי ביז דער עלטער געבריט אונ אַרײַנגעוואָרפנ אינ א קעלט; דער אָטעמ פאַר־שלאָגט אימ, ווענ ער דערמאָנט זיכ אינ זיי, ס'כאַפּט אימ אָנ אנ עקל, א טויט־סינע צו אלצ, וואָס איז אָרעמ, אָפּגעשליסנ, נויטבאַדערפטיק, אַרײַנגעוואָרפנ אינ בלאָטע, דערשטיקט פונ אומגליק. ער האָט אליינ ניט געוווּסט, פונוואנענ נעמט זיכ עס, ער האָט ניט געוווּסט, אז אזא יוגנט מוז אָפּטעמפּנ בא יעדנ איינעמ די נערוונ, פאַרטויבנ דעמ קאָפּ אפ אזויפיל, אז קיינ פרעמדער געוויינ אונ אומגליק קאָנ אימ ניט רירנ, אז נויט דערוועקט אינ אימ בלויז עקל, אָבער ניט קיינ ראַכמאָנעס.

בײַ געדיכטער אומגעזונטער לופט און הערן די גוואלדן, די קריגערײַען
און דעם פארטרייבנדיקן געפילדער פון די ווײַבער און קינדער.
און הערמאנס מוטער איז געווען נית בעסער, אויב נית ערגער נאך
פון די איבעריקע. כמעט נאך א יונגע פרוי — אינגאנצן האט זי בא-
קארפט אלט זײַן צוואנציק, זאל זײַן צוויי און צוואנציק יאר — דאך
איז זי שוין, אזוי צו זאגן, ארײַנגעוואקסן געווארן, זיך פארוואנדלט אין
יענעם טיפ יידישע פרויען, אזא געוויינלעכן אין אונדזערע קאנטן, וועל-
כער בילדעט זיך אויס אי פון די שלעכטע, אומגעזונטע וווינונג-באדינ-
גונגען, אי פון דער אפגעלאזענער דערציונג, אי פון פולשטענדיקער
אפוועזנהייט פון מענטשלעכער בילדונג, אי פון פריצײַטיקן כאסענע
האבן, אי פון פוילקייט, אי פון הונדערטער אנדערע סיבעס. הערמאן
קאן זיך נית דערמאנען, ער זאל זי האבן ווען-נית-איז געזען אן אופ-
געלעבטע, א פרישע, א פריילעכע, א צוגעפוצטע, כמעט אף איר פנים
איז געווען צו באמערקן שפורן פון פארגאנגענער שיינקייט. דאס פא-
נעם, וואס איז אמאל געווען קײַלעכיק און ראז, איז געווארן געל,
צעעסן פון שמוץ און פון נויט, אראפגעהאנגען אראפ-צו, ווי א ליידי-
קער זאק; די ליפן, אמאל פולע, רויטע, שארף-געשניטענע, זײַנען בלוי
געווארן, אנגעבלאזן, די אויגן מוטנע און פארקיסנטע.
צו פערצן יאר האט זי כאסענע געהאט, — אין דרײַ יאר ארום זיך
געגעט מיטן מאן, וועלכער האט מער נית געוואלט לעבן מיט איר און
זי האדעווען. דעם עלטערן זון האט ער מיטגענומען מיט זיך גאט
ווייסט וווהין (ער איז געווען א גראשן-הענדלער און ארומגעפארן מיט
א פערד-און-וועגעלע איבער די דערפער, אויסגעביטן נאדלען, שפיגע-
לעך און אנדערע קלייניקייטן אף שמאטעס). דער ייִנגערער הערמאן
איז געבליבן מיט דער מוטער. ווען די עלטערן זײַנען זיך צעגאנגען,
איז ער אלט געווען אנדערהאלבן יאר, — ער האט נית פארגעדענקט נית
דעם פאטער, נית דעם עלטערן ברודער. שפעטער שוין האט ער צופע-
ליק זיך דערוווסט, אז זיי ביידע זײַנען געשטארבן ערגעץ אפן הוילן
פעלד בײַם דער כאלערע. מע האט זיי געהאט געפונען ערשט אין א
וואך ארום לעבן דעם געפאלענעם פערד. וואקסנדיק אין אזא שוידערלע-
כער אטמאספער, האט ער זיך אנטוויקלט זייער פאוואליע און טעמפ, אפט
געקרענקט, און דער סאמע פריִער אײַנדרוק, וואס איז אים געבליבן
אין זיקארן, איז געווען דער גרויסער בויך זײַנער, אין וועלכן אנדערע
ייִנגלעך פלעגן אפט קלאפן, ווי אין א פויק. די קינדערשע שפילערײַען
צוזאמען מיט דער טשערעדע נאקעטע אויסגעוואדזיעטן קלײנווארג גע-

אונ לעבעדיקײַט. אינ יענער צײַט האָט אימ גענומענ ציִענ צו פוילקײַט, אונ אָפט פלעג ער זיצנ אזוי טאמעוואטע אינ שטוב אפ דער באנק גאנ־צענע טעג, כאָטש די מוטער האָט אימ געטריבנ אינ מארק ארײַנ פארקויפנ שוועבעלעכ די פויערימ אָדער פארנעמענ זיכ מיט אנ אנדער פארדינסט, ווי די איבעריקע יינגלעכ.

געווענ איז דאָס אומ זומער 1831 יאָר. א שרעקלעכע, א שוידער־לעכע מאגייפע האָט ארומגעכאפט אונדזער קאנט. שוינ א לאנגע צײַט האָבנ זיכ אומגעטראָגנ טויבע קלאנגענ צווישנ דער באפעלקערונג, אז ס'קומט אָנ „א שטראָף פונ גאָט“, — מענטשנ זײַנענ געווענ אומרויִק אונ זיכ געריכט אפנ טויט. אונ אָט איז זי טאקע אָנגעקומענ, הונדערט מאָל שרעקלעכער, ווי מע האָט זיכ געהאט פאָרגעשטעלט. גאנצע הער־פער זײַנענ געוואָרנ וויסט־אויסגעשטאָרבנ, גאנצע מישפּאָכעס זײַנענ פארשווּנדנ געוואָרנ פונ דער וועלט, ווי וואקס אפנ פײַער. איינער האָט ניט געוווּסט וועגנ דעמ צווייטנס טויט, אליינ זיכ דיכטנדיק אפ אימ. א ברו־דער האָט זיכ אָפגעקערט פונ א ברודער, א פאָטער פונ א זונ, קעדיי ניט צוזענ אפ אימ דעמ שרעקלעכנ שטעמפל פונ טויט. אונ ווער ס'איז געבליבנ לעבנ, דער איז אוועק אינ דער קרעטשמע, זיכ גענומענ צומ טרונק. געריסנ דעמ גאָרגל אונ פארשלאָגנ זיכ די געדאנקענ. ניט גע־ווענ, ווער ס'זאָל טרייסטנ די פארצווייפלטע אונ פארזאָרגטע, ניט געווענ, ווער ס'זאָל ראטעווענ די שלאָפע, וואָס האָבנ געבעטנ א טרונק, וואָס האָבנ געקרעכצט אינ שרעקלעכע קראמפנ. צווישנ די פראָסטע לײַט זײַנענ אומגעגאנגענ מוירעדיקע געשיכטעס וועגנ וואמפירנ, וואָס ברענ־גענ אומ מענטשנ, אונ אינ אייניקע דערפער האָט דער פארצווייפלטער אוילעמ אפילע גענומענ פארברענענ די אלע, וועמענ מע האָט געהאלטנ פאר וואמפירנ.

די כאָלערע האָט ניט אויסגעפעלט אויכ די שטאָט הראָהאָביטש. דער לאנ האָט געליטנ פונ איר נאָכ מער, איידער די איבעריקע פאָר־שטעט — צי דערפאר, וואָס די אומריינע אונ שטיקנדיקע לופט האָט געהאָלפנ דער מאגייפע צו פארשפרייטנ זיכ, צי דערפאר, וואָס די מענטשנ האָבנ דאָ געוווינט שטארק געענגט אינ די הײַזקעס, פלעגנ זיי אָנשטעקנ איינער דעמ צווייטנ. מאנצבלענ, פרויענ, אונ אמייסטנ קליינע קינדער, זײַנענ געפאלנ, ווי גראָז אונטער דער קאָסע, — זיי זײַנענ אויסגעגאנגענ שטיל, פארבאָרגנ אינ די ווינקלענ, אינ די אלקערס. די מער פארמעגלעכע פלעגנ ארויספאָרנ אינ די בערג, ווי נאָר די מאגייפע איז אונטערגעקומענ, אפ געזינטערער לופט, נאָר דאָס שלאָפ־

אגעוו, הערמאנ גאָלדקרעמער האָט קײנמאָל ניט געטראכט וועגנ דעמ, ניט באמיט זיכ צו פאנאנדערקלײבנ זיכ אינ די סיבעס פונ זײנ אויפירונג, אונ ווענ אָרעמע, נעקריוודעטע ריפניצעס, מיט פארזאָרגטע פענעמער, אינ שמאטעס, דורכגעזאפטע מיט קיפיאטשקע, פלעגנ ווײנענ פאר אימ, בעטנ, מע זאָל זײ ארויסצאָלנ דעמ פולנ ארבעטלוינ, האָט ער געשפיגנ, זיכ אָפגעקערט אונ געהײסנ דעמ מעשאָרעס זײ ארויסווארפנ פונ יענער זײט טיר.

ער דערמאָנט זיכ אינ זײנ מוטער, ווי זי פלעג גאנצע טעג זיצנ הינטער דער שטוב מיט א זאָק אונ א קנײלעכל בײוול אונ הײזעריק זיכ זידלענ, פרוווּנ איבערשרײענ עמעצנ פונ די שכײנעס, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט איר. דער זאָק בא איר אינ די הענט האָט זײער פאוואָליע זיכ געשטריקט, כאָטש אויסגעוויזנ האָט זיכ, אז זי ארבעט זײער פלינק. אָפט פלעג זי גאנצע מאראָשימ זיכ ארומטראָגנ מיט אײנעמ אונ דעמ זעלבנ זאָק אונ קנײלעכל בײוול, ביז דער גיטפארענדיקטער זאָק אונ דאָס ניט=אויסגענוצטע קנײלעכל פלעגנ אָנעמענ אזא קאָליר, ווי אלצ ארומ — א קויטיק=גרויענ. ניט אײנ מאָל פלעג זי א לאנגע צײט זיכ נאָכיאָגנ נאָכ עמעצנ פונ די יונגלעכ, וואָס האָט זי צערײצט מיט א זידל=וואָרט, — זי האָט געטיאָפקעט אינ דער בלאָטע א צעכראסטעטע, א סאפענדיקע, א הײזעריקע, א בלויע פאר קאס, — אונ אָניאָגנדיק דאָס יאטל, האָט זי אימ געכאפט פאר די האָר אונ קארוטשעט אָנ ראכמאָנעס אינ דער פלײצע, ביז דאָס קינד איז ניט אומגעפאלנ אפ דער ערד. ניט אײנ מאָל האָט הערמאנ אויכ ארײנגעכאפט א כײלעק פונ איר, א גאנצ פײנעמ כײלעק. זי איז געווענ זײער א בײזע, אונ ווענ זי איז ארײנ אינ דער רעציכע, האָט זי שוינ ניט געפילט, ווע'מענ זי שלאָגט, מיט וואָס אונ וווּהינ. הערמאנ געדענקט גוט, ווי אײנמאָל האָט זי אימ דערלאנגט מיט א פאנטעפל איבערנ קאָפ אזוי שטארק, אז ער איז אומגעפאלנ אונ זיכ באוואשנ מיט בלוט. האָט זי אימ דעמלט אָנגעכאפט פאר די האָר, אונטערגעהויבנ, פארקלעפט די וווּנד מיט א צעקײעט שטיקל ברויט, אימ ארײנגעשפיגנ אינ מויל, ער זאָל אופהערנ ווײנענ, אונ ארויסגעוואָרפנ אינדרויסנ, ווי א קאוויוטשענדיק הינטל.

אזא וועלט האָט געהאט דער קינפטיקער מיליאָנער, הערמאנ גאָלדקרעמער, אזש ביזנ צעניאָריקנ עלטער. עמעס, לויטנ וווּקס אונ לויטנ אויסזעג זײנעמ איז ער געווענ ענלעכ אפ א זיבניאָריקנ, אי דאָס אפ א ווײניק=אנטוויקלטנ. ער האָט ניט פארמאָגט קײנ קינדערשע קראפט

גאָרניט. ווי לאַנג ער איז אַזוי געשטאַנען, צוויי שפּאַנ אָפּגעטראָטנ פונ דער מוטערס בלוי־געוואָרענעם פאַרגליווערטנ טויטנ קערפּער — ווייסט ער אַליינ ניט. ער קאָנ זיכ אַפילע ניט דערמאָנענ, ווער אונ וויאַזוי האָט אים צעבּורקעט, ווענ אונ ווּהינ האָט מענ באַהאַלטנ דעם טויטנ קערפער, — דאָס אַלצ איז פאַרזונקענ געוואָרנ אינ אייביקער פאַרגעסנהייט.

ער איז געקומענ צו־זיכ באַנאַכט אינמיטנ דער גאַס. דער הונגער האָט אים געריסנ זיינ אינגעוויד, דורשט האָט אים געבּראָטנ דעם האַלדז, אונ אומרו האָט אים ווי מיט קלאַמערנ געפרעסט דאָס האַרצ. אַרומ־אונ־אַרומ האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, אַ טויבע, אַ פינצ־טערע. פונ מאָל צו מאָל נאָר האָט פונ ערגעצ אַ ווייטנ ווינקל, ווי פונ אונטער דער ערד, זיכ דערטראָגנ אַ פאַרטויבטער יאָמער, אַ קרעכצערײַ. אינ די הײַזער, וווּ ס׳זײַנענ נאָכ געווענ לעבּעדיקע מענטשנ, בּלינצלט שײַנ, אַרײַנשנײַדנדיק זיכ אינ דער פינצטער, ווי שאַרפע מעסערס. דעמ קליינעמ הערמאַנענ ווערט נאָכ שרעקלעכער, ווענ ער קוקט זיכ אײַנ אינ יענע פײַערלעכ, — ביז איצט פילט ער נאָכ דעמ גאַנצנ טהאָמ פונ זײַנ עלנט, פונ זײַנ יעסוימעדיקײַט, — ניטווילנדיק קלינגענ אים די ציינ אינ מויל, די קני ברעכנ זיכ אים אונטער, ס׳נעמט אים שווינד־לענ אינ די אויגנ. נאָר אָט האָט אַ בּלאָז געטאָנ אַ קאַלטער ווינט פונ מיזרעכ־זײַט, אים אַ ביסל אָפּגעפרישט. ער גייט איבּער די גאַסנ אַ פאַרציטערטער, אַלע מאָל קוקט ער זיכ אומ. נאָר דער הונגער לאָזט אים ניט צו רו, טרײַבּט פונ אים אָפּ אַלצ מיטאַנאַנדער, טרײַבּט אָפּ אויכ די שרעק אונ גיט אים אופּ אַ נײַעמ, אַ דרייסטנ געדאַנק. הערמאַנ קווענקלט זיכ ניט לאַנג, — מיט שטילע קעצענע טריט גאַנוועט ער זיכ צו דער ערשטער שטוב, פונוואַנענ ס׳שלאָגט קיינ שײַנ ניט אַרויס, ווו אַלע זײַנענ, הייסט עס, אויסגעשטאָרבּנ. די ערשטע שטוב, צו וועלכער ער איז צוגעקומענ, איז געווענ פאַרשלאָסנ, אויפרײַסנ די טיר האָט ער קיינ קויעכ ניט. איז ער אַוועקגעקראָכנ צו אַ צווייטער. דאָ איז דער לעצטער לעבּעדיקער מענטש ערשט ניט לאַנג אויסגעגאַנגענ. די שטוב איז געווענ אָפנ, איז הערמאַנ אַרײַנגעגאַנגענ אינעווייניק. צומ אַלעמ ערשטנ איז ער אַוועקגעקראָכנ צו דער פאָליצע, צומ ברויט־שאַפקעלע, — אומעטומ אַרומגעשאַרט, געזוכט מיט וואָס ס׳ניט איז שטילנ דעמ הונ־גער. צומ גליק האָט ער געפונענ אַ גרויסע פײַדע ברויט. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָנ, אונ אינ איינע שרעק זיכ געלאָזט לויפנ פונ דער שטוב. צו די צאָרעס האָט ער באַמ אַנטלויפנ זיכ פאַרטשעפּעט אינ אַ טויטנ

קוימ פלעג זיי דאָרטנ אויב טרעפנ, עפשער איינער פונ הונדערט האָט זיכ אומגעקערט צוריק. הערמאַנס מוטער האָט אָבער קיינ געלט ניט געהאַט, ניט געווענ פאַ וואָס צו פאַהדינענ, איז קיינ שטיקל ברויט ניט געווענ אינ שטוב, גאָרנישט ניט. זי האָט זיכ אומגעשלעפט אַרומ דער שטוב, א געדירטע פונ דערשרעק אונ פונ הונגער, געוויינט אונ געיאָמערט, ביז זי איז אַנידערגעפאַלנ אפ דער ערד, אנ אָנגעשטעקטע. הערמאַנ געדענקט גוט, ווי ער איז געקומענ צו לויפנ צו איר אונ מיט קינדערשנ נײַגיר זיכ דערנענטערט צומ צונויפגעקאָרטשעטנ בלויגעוואָרענעמ קערפער, וואָס האָט שוינ געגויסעסט. ביז איצט שטייט אימ לעבעדיק פאַר די אויגנ דער אויסדרוק פונ איר פאָנעמ, אַזאַ מעסוקנ קרענקלעכער, איבערגעקרימטער אונ פאַרענדערטער, אַז אימ, דעמ קליינעמ קינד, איז א פראָסט איבערגעלאָפנ איבערנ לײַב. ער האָט פאַרגעדענקט יעדע באַוועגונג אירע, יעדעס וואָרט אירס אינ יענע שרעקלעכע מינוטנ פונ אייביקער צעשיידונג. צוערשט האָט זי א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, ער זאָל נאָענט צו איר ניט צוגיינ — די מוטערלעכע ליבע, כאָטש אונטער א גראָב הייטל, האָט נאָכ געטליעט אינ איר, זיכ אַרויסגעוויזנ אינ דער מינוט פונ שווערסטער פײַנ. איר האַנט, אַנ אויסגעשטרעקטע, איז אָנמעכטיק אַראָפגעפאַלנ אפ דער ערד, אונ הערמאַנ האָט געזענ, ווי אַלע אָדערנ, אַלע מוסקולנ אירע האָבנ זיכ איינגעשרומפנ, געצוקט אינ קראַמפנ, ווי זי האָט געציטערט פונ קעלט, אונ פונ אונטער דער הויט זײַנענ אָנגעלאָפנ בלוי־גרינבלעכע פלעקנ.

— הערש, — האָט זי אַרויסגעכריפעט, — גיי ניט צו... צו מיר!..

דאָס יינגל איז געשטאַנענ א פאַרשטאַרטער. אינ יענער מינוט האָט ער זייער ווייניק פאַרשטאַנענ, וואָס אַזוינס קומט פאָר. דער מוטערס קערפער, אַנ אײַנגעצויגענער אינ קראַמפנ, האָט זיכ גענומענ איבערקײַקלענ פונ איינ זײַט אפ דער צווייטער. אפ איינ רעגע האָט הערמאַנ דערזענ אירע אויגנ: זיי זײַנענ געווענ פאַרלאָפנ מיט בלוט, פונ אָנשטרענג אַרויסגעזעצט פונ די אויגנ־לעכער.

— הערש!.. ערלעכ לעב! — האָט אַרויסגעקרעכצט די אומגליקלעכע, קוימ אָטעמענדיק. אינ אָט דער מינוט האָט זי א פאַל געטאָנ מיטנ פאָנעמ צו דער ערד.

הערמאַנ איז געשטאַנענ, מוירע געהאַט צוגיינ צו איר, מוירע געהאַט אַנטלויפנ.

— וואַסער! וואַסער! — האָט זי אַרויסגעכריפעט, קרעכצנדיק, נאָר הערמאַנ האָט זיכ ניט געקאָנט רירנ פונ אָרט. אונ מער געדענקט ער

אויסערגעוויינלעכע, און פאַר זײַנ יונגנ אָרגאַניזמ אויסערסט=שווערע, אײַנדרוקנ האָבנ פאַרטעמפּט זײַנ זיקאָרנ. ער געדענקט בלויז איינ זאַכ, אַז אָפּט האָט ער זיכ אַרײַנגעשלײַכט אינ פּוסטע הײַזער, א געטריבענער פונעמ הונגער, און גענישטערט אינ דער פינצטער אינ אַלע ווינקעלעכ, ביז ער האָט ניט געפּאַקט עפּעס עסנ, א שטיקל ברויט. אַז ניט איינ מאָל האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ אַפּ קאַלטע, גלימשיקע טויטע קערפּערס און ס'האָט אימ געעקלט פונ זיי, אַז עפּעס איינמאָל האָבנ יונגלעכ אימ נאָכגעיאָגט (אַפּאַנעמ, אַזוינע, ווי ער, יעסוימעס, וואָס האָבנ איבערנ הונגער זיכ גענומענ צו דער זעלבער אַרבעט) און אַז ער האָט געוויינלעכ גענעכטיקט אונטער פּלויטנ, אינ בוריאַנ אָדער אונטער ביימער, וואָס זײַנענ געשטאַנענ עפּעס אַפּ א ברייטער טאָרהאָוויצע. אגעוו, וואָס ווײַטער געדענקט ער אַלצ ווייניקער, — עפּעס האָט אימ געשלאָגנ א היצ אינ קאָפּ, אינ ברוסט=קאַסטנ, — פאַר די אויגנ האָבנ אָפּט געשווינדלט רויטע רעדער, — צומ סאָפּ איז אַלצ פאַרשווונדנ געוואָרנ, פינצטער...

ער האָט זיכ אויפגעכאַפּט אינ עפּעס א גערוימענ צימער, ווו ס'איז געווענ זייער קאַלט. ער איז געלעגנ אינ א בעט, צוגעדעקט מיט א קאָלדרע, און געציטערט. די זונ, זעט אויס, איז נאָרוואָס פאַרגאַנגענ, און א קאָסע שטראַל האָט באַלויכטנ א בלאַנקנדיק לאַקירט שוואַרצ ברעטעלע איבער זײַנ קאָפּ. פונ אַלע זײַטנ זײַנענ געשטאַנענ אַסאַכ אַנדערע בעטלעכ — א קרעכצנ, אַנ אויקענ... עפּעס א פרוי אינ שוואַרצנ גייט שטיל=שטיל אַרומ און קוקט זיכ צו צו די בעטלעכ. ער האָט זיכ פאַר איר זייער דערשראָקנ און צוגעמאַכט די אויגנ. ווידער זיכ פאַרגעסנ...

ווי דורכ א כאָלעמ דערטראָגט זיכ צו אימ א פּישטשענדיקע אומדערטרעגלעכע שטימ, וואָס זינגט מאָנאָטאָנ לאַנג=לאַנג. עפּעס ווייסט ער, דאַכט זיכ, אַז דאָס איז א שפּיטאָל, נאָר ווי קומט ער אַהער, וואָס טוט ער דאָ — דאָס ווייסט ער ניט.

הערמאַנ ווייסט ניט ביז הײַנטיקנ טאָג, ווי לאַנג ער איז געלעגנ אינ שפּיטאָל, אַפּ וואָס ער האָט געקרענקט, פונוואַנענ האָט מענ אימ געבראַכט און אינ וואָס פאַר א זכוס. די אײַנדרוקנ פונ יענער צײַט שווינדלענ באַ אימ אינ קאָפּ, ווי אויפלויכטנ פונ ווײַטע בליצנ.

געווענ איז א טריבער האַרבסטיקער רעגנ=טאָג, ווענ מע האָט אימ אַרויסגעלאָזט פונ שפּיטאָל. אַרויסגייענדיק דאָס ערשטע מאָל אַפּ דער פרישער לופט נאָכ א לאַנגער קרענק, האָט ער זיכ דערפילט אַזוי שלאָבעריק, פונ אַלעמענ פאַרגעסנ, ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער איצט אָנהייבנ

מענטשנ, וואָס איז געלעגנ אפ דער ערד, נאָר ער האָט דעמ מגער'נ רויב פונ די הענט ניט ארויסגעלאָזט.

איינגעשטילט דעמ הונגער, איז דאָס ייִנגל פארקראָכנ אונטער א פארוואקסענעמ פלויט אונ איז אנשלאָפנ געוואָרנ ווי א געהארגעטער. דעמ צווייטנ טאָג האָט ער זיכ אופגעכאפט א געקרעפטיקטער, — ס'האָט אימ באזונדערס געפרייט דער לויטערער, ווארעמער, זוניקער טאָג, אונ ס'זײַנענ פארשווונדנ געוואָרנ אלע זײַנע פכאָדימ. ער האָט זיכ געלאָזט לויפנ איבער די גאסנ, ניט געלייגט קיינ אכט אפ די גוואלדנ אונ געוויינענ, וואָס האָבנ זיכ געטראָגנ פונ אלע זײַטנ. דער געדאנק וועגנ אייגענעמ טויט האָט אימ ניט געקימערט, אונ פונעמ נעכטיקנ ברויט איז נאָכ א היפשע שטיק געלעגנ בא אימ אינ בוזעמ — פאר הונגער האָט ער קיינ מוירע ניט געהאט. אָט האָט ער אָנגעטראָפנ אפ איינער א גאס, ווו מע האָט געפירט טויטע פונעמ מייסימ־שטיבל אפנ בייסוילעמ — ווײַט הינטערנ שטאָט. ער האָט נײַגעריק זיכ צוגעקוקט צו אלצדינג. איבער דער גאס האָט זיכ געצויגנ א לאנגע ריי פורנ. איינע נאָכ דער צווייטער, אָנגעוואלגערטע מיט טרונעס פונ אפדערגיכ צונויפגעשלאָגענע ניט־געהובלעוועטע ברעטער. אינ יעדער טרונע זײַנענ געווענ צונויפגעקוועטשט צו צוויי, צו דרײַ טויטע, וואָרעמ פאר אלעמענ האָבנ קיינ טרונעס ניט געקלעקט. דורכ די שפאלטנ אונ אָפגעשטאנענע דעקלעכ האָבנ זיכ ארויסגעשפארט אונ ס'זײַנענ נאָכגעהאנגענ הענט, פיס, — אָט נאקעטע, העסלעכ־גרינבלעכע, אָט אינ שמאטעס אָדער אָנשטענדיקע קליידער. די גוואלדנ אונ דער יאָמער פונ די יעסוימימ זײַנענ אפ קיינ איינ מינוט ניט שטיל געוואָרנ, — מענגעס מענטשנ האָבנ זיכ געשטופט מיט דער גאס, פיל זײַנענ געפאלנ אינמיטנ וועג, אָנגעשטעקטע.

הערמאנענ האָט אָנגעכאפט א גרויל, ווענ ער האָט א קוק געטאָנ אפ דער דאָזיקער שרעקלעכער אומענדלעכער פראָצעסיע, — ער איז אינ איינ אָטעמ אנטלאָפנ פונ אָט דער גאס, אליינ ניט געוווּסט וווּהינ, אבי נאָר אינ די ווײַטע, טויבע געסלעכ, אָבער נאָכ א לאנגע צײַט דערנאָכ האָט אימ געקלונגענ אינ די אויערנ דאָס קלאפערנ פונ די טרונעס, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעוואלגערט אפ די וועגענער, וועלכע האָבנ זיכ געשלעפט איבער דער שטיינערדיקער, גריבערדיקער גאס, — ס'האָט זיכ אימ אויסגעדוכט, אז ער הערט דאָס שוידערלעכע געוויינ, אונ ניט איינ מאָל האָט עס אימ געשראָקנ אינ א שטילער נאכט.

ווו ער האָט אומגעבלאָנקעט ביזנ סאָפ טאָג, וויאזוי ער האָט פארבראכט די ווײַטערדיקע טעג — דאָס געדענקט ער ניט אקוראט. די

— קיינ גוביטש! איכ האָב דאָרטנ א שטוב, אונ א פערד האָב איכ, אונ א וועגעלע. פרילינג-צײַט וועלנ מיר ארויספאָרנ בײַטנ שמאטעס. ווילסט? אײַ, מירנ לעבנ א גוטנ טאָג. דער טאטע דײַנער איז אויכ אוועקגעגאנגענ, געשטאָרבנ, נעבעכ!

הערמאנ האָט זיכ ניט געהאט וואוהינ אהינצוטונ, ווו א נאכט איבער-נעכטיקנ, אונ איציק האָט ניט געוואָלט אימ לאָזנ אליינ. דעמ זעלבנ טאָג נאָכ האָט ער אימ געבראכט צו פירנ צו זיכ אהיימ. די כאָלערע איז שוינ שטיל געוואָרנ, זינט ס'האָבנ זיכ געשטעלט די הארבסטיקע קעלטנ אונ די בלאָטעס, נאָר די מענטשנ האָבנ נאָכ ניט באוויזנ קומענ צו זיכ נאָכנ שרעקלעכנ אומגליק. זייער זעלטנ האָט מענ געקאָנט עמעצנ אָנטרעפנ אפ דער גאס. אונ האָט מענ שוינ איינעמ באגעגנט — האָט ער אויסגעזעענ אזוי דערשראָקנ, וויסט, פארזאָרגט, פינצטער, אז ס'האָט זיכ אויסגעדאכט, אז אלע זײַנענ נאָרוואָס ארויס פונ טורמע, ווו זיי זײַנענ לאנגע יאָרנ געלעגנ אינ דער נעץ, אפ דער קעלט, אינ דער פינצטער אונ זיכ אָנגעליטנ גענוג צאָרעס.

קיינ גוביטש איז געווענ ניט נאָענט, דער שליאכ איז געווענ צע-ווייקט, בלאָטיק, די ערד האָט זיכ געקלעפט צו די פיס, מע איז געגאנ-גענ ווי געפענטעט. אונדזערע פוסגייער האָבנ זיכ גענוג אָנגעמאטערט שפאנענדיק. זיי זײַנענ געגאנגענ פאוואָליע, געקראָכנ ווי די טשערע-פאכעס. איציק נאָכ ווי-ניט-איז, נאָר דער קליינער הערמאנ, וואָס איז ערשט ניט לאנג אופגעשטאנענ פונ א קרענק, — ער האָט זיכ ארויסגע-שלאָגנ פונ די קויכעס, ביז ער האָט זיכ דערשלעפט צו איציקס שטוב. זײַנ ווייכהערציקער אָפעקונ האָט אימ אומגעטראָגנ אפ די הענט, אימ געפירט, ריכטיקער געזאָגט, געשלעפט נאָכ זיכ, אימ אײַנגערעדט, אונ-טערגעגעבנ מוט. שפעט באנאכט זײַנענ זיי אָנגעקומענ, אונ הערמאנ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ א באנק אונ איז באלד אנשלאָפנ געוואָרנ, ווי א דערהארגעטער.

גוביטש איז א גאנצ גרויס דאָרפ, וואָס ליגט צעוואָרפנ לענגויס דעמ טײַכ טיסמעניצע, אפ האלב וועג צווישנ באָריסלאוו אונ דראָהאָ-ביטש. צו צאָפנ-צו הייבט זיכ א מעשופעדיקער פלאצ, אונ אפ דאָרעמ, פונ יענער זײַט בערגלעכ, איז צו זענ א צווייטנ הויכנ פלאצ, ווו ס'האָט פרעכטיק זיכ צעלייגט אינ א פירעק דער דעמבענער וואלד טעפטיוזש. דאָס דאָרפ האָט זיכ צעוואקסנ אפנ פלאכלאנד, וואָס ציט זיכ פונ באָריסלאווער פארגרוקנ העט-העט פאזע דער טיסמעניצע אזש ביז קאָ-לאָהוב, אונ פארייניקט זיכ מיטנ דניעסטער-טאָל. גוביטשער אומגעגנט



ЛЬВІВСЬКА БІБЛІОТЕКА
АН УРСР
№ 31 662

טון, אַז א שרעק האָט אים אָנגעכאַפּט איִנמיטן דער ברייטער פּוסטער גאַס, פּונקט ווי דעמלט, ווען ער האָט אַמאָל באַנאַכט דערזען די בלינצלדיקע פייערלעך אין די פענצטער. ער האָט זיך קוים געקאָנט דערמאָנען, וואָס אַזוינס איז מיט אים פאָרגעקומען פאַר דער קרענק. ס'האָט זיך אים געגלוסט וויינען, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און געלאָזט זיך גיין וווהין די אויגן טראָגן, טיאַפּקענדיק מיט זיינע קליינע פיסלעך אין דער בלאָטע.

— הערש! הערש! קום נאָר אַהער! — האָט עמעצער פון דער זייט א געשריי געטאָן צו אים אַף ייִדיש. דאָס ייִנגל האָט זיך אויסגעקערעוועט און דערזען פאַר זיך א בידעריק מענטשל, א קאַסאַקע, מיט א שיטער בערדל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א צעריסענער בעקעשע, די שטיוול פאַרליאַפּעט מיט בלאָטע ביז העכער די כאָליעוועס. הערמאַן האָט זיך געכידעשט, וואָס וויל פון אים האָבן אָט דער פרעמדער מענטש, און איז ניטגערן צו אים צוגעגאַנגען.

— דו דערקענסט מיך ניט? — האָט געפרעגט דער ייִד.

הערמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געגלאָצט אַף אים די אויגן.

— איך בין איציק שובערט, געדענקסט? מיין ווייב האָט געוווינט בישכיינעס מיט דיינע מאַמען, געדענקסט?

הערמאַן האָט זיך קוים־קוים דערמאָנט, נאָר דערהערנדיק דער מוטערס נאָמען, האָט ער זיך צעוויינט אַף א קול, ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס.

— נו, נו, וויין ניט, — האָט דער ייִד זיך אָנגערופן מיט א גוטמוטיקער שטים. — זעסטו, מיינע זיינען אויך אויסגעשטאָרבן. וואָס קאָן מען מאַכן? אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן, אַלע ביז איינעם, — האָט ער צוגעגעבן פאַרזאָרגט, ווי ער זאָל רייסן צו זיך אַליין, — טויבע און דאָס ייִנגל, אַלע! נו, נו, שאַ זאָל זיין, ווער שוין אָנשווייגן, וועסט נאָרניט מאַכן מיטן געוויין! און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אויך געשטאָרבן, לאָזט זיך אויס, אַז דו לעבסט נאָך!

הערמאַן האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, ער האָט געכליפּעט און זיך געווישט די אויגן מיטן אַרבל.

— ווייסטו וואָס, הערשל, — האָט איציק זיך אָנגערופן, — קום מיט מיר.

הערמאַן האָט א קוק געטאָן אַף אים, גלייך ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

— וווהין?

НКО—УРСР БІБЛІОТЕКА 154

ביקע, איז אים גאָר אפנ געהאנק ניט געקומענ צו נעמענ דאָס ייִנגל פעסט אינ די הענט ארײַנ, אים צווינגענ צו זײַנ געהאָרכזאם, ווי ס'האָבנ ליב צו טונ אנדערע אָפּעקונענ, וועלנדיק קלוימערשט פירנ דעם וויכאָוואנעק אפ א גוטנ וועג; זיי שלאָגנ און פריטשמעליענ דאָס אָרעמע קינד, און ווענ זיי ברעכנ עס שוינ אײַנ, ס'זאָל פאָלגנ זייערע מעשוגענע שטיק, בארימענ זיי זיכ, אז „מיר זײַנענ ניט אבי=וועלכע! בײַ אונדז מוז זײַנ אָרדענונג!“ — אויב ניט, וואַרפנ זיי אויס דעם קינד דאָס שטיקל ברויט, וואָס מע גיט דעמ: „הונט דו אײנער, פאָרסטו אפ מײַנ וועגעלע, זינג=זשע מיר מײַנ לידעלע!“

ווינטער האָט איציק זיכ גענומענ לערנענ הערמאנענ לייענענ און שרײַבנ, — געווײנטלעכ אפ יידיש, ווײַל אנדערש האָט ער אליינ ניט געקאָנט. די לערע איז אָנגעקומענ זייער שווער. הערמאנ איז אויסגעוואקסנ אינ אזעלכע אומגינסטיקע אומשטענדנ אפ צו אנטוויקלענ די גײַסטיקע פײַקײַטנ, אז בלויז די געבוירענע אײַנגעשפּארטקײַט האָט אים מיטגעהאָלפנ בײַצוקומענ די ערשטע שוועריקײַטנ. זײַנ מויעכ, א פלינקער און א פארשטאנדיקער אינ טאָגטעגלעכנ לעבנ, אינ געווײנלעכע זאכנ, — האָט בײַ דער לערע זיכ ארויסגעוויזנ פאר אזא טעמפּנ, ניט=פארגערענקענדיקנ, ניט=רירעוודיקנ, אז אפילע דער געדולדיקער און גוט=מוטיקער איציק האָט ניט אײנ מאָל זיכ געבייזערט, א שמיצ געטאָנ דאָס ביכל און איבערגעריסנ די לעקציע אפ עטלעכע שאָ. ניט געקוקט אפ זײַנ געדולדיקײַט און הערמאנס פלײַס, האָבנ זיי דאָכ פארנ ווינטער אויסגעטאָנ אינ דער לערע ווייניק=וואָס.

דערפאר אָבער, ווענ דער פרילינג איז אָנגעקומענ, ס'איז געוואָרנ וואַרעם און זוניק, דעמלט ערשט האָט זיכ אָנגעהויבנ א לעבנ בײַ הערמאנענ! איציק האָט אײַנגעשפּאנט דאָס פערדל אינעם וועגעלע, אָנגעקויפט אינ שטאָט אלערליי קלייניקײַטנ, וואָס די פויערים נייטיקנ זיכ אינ זיי, און אוועקגעשמיסנ מיטנ דאָזיקנ גוטס איבער די דערפער! ס'ארא כײעס האָט געהאט הערמאנ צו זיצנ פונהינטנ אינ וואָגנ אפנ קעסטל — ארומ אימ פונ אלע זײַטנ זײַנענ געלעגנ קופעס מיט שמאטעס און ברוכווארג, און פונ איבער די דאָזיקע קופעס האָט ארויסגעקוקט א קלײנ קינדערש קעפּל אינ א צעריסנ היטעלע מיט א געזונטער פארב אינ די באקנ, א ראָזעווער, א פריילעכער. ארומ=און=ארום פרעכטיקע גרינע פעלדער, רוישנדיקע וועלדלעכ, בלאנקענדיקע זילבערנע טײַכלעכ, און איבערנ קאָפּ א שיינער בלויער הימל, — ס'איז וואַרעם, שטיל, א כײעס אינ די ביינער, — די פייגעלעכ זינגענ, און זייער

צייכנט זיכ אויס מיט איר ווּנדערלעכער שיינקייט, וועלכע ס'איז שווער צו באַגעגענענ ערגעצ אַנדערש-ווּ. ליב איז דאָס אָרט, ניט גראַנדיעז אוּנ שרעקלעכ, נאָר עפּעס היימלעכ, נאָענט צומ האַרצנ. אינ די פאַרשיידנקאָליריקייט פוּנ די קעגנשטאַנדנ, קאָמבּינאַציעס, — די קאָנטוּרנ זײַנענ פאַרקײַלעכיקט, ווייכ, האַרמאָניש, די טײַכנ ניט קיינ גרויסע, שטראָמיקע, ריינע, די לוּפט א געזוּנטע, ווי אינ די בּערג, אָבּער אָנ יענער באַרגיקער שאַרפקייט, וועלכע דערעסט אַזוי גיכ, — אוּנ אויסערדעמ די ברייטע פּאַנאָראַמע פוּנעמ ווײַטנ פּלאַכלאַנד, פוּנ די הוּנדערטער פעלדער, וועלדלעכ אוּנ מענטשלעכע ייִשעווּס, וואָס זײַנענ צעוואָרפנ אָט רייענווײַז, אָט אינ פּרעכטיקע גרוּפּעס, אָט אינ בּוּנטער געקעסטלטקייט...

הערמאַנס לעבנ איז ווירקלעכ געוואָרנ איצט אַנ אַנדערס. איציק איז געווענ א מענטש א גוּטמוּטיקער, מיט ניט קיינ איבעריק שטאַרקנ כאַראַקטער. געוווינט געווענ פוּנ קליינווײַז אויפ צו בייגנ דעמ קאָפּ פאַר יעדנ איינעמ, האָט ער נאָכגעגעבנ דעמ קליינעמ הערמאַנענ, וועלכער האָט אָפּ זײַנ לעבנ ניט געוווּסט פוּנ קיינ לאַסקע, ניט געהערט קיינ גוּט וואָרט, קיינער האָט אימ ניט געפּעסטעט. הערמאַנ האָט דערזענ פאַר זיכ א נײַ, א בּעסער לעבנ. שוינ די געזוּנטע לוּפט אַליינ איז געווענ פאַר אימ א גרויס גליק. אַלע יאָרנ זײַנע בּיז איצט האָט ער זיכ געוואָרגנ אינ דער שטיקנדיקער, אוּמגעזוּנטער לוּפט פוּנ דער ענגער, שמוּציקער פאָרשטאָט, איצטער האָט ער מיט פאַרגעניגנ אַרײַנגעאָטעמט אינ זיכ ריינע דאָרפישע לוּפט, דאָס בּלוּט האָט אַזש גענוּמענ שפּילנ אינ זײַנ קערפּער, אוּנ דער קאָפּ האָט זיכ אימ געדרייט, ווי ער זאָל שיקער זײַנ. איציק האָט אימ געמאַכט א נוּסנ געלעגער, א טרוּקענעמ, וואַרעמענ, ראַכוועסדיקנ, — אוּנ הערמאַנענ האָט זיכ אויסגעוויזנ, אַז קיינ בּעסער בּעט, ווי זײַנ טאַפּטשאַנ מיטנ היי-אָנגעשלאָגענעמ מאַטראַצ אוּנ מיט דער בּעקעשע אָנשטאָט א קאָלדרע, קאָנ גאָר ניט געמאָלט זײַנ. אַפילע דער אָפּעקוּנ זײַנער האָט קיינ בּעסערנ געלעגער ניט געהאַט. געקעכטס פלעג קאָכנ איציק אַליינ, הערמאַנ האָט אימ אוּנטערגעהאָלפנ, מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, — דאָס עסנ איז געווענ ניט שטענדיק געשמאַק, אָבּער זיי איז עס געווענ געפעלנ, ווײַל דער הוּנגער האָט עס פאַרפּראַוועט. בּיכלאַל איז איציק זיכ בּאַגאַנגענ מיט הערמאַנענ, ווי מיט זײַנס א גלײַכנ, אימ געהאַלטנ פאַר א פאַרשטאַנדיקנ אוּנ זיכ געייעצט מיט אימ בּאַ אַלע געלעגנהייטנ, ווי מיט א גרויסנ. די נאַטוּר זײַנע איז געווענ א ווייכע אוּנ א נאָכגעבּ-

ער איז אליינ א שמאטניק און צו אים קומענ פרויענ אונ דינגענ זיכ מיט אים (פאר זייערע שמאטעס).

אט זײנענ זיי אראפגעפארנ פונעם בארג, אופהייבנדיק א וואלקנ שטויב, — ס'זײנענ אויסגעוואקסנ פאר די אויגנ גרינע ווערבעס, ווײנשל־ביימער, ס'זילבערט זיכ א טײכל צווישנ די הײזער, קינדער שפילנ זיכ אפנ וויהאנ, דאס פי בלאנקעט אום אינ די הויפנ: א דארפ. הער־מאנ קריכט אראפ עפענענ העמ שלאגבוים אונ פארשליסט אים גלײכ, ווי נאר דאס וועגעלע פארט דורכ. ער לאזט זיכ לויפנ נאכנ פורל, ווײל ער הערט שוינ די הינט בילנ, — פונ די פריזבעס האבנ א יאג געטאנ מיטשקעס הינט אפ גריסנ זיכ מיטנ גאסט. דעמ שמאטניקס מאדנע אנטונ, דאס נאכ מער מאדנע וועגעלע זײנס צערייצט זיי ביז גאר, אונ ווענ איציק אדער הערמאנ הייבנ אנ שרײענ מיט א צעצויגענער שטימ: „בײט שמאטעס, בײט!“ — ווערנ די הינט נאכ מער צעבייזערט, זיי גראבלענ אזש די ערד מיט די לאפעס פאר בייזקײט. די גאנצע מיטשקע לויפט נאכ נאכנ וועגעלע: אייניקע נעמענ זיכ צומ פערדל, וואס האלט אינ איינ שאקלענ מיטנ קאפ אינ אלע זײטנ, ווי ס'זאל זיכ גריסנ מיט גוט באקאנטע, אונ ווענ א הונט לאזט זיכ שפרינגענ אנט־קעגנ, הייבט עס אנ פירקענ אונ הייבט אופ דעמ קאפ ארופ. א טייל הינט האבנ גענומענ אפנ אויג דעמ שמאטניק, — זיי שטייענ נית אפ פונעמ וועגעלע, כאפנ זיכ אנ מיט די ציינ פאר די רעדער, נאר זיי קאנענ גארנית מאכנ. הערמאנ איז שטארק צופרידנ פונ דער גאנצער שפיל, — ער רייצט די הינט מיט דער פײטשעלע אונ קײכט פאר געלעכטער, ווענ א הרייסטערער שטעלט זיכ אופ אפ די הינטערשטע פיס אונ וויל ארײנ־שפרינגענ אינ וועגעלע, — טוט דאס וועגעלע א פאר ווײטער, אונ דאס הינטל כאפט א משמעל אונ קערט זיכ איבער אינעמ שטויב.

אינ די הײזער, אינ די הויפנ איז א גערודער, א געפילדער, א געשריי, אנ אנגעלויפ... פרויענ, יונגלעכ, קינדער, — אלע לויפנ ארויס אפ דער גאס, אנטאקעגנ דאס גראשנ־הענדלערל. נאר דער שמאטניק מאכט זיכ קלוימערשט, אז ער זעט זיי נית, אז ער הערט נית, ווי זיי שרײענ: „פעטער! ווארט נאר צו!“ ער זעט, אז ס'איז נאכ ווייניק אוילעמ, פארט ער ווײטער. אפ די בריקלעכ אונ אינ די הויפנ ווארטנ אפ אים אנדערע, אונ ער שרײט אויס ווידער זײנ צעצויגענעמ: „בײט שמאטעס, בײט!“ ערשט איצטער שטעלט ער אפ דאס פערדל, ווארפט דעמ צו א קולעקל היי, קערט זיכ אומ צומ וועגעלע אונ נעמט ארויס דאס קעסטל מיטנ גוטס, וואס ער בײט אויס בא די פויערימ אפ שמאטעס. אט דא

געזאנג גיסט זיכ צונויפ מיטנ זשום פונ די מוקנ, מיטנ געוויש פונעם גרינעמ געבלעטער, מיטנ פלים פונ די ריטשקעס אינ איינ הארמאָנישער ליד פונ גליק, פראכט אונ רו.

עכ, וויפל מאָל דערמאָנט זיכ אויכ איצט הערמאנ גאָלדקרעמער, דער מיליאָנער, יענע צייט פונ זיינ פריילעכנ, פרייענ, עמעס ציגיינערשנ לעבנ! ער דערמאָנט זיכ אינ דעמ, עמעס, ניט מיט קיינ איבעריקער פרייד, — ער קוקט איצט מיט שטאָלצ אפ יענער אָרעמקייט, אפ דער יאָגעניש נאָכ א פאָר קרייצערס, אפ דער סימכע, ווענ זיי האָט זיכ איינגעגעבנ אויסבייטנ אסאכ שמאטעס, — אימ ארט אפילע אָט יענע שטילע פרייד, אָט יענער פארגעניגנ, וואָס ער האָט דעמאלט געפילט; אָבער דאָכ שעפטשעט אימ אריינ עפעס א געהיימע שטימ, אז דאָס איז געווענ די גליקלעכסטע צייט אינ זיינ לעבנ, אז דאָס שטילע גליק, די רו, די לויטערע טעג, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אינ אָרעמקייט, אינ איציקס וועגעלע, וועלנ זיכ שוינ צו אימ קיינמאָל ניט אומקערנ.

אָט, מאכט זיכ, פאָרנ זיי מיטנ שטויביקנ שליאכ: ארום=אונ=ארום קיינ לעבעדיקער נעפעש ניט, די טווע איז נאָכ ניט רייפ, — א גרינג ווינטעלע בייגט צו דער ערד די שווערע זאנגענ פונעם געל=ווערנדיקנ קאָרנ. דער וואָנצעדיקער גערשטנ טרעט ווו=ניט=ווו ארויס ווי א העלגרינער פאס, די ווינטער=ווייצ הוידעט זיכ שטאָלצ אפ אירע גלאטע שטאלטנע שטענגעלעכ. דו קוקסט זיכ ארום, אונ דו זעסט ניט קיינ מענטשלעכע וווינונג, — דאָס דאָרפ איז אינ טאָל. ווייט=ווייט אפ מיזרעכ האָבנ זיכ צעגאָסנ די לאָנקעס אינ א גרינער שמעקנדיקער אָזערע, פונדאָרטנ דערטראָגט דער ווינט א געקלאנג פונ קאָסעס, אונ ערגעצוו איז צו באמערקנ רייענ ווי פונ גרויסע ווייסע מורעשקעס, וועלכע באָרענ זיכ אינעמ גרינס — דאָס זיינענ היי=שניטערס. איציקס פערדל איז זיכ ווי צופרידנ מיט דער שטילקייט, מיטנ וואַרעמענ וועטער אונ מיט דער דופטיקער לופט, דאָס פערדל גייט טראָט=בא=טראָט איבערנ „פוילישנ" שליאכ אונ צופט זיכ א גרעזל נאָכ א גרעזל. איציק ברומט א לידל אונטער דער נאָז, מיסטאמע: „פינצטערער באלעגאָלע", — די בייטש איז אריינגעשטעקט אינ גארטל, ער שאָקלט מיטנ קאָפ, אפ רעכטס, אפ לינקס, ווי ער זאָל זיכ גריסנ מיט די ווונדערלעכע געבענטשטע פעלדער, מיט דער לאָנקע אונ מיט דער בלויער ווייט. אונ דער קליינער הערמאנ זיצט זיכ צווישנ די קופעס שמאטעס, שניצט עפעס אונ פירט מיט זיכ אליינ פארשיידענע געשפרעכנ — קלוימערשט

קאמער, ס'לוינט אים ניט זיך אומפירנ מיט זיי. מע נעמט אים אופ פרײַנטלעך, — ס'איז אים שטארק אנגענעמענ צו זיצנ אינ אנ ענגער שטוב, וועלכע איז אָנגעלייגט קימאט ביז דער סטעליע מיט בעטגעוואנט, ס'איז אים אנגענעמענ צו פירנ א געשפּרעך צווישנ קינדערשנ געפילדער אונ אָפּגעהאקטנ שמועס פונ צוויי פויערים, וואָס זיצנ ברייטלעך אינ קרעטשמע אפ דער באנק, אויסגעטרונקענ, צו האלבע קווערטלעך, מיט פארייכערטע ליולקעס, אונ ווארפנ זיך איבער פונ צײַט צו צײַט מיט עטלעכע ווערטער. אונ הערמאנ האָט זיך זײַנ איינעם פארגעניגנ פונעם ארומלויפנ איבערנ הויפ מיטנ ארענדארס יינגלעך, פונעם פילהערנ, ראנגלענ זיך, פונעם קײַקלענ זיך אפנ ווייכנ גראָז. די זונ איז פונקט אפנ מיט הימל. ס'איז הייס, דושנע אזש. די מוקנ אונ די פליגנ דערקוטשענ איציקס פערדל, וואָס פאָרשקעט, שמײַסט מיטנ וויידל, קײַענדיק דאָס שמעקנדיקע היי, וואָס דעמ ארענדארס קינדער האָבנ דעמ צוגעוואָרפנ. די קינדער האָבנ ראכמאָנעס אפנ פערד, — זיי נעמענ אָפּטרײַבנ פונ דעמ די פליגנ. ווענ ס'הערעסט זיי די האָזיקע ארבעט, ברעכנ זיי אָנ גרינע ברייטפלעטערדיקע ווערבעצווײַגנ אונ שטעקנ ארומ דאָס פערדל, ס'זאָל האָבנ א שטיקל שוץ.

די זונ לאָזט זיך אראָפּ נידעריקער. איציק האָט זיך שוינ אויסגערוט, זיך אונטערגעקרעפטיקט, אָנגעפּאָיעט דאָס פערדל, די שמאטעס אלע אריבערגעטראָגנ צומ ארענדאר אינ קאמער אונ זיי ארײַנגעלייגט אינ זײַנ זאק טאקע, וואָס שטייט דאָרט ספּעציעל צוליב דעמ. צײַט זיך לאָזנ אינ וועג ארײַנ. דאָס לײַדיקע וועגעלע קײַקלט זיך גרינג אונ טראכקעט אפנ שליאך. איציק טרײַבט אונטער דאָס פערד אונ פארציט ווידער זײַנ: „בײַט שמאטעס, בײַט!“ עס הייבנ זיך אָנ די פריערדיקע סצענעס, דאָס רינגעניש, די געשרייענ, דאָס לויפעניש, — אונ ס'פאָרט ווײַטער דעמ שמאטניקס פערד-אונ-וועגעלע, ווי אפ א פאראד, אונ פילט זיך אָנ מיט שמאטעס. די זונ איז שוינ העט-העט באמ ברעג הימל, ווענ איציק האָט זיך אופאָרעט מיט די ווײַבער. אָט איז שוינ דער ראנד דאָרפ. הערמאנ לויפט ווידער עפענענ דעמ שלאגבוים — איצטער פאָרנ זיי ארויס שטיל, די הינט זײַנענ שוינ לאנג אנשוויגנ געוואָרנ. ס'קומט זיי ווידער אויס צו פאָרנ בארג-ארופ, צווישנ פעלדער, ווײַט-ווײַט מיטנ ליימיקנ שליאך. נאָר דער וועג איז א טרוקענער, דאָס וועגעלע טראכקעט איבער די הרודעס, — איציק טרײַבט גיך, ווײַל ביז נאכט דארפנ זיי ארײַנפאָרנ אינ א צווייט דאָרפ, זיך אָפּשטעלנ אפ נאכטלעגער בא א צווייטנ ארענדאר. „וויאָ-אָ, קאָסיו! הײַדא!

הײבט זיכ אָנ ערשט א לעבנ, א רירעוודיקס, א באַרײהעוודיקס, א פרײלעכס! דאָ האָט שוינ הערמאַנ אויכ אַרבעט. א גרויסער אוילעמ איז אָנגעלאָפנ, אונ אַלע ווילנ אויסבײטנ — איציק קאָנ זיכ קוימ אופּאַרענ. הערמאַנ גיט אכטונג אפנ וואָגנ אונ האַנדלט אונטער צו־ביסלעכ, — איציק האָט אימ איבערגעגעבנ די דאָרפישע קינדער, וועלכע ס'איז שווער איבעריאָגנ אונ גרינג אָפּנאַרנ. ביז איצט דערמאָנט זיכ הערמאַנ מיט א שמײכל, ווי ער פלעג זיכ דרײענ צווישנ די דאָרפישע יונגלעכ, ווי גיכ ער פלעג מיט זײ דורכקומענ, ווי פלינק ער האָט גע־קאָנט יעדנ אײנעמ אונטערשטופּנ דאָס, וואָס יענער האָט געוואָלט, אונ גענומענ בא אימ שמאַטעס דרײ מאָל מער, וויפל די סבוירע האָט די ווערט געהאַט. אונ וויפל איז געווענ קריגערײענ, געשרײענ, זידלערײ אפ יענע דאָרפישע ווײהאָנעס! באַזונדערס מיט די פרויענ. נעמט אײנע אונ שפּאַרט זיכ אײנ: גיב איר דאָס אָדער יענץ פאַר אזויפיל שמאַ־טעס! אָבער דאָ איז איציק געווענ שוינ ניט דער, וואָס אינדערהײמ: ער שפּאַרט זיכ אײנ אונ זידלט אויס דאָס ווײבל, וויפל ס'קאָנ נאָר אינ איר אַרײנ, אונ פירט טאַקע אויס זײנס. די דינגענישנ געדויערנ א לאַנגע צײט. איציק טרײבט פּאַמעלעכנ אונטער דאָס פערדל אונ שלעפּט זיכ איבערנ דאָרפ. ס'באַגלײט אימ א גאַנצער האַרמידער דאָר־פישע יונגלעכ אונ מײדלעכ, וועלכע האָבנ ניט קײנ שמאַטעס אונ קוקנ מיט קינע אפ די מעסערלעכ, פינגערהוטנ, טאַשמעלעכ, וואָס אַנדערע האָבנ אײנגעקויפט.

וואָס ווײטער דאָס וועגעלע פאָרט איבערנ דאָרפ, אַלצ מער ווערט עס אָנגעוואַלגערט מיט שמאַטעס, — איציק באַטראַכט דעמ אויסגע־וואַקסענעמ הויפנ אונ איז צופרידנ, — ער זעט, אז באַלד האָט ער שוינ א סאָטנאַר [1] אונ ער וועט שוינ קאָנענ אוועקפירנ די קראָמ צומ ליווראַנט [2] קײנ דראָהאָביטש. אָט זײנענ זײ געבליבנ שטײנ אינמיטנ דאָרפ, אנטקעגנ דער ברײטער געמויערטער קרעטשמע. איציק פאָרט אַרײנ אינעמ ברײטנ, שמוציקנ הויפ. מוישע דער קרעטשמער איז זײ־נער א באַקאַנטער. דאָ וועט ער אָפּעסנ מיטיק — געווײנטלעכ, פאַר געצאָלטס — אונ א ביסל באַלאַקענ [3] מיט אימ, דאָס פערדל וועט ער אונטערקאָרמענענ אונ די שמאַטעס אפ א צײט דאָ איבערלאָזנ אינ

---

[1] סאָטנאַר — צענטנער.

[2] ליוועראַנט — אופקויפער, הורט־סויכער.

[3] באַלאַקענ — שמועסנ.

געהייסנ אָפּשטעלנ די בריטשקע אונ זיכ אויפגעשטעלט, אריבערגעקוקט איבערנ פּלויט. דרײַ קינדער האָבנ זיכ געשפּילט אינ הויפ לעבנ קליינעם פארלאָזטנ **שטעלעכל**, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנענ **איציקס פערד**. צוויי קינדער זײַנענ קײַלעכיקע, געפּאַקטע, שוואַרצ-אויגיקע אונ זייער פרייִלעכע. דער דריטער, עטוואָס אַנ עלטער ייִנגעלע, האָט זיכ געהאַלטנ אינ א זײַט אָפּגעזונדערט פונ זיי, זעט אויס ניט גערנ זיכ געשפּילט, געטאָנ אַלצ, וואָס די קלענערע האָבנ אים געהייסנ. זײַנ פּאָנעם איז אַבסאָליוט ניט געווענ ענלעכ צו יענע, — אַפּאָנעם, ער איז געווענ א געפונענער, אַנ אונטערגעקליבענער אָדער א וויכאָוואַנעק. א מיידעלע פונ א יאָר זעקס האָט זיכ אָפט געבייזערט אפ אים, אים געשלעפּט פאַר די הענט, פאַר די אויערנ, געקנײַפּט אינ פּאָנעם אונ זיכ איזדעקעוועט איבער אים, נאָר ער האָט ניט געוויינט, ניט געשריגנ, אפילע זיכ ניט פארקרימט, נאָר אומעטיק געקוקט אפ איר. זעט אויס, ער האָט מוירע געהאַט פאַר איר, אונ נאָכ מער פאַר דער מוטער אירער, וועלכע האָט פּונקט אינ דער מינוט געשריִענ אפ עמעצנ אינעווייניק אינ שטוב.

הערמאַנ האָט לענגער ניט געקאָנט קוקנ אפ דער האַזיקער שפּיל צווישנ די קינדער. ער האָט זיכ אַוועקגעזעצט צוריק אינ בריטשקע אונ געהייסנ א טרײַב טונ די פערד. עס האָט אים געפלעפט דער אומרויִקער, קרענקלעכער קוק פונעם ייִנגעלע, וועלכער האָט ניט געשריגנ אונ ניט געוויינט, בעשאַס די קלענערע האָבנ זיכ געטשעפּעט צו אים. ער האָט זיכ דערמאָנט אינ זײַנע אַמאָליקע שפּילנ מיט די דאָרפישע קינדער. זיי פלעגנ אים פרײַנטלעכ ארײַננעמענ אינ קאָנ, גוטמוטיק געלאָפנ מיט אים, צוזאַמענ געפלאָכטנ בלומענ-קרענצ פאַר די קי אום פריילינג, געגאַנגענ אינ וואַלד ארײַנ נאָכ שוואָמענ אונ ניסלעכ אום האַרבסט, ווענ איציק פלעג ניט פאָרנ איבער די דערפער. פארוואָס האָבנ אַלע זיכ געפילט גלײַכ, אונ דאָ צווישנ קליינוואַרג, פונ איינ גלויבנ, איז אַזא פײַנטלעכע באַציִונג? אונ דאָ האָט ער זיכ באַלד דערמאָנט אינ זײַנ אייגענעם זונ, וואָס האָט שוינ פונ קליינווײַז אופ ליב געהאַט צו שמײַסנ מיט א בײַטש ביז בלוט קלייניקע הינטעלעכ, וואָס האָט געוואָרפנ, גלאַט-אַזוי-זיכ, פרעמדע קינדער אינ ריוועס ארײַנ, וואָס האָט צוליב זאַבאַווע-וועגנ ניט איינ מאָל אָפּגעגאָסנ די קעכנע מיט אָקרעפּ, — ער האָט זיכ דערמאָנט אינעם ווײַב זײַנעם אונ אינ אַלע היימישע שוואַרציאָרנ, — אונ דער שטערנ זײַנער האָט זיכ גענומענ קנייטשנ, פונ די צונויפגעפּרעסטע ליפּנ האָט זיכ ארויסגעריסנ א קלאָלע.

וויאָאָ!״ — שרײַט איציק און נעמט זיך מורמלען אונטער דער נאָז דאָס צעצויגענע לידל: „פּינצטערער פּאָלעגאָלע!״ און ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער! פֿון איין דאָרף אין צווייטן, פֿון באַרג אין טאָל, איבער א רימשקע, אַרויף און אַראָפּ בערגלעך, אין שטויב. פֿאַרבײַ וועלדער פֿאָרט זיך פּאַוואָליע זייער טראַכקענדיק וועגעלע, טראָגט זיך עלנט איציקס שטים. איין ענדערונג נאָך דער צווייטער, און דאָס לעבן איז דאָס זעלבע! איינע אומגעגנט נאָך דער צווייטער, און דער קאַנט איז אַלץ איינער, די שיינקייט די זעלבע, — אַן אייביקע, אַ פּרעכטיקע, אַ רויִקע שיינקייט פֿונעם וווּנדערלעכן באַרגלאַנד...

## II

די דערינערונגען האָבן פֿאַרוויגט הערמאַנען. ער האָט געפֿילט, ווי אינעווייניק אין אים ווערט צעגאַנגען א לאַנגאָניקע, א לאַנגיאָריקע קעלט. יאָרן גאַנצע האָט ער זי געטראָגן אין זיך, — יאָרן גאַנצע, פֿון זינט ער האָט באַסענע געהאַט, — האָט ער געפֿילט, אַז עפּעס א קראַמפּ האָט פֿאַרקלאַמערט זײַן אינגעווייד און פֿאַרטעמפּט אין אים יעטווידן מענטשלעכן געפֿיל. (איצטער האָט אים עטוואָס נאָכגעלאָזט, עפּשער דערפֿאַר, ווײַל ס'האָט זיך אים דערמאָנט די זאָרגלאָזע רו, די וואַרעמע טעג און די שטילע אָוונטן זײַנע באַם שמאַטניק. אָבער ניט אַף לאַנג איז אים געוואָרן גרינגער. אינגיכן האָט עפּעס ווי א געדיכטער נעפּל גענומען פֿאַרהילן זײַנע געדאַנקען, און דער קראַמפּ האָט ווידער צונויפֿגעקלעמט זײַן אינגעווייד, און וואָס אמאָל שטאַרקער, ווען באַ אים אין קאָפּ האָבן אויפֿגעלעבט די ווײַטערדיקע בילדער פֿון זײַן לעבן).

נעכטן אינאָוונט, בײַם זײַן רײַזע אַהערצו, איז ער דורכגעפֿאָרן גוביטש. ס'איז אים אויסגעקומען פֿאָרן פֿאַרבײַ דער לאַנג-באַקאַנטער, אײַנגעבויגענער, האַלב-אײַנגעפֿאַלענער איציקס כאַטע. איצטער געפֿינט זי זיך שוין אין דריטע הענט נאָך איציקן. פֿאַר איר שטייען צוויי נאָקעטע ווערבעס און אַן אַלטער צעבראָכענער טויער. די ווענט זײַנען אויסגעקרימט און אײַנגעזונקען אין דער ערד, די פֿענצטער פֿאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. הונדערטער מאָל איז ער דורכגעפֿאָרן פֿאַרבײַ איר, נאָר קיינמאָל איז אים אפֿן געדאַנק ניט געקומען אַריבערצוקוקן פֿון יענער זײַט הויכן פּלויט, זען, ווער ס'וווינט דאָ? נעכטן, ער ווייסט ניט פֿאַרוואָס און פֿאַרווען, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט א קוק טון. ער האָט

שלאנג האָבנ געפינקלט, ווי גאָלדענע לעבעדיקע רייפלעכ, גרייט אינ אַט דעם אויגנבליק ארומצוכאַפּנ זייער רויב, אונ די אויגנ, אַט די פאַרציטערטע פּײַנערדיקע אויגנ, האָבנ זיכ אײַנגעזויגנ אינ הערמאַנענ, אימ דורכגעשטאָכנ. ס׳איז אימ געוואָרנ ניט היימלעכ. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגנ, ער זאָל ניט זענ פאַר זיכ די שײַנ אונ דעמ שרעקלעכנ געשפּענסט.

ווי־אזוי־זשע ארומ האָט הערמאַנ גאָלדקרעמער זיכ געשאַפנ ; אזא נחאַנדיעזנ מאיאָנטעק? דרײַ יאָר צײַט איז ער אָפּגעווענ בײַ איציק שובערטנ. די געזונטע לופט, די רו, די אָפּטע רײַזעס איבער די הערפער האָבנ אימ געשטעלט אפ די פיס. זײַנ פּאָנעמ האָט זיכ גענומענ אָנגיסנ מיט א געזונטער פארב, די באַוועגונגענ זײַנע זײַנענ געוואָרנ לעבעדיקער, אפילע דער זיקאָרנ אונ די פלינקײַט זײַנע האָבנ זיכ באַרײַטנדיק פאַרבעסערט, די נאַטור האָט גענומענ פאַרגלעטנ די שפּורנ פונ זײַנ וויסטער קינדהײַט, ס׳זײַנענ פּאַמעלעכנ פאַרווישט געוואָרנ די דערינערונגענ וועגנ די פריִע קינדער־יאָרנ. איציק האָט זעלטנ־ווענ דערמאַנט די פרוי זײַנע טויבענ אונ דאָס יונגל זײַנס. עמעס, וועגנ דער כאָלערע האָט הערמאַנ נאָכ גאַנצ אָפט געהערט געשיכטעס, וואָס די גוביטשער פּויערימ האָבנ זיכ אָנגעדערציילט, אונ פונ די דאָזיקע געשיכטעס איז אימ דורכ א פראָסט איבערנ לײַב. ניט איינ מאָל האָט זיכ אימ געכאָלעמט די מוטער, א בלאָו־געוואָרענע, א שרעקלעכע, א קרעכצנדיקע אינ שוידערלעכע קראַמפּנ, אָדער דער לאַנג־צעצויגענער פּאַראַד פונ די וועגענער מיט די אָנגעסטאָסעוועטע טרונעס, וואָס טראַכקענ איבערנ שטיינערדיקנ וועג, פּאַגלייטע פונ די גוואַלדנ אונ פונעמ געיאָמער פונ די יעסוימימ. אָבער אזעלכע כאָלומעס זײַנענ געוואָרנ וואָס אמאָל זעלטענער, — הערמאַנ איז געוואַקסנ, געוואָרנ קרעפטיק אונ פעסט אפ די פיס, כאָטש ס׳זײַנענ נאָכ אינ אימ געבליבנ גענוג שפּורנ פונ זײַנע פריִע קינדער־יאָרנ. ניט איינ מאָל איז אימ באַפאַלנ זײַנ אמאָליקע פוילקײַט, אונ ער פלעג זיצנ מיט פאַרלייגטע הענט גאַנצענע טעג אפ דער באַנק, ניט אויסריידנדיק קיינ וואָרט צו איציקנ. אָבער דאָס אלצ האָט ניט געשטערט זייער גוטער באַציִונג צווישנ זיכ. אונ הערמאַנ וואָלט זיכ געוויס געווענ אויסגעהיילט פונ אַט די פעלערנ, ווענ ער זאָל געווענ פאַרבלײַבנ אינ גוביטש אפ א לענגערער צײַט. נאָר פאַרגעקומענ איז ניט אזוי.

הערמאַנ קאָנ ביז הײַנטיקנ טאָג ניט באַנעמענ יענע ווינטערדיקע נאַכט, ווענ איציקנ האָט געטראָפנ דער אומגליק. א גאַנצנ טאָג איז

נאָר די וויַטערדיקע דערינערונגענ וועגנ די אמאָליקע יאָרנ האָבנ
אימ בארויִקט. איצטער האָט שוינ ניט קיינ שטילע האָפנונגסלאָזע נויט
ארויסגעקוקט פונ יענע בילדער, וואָס האָבנ דורכגעשוועבט פאר זײַנע
אויגנ. נײַנ, — דאָ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ דער קאמפ פאר רײַכ=
קײַט, — א שרעקלעכער קאמפ, א פארביטערטער, א טאָגטעגלעכער.
דאָ האָט שוינ הערמאנ געקאָנט נאָכשפּירנ פונעמ סאמע אָנהייב, פונ
די קלייניטשקע שפּראָצונגענ, וויאזוי ס'זײַנענ געוואקסנ, זיכ אנט=
וויקלט אונ געמערט זײַנע טויזנטער, ביז זיי זײַנענ ניט דערקומענ צו
מיליאָנענ, וויאזוי זיי האָבנ באקעמפט אונ אופגעפרעסנ אָנ א שיר קעג=
נערס, וויאזוי זיי האָבנ פארשפּינט אונ אויסגעזויגנ אָנ א צאָל מענטשנ,
וויאזוי זיי האָבנ געשפּרייט ארומ אָנ א שיר נויט, אָרעמקײַט, פאר=
וויסטונג, אונ אימ אליינ — ניט געקוקט אפנ גאנצנ אשרעס אונ לוק=
סוס — דאָכ ניט געבראכט דאָס, וואָס רופט זיכ גליק, באפרידיקונג.
אמאָל האָבנ אימ פארשיקערט זײַנע ערשטע דערפאָלגנ, אינ זײַנ הארצנ
האָט זיכ אָפט עפּעס געוואָרפנ אונ געשפּרונגענ פאר פרייד, אָבער
איצטער איז שוינ דאָס אויכ ניטאָ. זײַנ קאפּיטאל האָט זיכ געמערט
אונ איז געוואקסנ ווי א פארשאָלטענער. איצטער האָט ער דאָס ער=
שטע מאָל גוט באטראכט, פונוואנענ ער האָט אָנגענומענ זאפטנ, —
אונ ער האָט זיכ דערשראָקנ, דערשראָקנ פאר זיכ אליינ, זיכ דער=
שראָקנ פאר זײַנ רײַכקײַט. ניט דערפאר, וואָס אימ האָט א ריר געטאָנ
דער גורל פונ יענע טויזנטער, פא וועלכע זײַנ קאפּיטאל האָט אָפּגע=
נומענ דאָס טאָגטעגלעכע שטיקל ברויט, אזויווי א גרויסער בוימ בע=
שאסנ וואקסנ נעמט אָפּ די לעבנס=זאפטנ באמ דריבנע גראָז, וואָס
ארומ אימ. נײַנ, דער גורל פונ יענע אומגליקלעכע האָט ניט איבעריק
געארט הערמאנענ. ניט דערפאר איז אימ געוואָרנ שרעקלעכ, וואָס אי=
בער אימ האָבנ ניט טויזנטער מיט וואָס א טאָג איבערצולעבנ. ער איז
געווענ אָבערגלויביעריש, אונ אינ אָט דער מינוט האָט זײַנ אויער פאר=
נומענ בלויז די טויזנטער קלאָלעס, וואָס זיי וואַרפנ אפ זײַנ קאָפּ. די
רײַכקײַט זײַנע האָט אינ דער דאָזיקער מינוט שרעקלעכ עפּעס געדריקט
אפ אימ. אינמיטנ=דרינענ איז אימ אופגעקומענ א געדאנק, אז די דאָ=
זיקע רײַכקײַט איז א פארזעעניש מיט הונדערט קעפּ, וואָס פרעסט=
פרעסט אנדערע, נאָר — ווער ווייסט — זי קאָנ אזוי אופפרעסנ אימ אויכ.
גיטווילנדיק האָט ער געכאפּט א קוק אפנ בילד, וואָס איז געווענ איצט
פארגאָסנ מיט העלער זונענ=שײַנ. די אינדרנ זײַנענ ווי פארשווונדנ גע=
וואָרנ, געוואָרנ בלאס אינ הער העלער שײַנ, — בלויז די רינגענ פונעמ

סקריפּע געטאָן בא דער הויז־טיר און טופּעט מיט גרינגינקע טריט אינעם פּאָדער־הײַזל, טאפּט מיט די הענט איבער די ווענט, — מע הערט שוין אויסדריקלעך דאָס שאָרכן, וואָס אמאָל געענטער צו דער אינעווייניקסטער טיר... הערמאן וויל א געשריי טון, נאָר ער פילט, אז עפּעס ווארגט אים אין האלדז; ער ווייסט אליין ניט, וואָס ער טוט — ער האָט זיך אײַנגעדרוקט אינעם פינצטערן, ענגן ווינקעלע הינטערן אויוון. א קאלטער שווייס איז אים ארויסגעטראָטן אויפן שטערן, דאָס גאנצע לײַב זײַנס ציטערט — ער ווארט, אז אָט־אָט וועט די טיר זיך עפענען און ער וועט דערזען א שרעקלעכן פארוואקסענעם פּאָנים פון א גאזלען מיט א גרויסער בולעווע און מיט א פינקלענדיקן מעסער אינעם גארטל. נאָר ס׳גייט אוועק א מינוט נאָך א מינוט, — מע הערט גאָרניט, אויסער דעם שנײַדנדיקן געוווי פונעם שטורעם־ווינט. הערמאן קומט א ביסל צו־זיך, נאָר ער וואגט אלץ ניט ארויסגיין פון זײַן ווינקל. זײַן צעהיצטע פאנטאזיע ברענגט אים ארויס געשיכטעס וועגן געשטאָרבענע קינדער, וואָס ליגן באגראָבן ערגעץ פון יענער זײַט פּלויטן, הינטער ווערבעס. אים דאכט זיך אויס, אז עפּעס גראָבלט זיך אונטער דער ערד; אומרויק הייבט ער אויף די אויגן ארויף, ווו ס׳איז געווען, לויטן אלטן מינהג, אויסגעשניטן א קליין פענצטערל אין דער סטעליע. א קעלט איז אים איבערגעלאָפן איבערן לײַב. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאָס פענצטערל האָט זיך א רודער געטאָן, אז ס׳עפנט זיך פּאמעלעכן אויף און פונדאָרטן איז צו זען א שווארצע, טיפע לאָך. ער איז פארגליווערט געוואָרן פון דערשרעק, ניט געקאָנט אָפּנעמען די אויגן פונעם פענצטערל. ס׳האָט אים גענומען קלינגען אין די אויערן, — ער האָט דערפילט, אז אין אים אליין, אינעווייניק רודערן זיך עפּעס ווילדע, אומרויקע שטימען, ס׳הייבט זיך אויף א געשריי, עפּעס א גערודער. דאָס אומגליקלעכע יינגל ווערט מעשוגע פון פּאחעד און דערווארטעניש. נאָר די שטימען נעמען זיך ניט אײַן, זיי ווערן וואָס אמאָל שארפער, הילכיקער, — עפּעס אן אָפּגעהאקטער געקלאנג שלאָגט זיך ארויס דורכן פארטויבטן געפּילדער.

הערמאן איז א מינוט נאָך געזעסן, א טויט־פארגליווערטער, ניט געוווּסט, צי דער דאָזיקער געפּילדער גייט טאקע אפּדערעמעסן פון זײַן אינגעווייד ארויס, צי עפּשער טראָגט ער זיך אָן פונעם דרויסן. ער האָט זיך א ריס געטאָן, ווי אונטערגעטריבן, און א שפּרונג געטאָן צום פענצטער. דער געפּילדער האָט זיך געטראָגן בא זיי אויפן הויף, — דורכן פענצטער האָט ער געזען עפּעס שווארצע שאָטנס, ס׳האָט זיך

ער געזעסנ איינער אַליינ אינ שטוב אונ מיט אומגעדולד ארויסגעקוקט אפ זײַנ אָפּעקונג, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומענ פונ דראָהאָביטש. איציק איז געהאַט אוועקגעפאָרנ אפנ יאַריד. באַטאָג האָט דער פראָסט נאָכגעלאָזט, די זונ האָט וואַרעמ געשײַנט, פונ דער סטריכע האָט מע־כײַעדיק געקאַפּעט. נאָר צו פאַרנאַכט־צו האָט דער הימל זיכ פאַרצויגנ מיט גרויע כמאַרעס, אונ ס׳האָט גענומענ שיטנ א געדיכטער שניי. אינגיכנ איז אײַנגאַנצנ געוואָרנ טונקל. די נאַכט איז צוגעפאַלנ מיטאַמאָל, אונ דער שניי האַלט אינ איינ שיטנ אונ שיטנ. שטיל אַרומ־אונ־אַרומ, קיינ ווינט איז ניטאָ. הערמאַנ האָט אײַנגעהייצט דעמ אויוונ, זיכ אוועקגעזעצט בײַמ פריפעטשיק אונ וואַרט, נאָר איציק איז אַלץ ניטאָ. דער שליאַכ אינ דאָרפ אַרײַנ גייט דורכ פאַרבײַ דער שטוב. מיטאַמאָל הערט הערמאַנ, אז ס׳וויאָקענ עפּעס יאַרידניקעס, וואָס קערנ זיכ אומ אַהיימ. איז ער ארויסגעלאָפנ זיכ דערפרעגנ וועגנ איציקנ. „מיסטאַמע פאָרט ער שוינ, מיר האָבנ אימ נאָכ איבערגעלאָזט אינ שטאָט“, — האָט געענטפערט איינער א פויער. הערמאַנ וואַרט ווידער. דאָס פײַער ברענט אונ טרישטשעט אינ אויוונ, — ער האָט גענומענ אַרבעס אונ אימ אַרײַנגעלייגט בראָטנ אינעמ פריסעק, אָפּגעקאָכט עטלעכע אייער פאַר איציקנ. דער פראָסט האָט זיכ געשטאַרקט, גענומענ מאָלנ אפ די טאַפּליעס וווּנדערלעכע שניי־בלומענ. שפּעטער האָט זיכ אופגעהויבנ א ווינט, גענומענ שמײַסנ מיט שטיקער שניי אפ די פענצטער, געוויעט, געפײַפט, אויסגעריסנ זשמוטנ שטרוי פונ דער סטריכע. דאָס פײַער אינ אויוונ איז אויסגעגאַנגענ, הערמאַנענ איז באַפאַלנ א פּאַכעד, ער האָט אַרופגעלייגט נאָכ עטלעכע שײַטלעכ האָלץ, אונ אַליינ איז ער צוגעגאַנגענ צומ פענצטער, צוגעטוליעט דאָס פּנימ צו דער טאַפּליע, עפּשער וועט ער דערהערנ דעמ סקריפּע פונ איציקס פערד־אונ־וועגעלע. דורכ די צעטריסקעטע ווענט האָט אָנגעצויגנ א קעלט אינ שטוב אַרײַנ. הערמאַנענ ווײַזט זיכ אַלע מאָל אויס, אז ערגעץ קלינגט מענ, די האָר אפנ קאָפּ שטעלנ זיכ אימ קאַפּויר, — ס׳קומט אימ אופ אפנ געדאַנק, אז ערגעץ איז א סרייפע. ער הערט זיכ אײַנ, — ניינ, ס׳איז שטיל. אָט האָט שטאַרקער ווי פריִער גענומענ פײַפנ, רעווענ, וויִענ דער ווינט, — עס דוכט זיכ, אז א טימשקע מעשוגענע וועלפ פליט אינ דאָרפ אַרײַנ, וויעט פונ הונגער אונ גראַבלט אינעמ שניי. פונ די דאָרפישע קינדער האָט הערמאַנ זיכ אָנגעהערט גענוג געשיכטעס וועגנ גאַזלאָנימ, וואָס רײַסנ זיכ אַרײַנ אינ די הײַזער אינ אַזעלכע שטורעמדיקע נעכט, — איז אָט האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אז עמעצער האָט א

פאָרנ מיר זיכ איינ פור נאָכ דער צווייטער, אונ דאָ דער ווינט רײַסט שטיקער גאָר אַפ אומצוקומענ!.. דער שניי שטײַסט אינ די אויגנ, די פערד קריכנ קוים, א שרעק. מיטאמאָל טוט סטעפאנ, וואָס איז געפאָרנ דער ערשטער, א געשריי: „האָוו!“ מיר אַלע: „וואָס האָט געטראָפנ?“ סטעפאנ רופט זיכ אָנ: „הערט זיכ נאָר צו, דאָ איז עפעס א צאָרע, א שרעקלעכער אומגליק!“ מיר הערנ זיכ אײַנ, יאָ, טאקע אנ עמעס. פונונטנ באַם ברעג קרעכצט עמעצער, אזוי שרעקלעכ, אזוי ווייטיקלעכ, אז ס'האָט אונדז גענומענ קילנ דאָס בלוט אינ די אָדערנ. „היי, — רופט זיכ אָנ פאנקאָ, — עפשער, זאָל גאָט היטנ, פארנארט אונדז א ניטגוטער?“ — „וואָס רעדט איר, קומע, — ענטפערט אָפ סטעפאנ, — דאָ איז עפעס א מענטש געגאנגענ, צי געפאָרנ, ער האָט, אפאָנעם, ניט באמערקט אונ איז אראָפגעפאלנ פונעם בארג. קומט, לאָמיר גיינ ראטעווענ א לעבעדיקנ נעפעש!“ פאנקאָ זאָגט: „איכ האָב אָבער מוירע, ס'וואַרפט אינ מיר א צאָנ אינ א צאָנ!“ אונ דאָ הערט זיכ דאָס קרעכצנ דאָרטנ ערגעצ אונטנ אַלצ שטארקער אונ שטארקער, ווי א זינדיקע נעשאָמע זאָל בעטנ א טרונק אינ גענעם. מיר האָבנ זיכ אַלע צונויפגעזאמלט אינ איינ רעדל. וואָס זאָלנ מיר אָנהייבנ טונ?.. „קומט, — זאָגט סטעפאנ, — אונ פאנקאָענ וועלנ מיר איבערלאָזנ באַ די פערד“. נו, האָבנ מיר זיכ געלאָזט גיינ. ווייסט דאָכ, ס'ארא שטיקוועג מע דארפ אָנלייגנ אַפ צוקומענ צום ברעג. ביז מיר זײַנענ דערקומענ, ביז וואָס, האָט געדויערט אַוואדע א האַלבע שאָ צײַט. דער ווינט רײַסט אַזש די ערד אונטער די פיס, דאָס אײַז אַפנ טײַכ טרישטשעט אַזש, דער שניי זעצט אינ די אויגנ, ווי מיט א לאָפעטע. גאָט איינער, א זאַווערוכע אַפ אומצוקומענ! פינצטער, ביטער... מיר האָבנ זיכ אָנגענומענ פאר די הענט אונ טאפנ בלינדערהייט דעם וועג אַהינ, פונוואַנענ ס'הערנ זיכ די קרעכצנ. מיר טוענ א קוק, עס ליגט עפעס א שווארצע זאַכ אַפנ אײַז אונ טוט זיכ ניט קײַנ ריר. מיר זײַנענ צוגעקומענ, ס'ליגט א פערד אַפ א צעבראָכענעם שליטנ. אַפאָנעם, עמעצער האָט זיכ אראָפגעשלאָגנ פונעם שליאַכ אונ זיכ איבערגעקערט פונעם בארג אראָפ. מיר טוענ זיכ א נעמ צום פערד — ס'איז טויט. מיר גייענ ווײַטער, ערשט מיר דערזענ, ווי דײַנ איציק, נעבעכ, ליגט אַפנ אײַז אונ קרעכצט קוים-קוים מיט די לעצטע קויכעס. פאָטער אינ הימל! ס'ארא אומגליק האָט געטראָפנ מיט א מענטשנ.

דערציילנדיק, האָט מאקסים זיכ געוואַרעמט די הענט באַם פײַער אונ געפיפקעט זײַנ ליולקע.

געהערט א געקלאַנג פונ א פערד=געשפאַנ, — אַכ, איציק, איציק איז געקומענ צו פאָרנ !..

א גערויש פונ יענער זײַט שטוב... עמעצער האָט געטופּעט צו דער טיר. הערמאַנ איז געלאָפנ עפענענ און אפּדערגיכ צוריק ארײַנגעפלויגנ אינ שטוב ארײַנ — אַזוי מוירעדיק, פינצטער, קאַלט איז געווענ אינעם פאָרער=הײַזל. ס'האָט זיכ אים ווידער אויסגעדוכט, צי ער האָט אפּדערעמעסנ מאַקע דערהערט א שווער קרעכצנ ערגעצ פונ אונטער דער ערד ? מיט ציטערדיקע הענט האָט ער ארופגעלייגט נאָכ א ביסל האָלצ אפנ פײַער, זיכ אויסגעקערעוועט מיטנ פּאָנעם צו דער טיר, געוואַרט, ווער וועט עס ארײַנקומענ. די טיר האָט זיכ אופגעעפנט, און פּאַמעלעכ, מיט א שווערנ טראָט זײַנענ ארײַנגעגאַנגענ פיר פויערימ, ארײַנגעטראָגנ איציקנ, א פארפלוטיקטנ, קוים א לעבעדיקנ. פונ זײַנ ברוסט האָט זיכ אלע מאָל ארויסגעריסנ א קרעכצ פונ אומדערטרעגלעכנ ווייטעק. פונ דערשרעק איז הערמאַנ פארגליווערט געוואָרנ, ווענ ער האָט דערזענ דעמ פארפלוטיקטנ, מוירעדיקנ געשפּענסט. ער האָט זיכ צוגעטוליעט צומ אויוונ און ניט געוואַגט מאַכנ קיינ טראָט.

— פּאַוואָליע, מאַקסימ, פּאַוואָליע ! — האָט איינ פויער געזאָגט דעמ צווייטנ. — פאָרזיכטיק האַלט פאַר דער האַנט, זעסט ניט, אז דאָס בלוט רינט פונ דער בעקעשע אראָפ ?..

— אָי, אָי, אָי, ס'אַהאַ ווייטעקנ לײַדט, נעבעכ, איציק ! — האָט מאַקסימ זיכ אָנגערופנ.

איציק האָט ווידער אָנגעהויבנ קרעכצנ, אַזוי שרעקלעכ, אז הערמאַנענ האָבנ די האָר אפנ קאָפּ זיכ געשטעלט קאַפויר. די פויערימ האָבנ אוועקגעלייגט דעמ אָפּעקונ זײַטעמ אפנ בעט, גענומענ אימ איבערבינדנ די ווונד, ווי נאָר זיי האָבנ געקאָנט (מע האָט געשיקט ברענגענ דעמ שערער פונ דראָהאָביטש, נאָר אינ אַזאַ זאַווערוכע וועט ער ניט אַזוי גיכ קומענ צו פאָרנ.) מאַקסימ האָט זיכ געוואַרעמט זײַנע דערפרוירענע, פארגליווערטע הענט בײַמ פײַער און שטילערהייט גענומענ דערציילנ הערמאַנענ פונעמ גרויסנ אומגליק, וואָס האָט געטראָפנ איציקנ.

— טו אליינ א קוק, יאָסעמל, — האָט מאַקסימ גענומענ דערציילנ, שאָקלענדיק מיטנ קאָפּ, — אז א מענטשנ איז באשערט אנ אומגליק, טרעפט עס אפנ גלײַכנ וועג ! נאָכ אַזאַ אומגליק ! זאָל גאָט היטנ און באשיצנ יעדנ איינעמ פונ אַזאַ צאָרע ! מיר פאָרנ זיכ אַזוי מיטנ שליאַכ לעבנ געראַסימס בערג, — ווייסט דאָכ, ווו זי איז, אָנ=דאָרטנ פונ יענער זײַט האָרפ באַמ טײַכ, ווו דער בערג איז א הויכער און א שטײַלער, —

טיפע ווּנד. נאָכדעם האָט דער קערפּער זיך איבערגעקערט אפ רעכטס, דערביי האָט איציק זיך אָנגעשטויסנ אינ א צווייטנ שטיינ אונ זיך צעהאַרגעט דעם קאָפּ. דער שערער האָט אים באַטראַכט פונ אלע זייטנ אונ שוינ געזענ, אינ וואָס פאַר א שטאַנד ער איז, אונ ווענ די פויערים, באַזונדערס די פרויענ, האָבנ אים געפרעגט, ווי האַלט עס מיט איציקנ אונ צי ער וועט בלייבנ לעבנ, האָט דער שערער א קניייטש געטאָנ מיט די אקסלענ אונ געענטפערט, אז ס'וואָלט געווענ א גרויסער נעס, אויב ער וועט בלייבנ לעבנ ביז מאָרגנ.

דער שערער האָט געזאָגט דעם עמעס. איציק איז געשטאָרבנ נאָכ דעם זעלבנ טאָג, ניט געקומענ צו זיך אפילע אפ קיינ מינוט ניט. הערמאַנ האָט ניט געוויינט באַם באַגראָבנ אים — ער האָט נאָכ אלצ געציטערט פונ דערשרעק זינט יענער נאַכט, דער דערשרעק האָט אינ אים דערשטיקט אלע אנדערע געפילנ. גענעכטיקט האָט ער באַם גובי=משער אַרענדאַר, וועלכער האָט גלייכ גענומענ באַלעבאַטעווענ איבער איציקס האָב=אונ=גוטס, קלוימרשט געוואָלט דאָס אלצ איינהיטנ פאַר הערמאַנענ. הערמאַנ איז בא אים איבערגעווענ ביז פרילינג, ניט גע=ווּסט, וואָס טוט זיך מיט איציקס ירושע. אונ ווענ דאָס דאָרפ האָט זיך גענומענ אינטערעסירנ מיט דעם אלצ, האָט דער אַרענדאַר באַוויזנ עפּעס כעזשבוינעס, עפּעס צעטלענ איציקס; די שטוב אונ דעם גאָרטנ האָט מענ פאַרקויפט, אונ נאָכנ אויסצאָלנ די כויוועס איז געבליבנ 92 גילדנ. דער אַרענדאַר האָט זיי אָפּגעגעבנ הערמאַנענ אינ די הענט אַריינ. מיט דער דאָזיקער סומע איז הערמאַנ אַוועקגעגאַנגענ פונ גוביטש אונ האָט זיך געלאָזט אינ דער וועלט זוכנ גליק. אָט די סומע איז געווענ דער ערשטער גרונטשטיינ פאַר זיינע מיליאָנענ.

דאָ האָט זיך געענדיקט הערמאַנס רויִק, דאָרפיש לעבנ. איצטער, זיצנדיק אינ באָריסלאַוו באַם שרייבטיש פאַרנ קאָנטע=בוכ, האָט ער, דער פּראַקטישער געשעפטסמאַנ, ווייניק געטראַכט וועגנ יענע שפּורנ, וואָס דאָס דעמאָלטיקע דאָרפיש לעבנ האָט אינ אים געלאָזט. ער האָט זיך באַמיט אפילע צו קוקנ אפ דעם פונ אויבנ אראָפּ, געזוכט אינ קאָפּ כויזעק=ווערטער אפ צו כאַראַקטעריזירנ עס, אָבער ניטווילנדיק האָט דער געדאַנק זיינער זיך אלצ אומגעקערט צו יענער ליכטיקער צייט, אונ, אליינ ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, איז אים געוואָרנ גרינגער אפנ האַרצנ, ווענ ער האָט זיך דערמאָנט אינ זיינע גוביטשער יאָרנ. ער האָט ניט געבענקט נאָכ זיי, ניט געוואָלט, אז זיי זאָלנ זיך אומקערנ, אָבער ער האָט מיטאָמאָל דערפילט, אז דאָס איצטיקע לעבנ אינ רייכקייט אונ


1366—3

הערמאנ האָט ניט געוויינט. ער האָט נאָר געציטערט און פונ דער זײַט געכאפט אלע מאָל א קוק אפנ בעט. א מוירע איז אימ באפאלנ פארנ צעקאליעטשעטנ, פארבלוטיקטנ, קרעכצנדיקנ קערפער, וועלכער איז אמאָל געווענ דער אָפּעקונ זײַנער. ער האָט געבעטנ סטעפאנענ און מאקסימענ, זיי זאָלנ בלײַבנ מיט אימ איבער נאכט באמ שלאָפנ. זיי האָבנ אימ צוגעזאָגט, אז זיי וועלנ זיכ אומקערנ, זיי וועלנ נאָר צופאָרנ אהיימ אויסשפאנענ די פערד.

איציק איז געלעגנ פארשמאכט, ניט געקאָנט רײדנ, אפּאָנעמ, ער האָט קיינעמ ניט דערקענט.

הערמאנ האָט איינ מאָל נאָר א קוק געטאָנ אפ אימ. דער קאָפ זײַנער איז געווענ איבערגעבונדנ מיט טיכלעכ, וועלכע זײַנענ געווענ שטארק פארגאָסנ מיט בלוט. די באָרד און די האָר זײַנענ אויכ געווענ פארפאפט מיט בלוט, די בעקעשע און האָס העמדל פארבלוטיקט, די ליפנ זײַנענ בלאָו, די אויגנ אָנ א פונק לעבנ, דער אויסדרוק פונ פאָנעמ א שרעקלעכער!

פארטאָג ערשט, ווענ די זאווערוכע איז א ביסל שטילער געוואָרנ, איז געקומענ צו פאָרנ דער שערער פונ הראָהאָביטש און גענומענ שרײַענ אפ די פויערימ און זידלענ זיי, פארוואָס זיי האָבנ אליינ גענומענ און איבערגעבונדנ די ווונדנ, אז זיי ווייסנ גאָרניט וויאזוי און וואָס.

— ווענ מיר זאָלנ ביז איצטער, הער שערער, — האָט סטעפאנ זיכ פארענטפערט, — ניט געווענ אימ איבערבינדנ, וואָלט ער דאָכ אומגעקומענ! מיר האָבנ ווי ס'ניט איז, אבי דאָס בלוט אָפּשטעלנ.

— ווער אנשוויגנ, אלטע טאָרבע! — האָט דער שערער בייז א געשריי געטאָנ. — פונוואנענ ווייסטו, אז ער וואָלט געווענ אומגעקומענ? וויאזוי קאָנסטו גאָר ווייסנ אזא זאכ?..

סטעפאנ, אזוי האפקע א באריידעוודיקער, האָט קיינ וואָרט ניט געענטפערט. דער שערער האָט גענומענ פאטשאכעטנ די ווונדנ און זיכ אליינ געמוזט מוידע זײַנ, אז די פויערימ האָבנ גאָר ניט שלעכט אימ איבערגעבונדנ. מיט דער הילפ פונ די פויערימ, וואָס האָבנ געטרײַ מיטגעהאָלפנ, האָט מענ גוט אויסגעוואשנ די ווונדנ, און ערשט איצט האָט מענ געקאָנט זענ, וואָס ס'טוט זיכ מיטנ שלאָפנ. פאלנדיק פונעמ הויכנ בארג, האָט ער צוערשט זיכ א זעצ געטאָנ מיט דער לינקער זײַט (אי דאָס מיטנ אייבערשטנ טייל קערפער) אינ א שארפנ ארויסשטאָרצנדיקנ שטיינ, ווײַל די לינקע האנט איז געווענ צעבראָכנ נידעריקער פונעמ עלנבויגנ, אויסער דעמ איז אינ דער פלייצע געווענ א

— נו, וואָס? ווייסט דענ ניט, אַז אינ באָריסלאוו אפ אלע וואסערנ און בלאָטעס שווימט ארופ א שווארצע ראָפּע, אזאמינ=אָ, ווי די פויערימ שמירנ מיט איר די אקסנ פונ די וועגענער. נו, איז נעמט מענ א פערדישנ ווײדל, מע פירט מיט אימ איבער דער וואסער, נעמט זיכ אָנ די ראָפּע אפ די האָר, נאָכדעמ קוועטשט מענ זי אויס מיט דער האנט אינ א צעבער ארײַנ. אָט דאָס הייסט „שעפּנ“.

— נו, וווּהינ=זשע טוט מענ אהינ די ראָפּע? — האָט הערמאנ געפרעגט נײַגעריק.

— מע טראָגט זי אהער קיינ דראָהאָביטש, דאָ זײַנענ פאראנ אזעלכע, וואָס קויפנ זי אופ.

— און מע צאָלט גוט?

— פארוואָס ניט! פאר א צעבער גיט מענ פינפ זעקסערס[1]. נו, און אז מע ארבעט ווי ס'געהער צו זײַנ, קאָנ מענ 'פארנ טאָג אָנשעפּנ צוויי צעבער. נאָר אנ אומגליק איז מיטנ טראָגנ...

הערמאנ האָט גענומענ צעקײַענ דעמ גאנצנ שמועס. מע זאָל זיכ נעמענ באטראכטנ, איז דאָס גאָר ניט אזוי שלעכטער פארדינסט. ס'איז טאקע ניט איבעריק קיינ פײַנע ארבעט, דערפאר אָבער איז זי א גרינגע, און זי צאָלט זיכ גוט אָפּ. פארוואָס=זשע טאקע זאָל ער זיכ ניט נעמענ צו איר? ער האָט באשלאָסנ — שוינ מאָרגנ גײַנ מיט די שעפּערס קיינ באָריסלאוו, און ווענ ער האָט זיי געזאָגט וועגנ דעמ, זײַנענ זיי געווענ צופרידנ, זיי האָבנ נאָר געפאָדערט, ער זאָל זיי שטעלנ מאָהאָ=ריטש. הערמאנ האָט זיי געשטעלט ביר און זיי מעכאבעד געווענ פאר זײַנ נײַער פּארנאָסע.

פונ איצט אָנ האָט זיכ פאר אימ אָנגעהויבנ א נײַ לעבנ, גאָר ניט ענלעכ אפנ גוביטשער. געצויגנ האָט זיכ עס אינ צוויי שטעט: באָריס=לאוו און דראָהאָביטש. כאָטש דער וועג איז געווענ ניט קיינ נאָענטער, האָט מענ יעדנ טאָג געמוזט זיכ שלעפּנ קיינ באָריסלאוו און פונדאָרטנ: אינאָוונט — מיט פולע צעבערס קיפּיאטשקע אפ א קאָראָמיסלע גײַנ קיינ דראָהאָביטש, און אינדערפרי — מיט די ליידיקע צעבערס צוריק קיינ באָריסלאוו.

דער ערשטער טאָג אפ דער נײַער ארבעט האָט זיכ באזונדערס טיפ אײַנגעקריצט הערמאנענ אינ זיקאָרנ. ער געדענקט נאָכ ביז הײַנט יענעמ קאלטנ אינדערפרי, אינ מײַ כוידעש, ווענ ער, צוזאמענ מיט פינפ

---

[1] זעקסער — זעקס קרייצערס.

אינ לוקסום איז אבסאָליוט ניט בעסער, אייוער יענצ, אונ עפשער אפילע ערגער. ער האָט אליינ ניט געוווּסט, פאַרוואָס יעדעס מאָל, ווענ ס'קומט אים אפנ געדאנק איציק אונ גוביטש, ווערט אים עפעס אפ דער נעשאָמע אזוי גוט, פונקט ווי א מענטשנ, וואָס בלאָנדזשעט אינ א געדיכטנ, פינצטערנ וואלד מיט פאַרדרייטע שטעגלעכ אונ מיטאמאָל גייט ער ארויס אפ א קלייינער לאָנקע, וואָס איז באגאָסנ מיט בלענדנדיקער זונענשייַנ אונ איז פול מיט ווארעמער בלומענ-דופט... ער האָט גענומענ טראכטנ וועגנ זייַנ וויַיטערדיקנ לעבנ, האָבנדיק אינזינענ יענע פאַרגלייַכונג, אונ ס'האָט זיכ אים אויסגעדאכט, אז אָט לאָזט ער זיכ ווידער אריַינ אינ פינצטערנ וואלד, ווו ס'איז אים באשערט צו בלאָנדזשענ אונ ניט געפינענ קיינ אויסוועג. אונ ביזוואנענ, צוליב וואָס, — ווער קאָנ עס וויסנ! וואָס אמאָל איז אים געוואָרנ שווערער, ענגער, עפעס האָט אים געשטיקט אונ געשראָקנ. ניט געקוקט אפ דער ווארעמקייַט פונ דער זונ, האָט אים א פראָסט דורכגענומענ דאָס לייַב.

ער האָט זיכ דאנ אוועקגעלאָזט קיינ דראָהאָביטש, אליינ ניט געוווּסט צוליב וואָס. ער האָט קיינ אנונג ניט געהאט, וויאזוי וועט ער זיכ פאַרדינענ אפנ לעבנ, ניט געקאָנט אונ ניט געוואָלט זיכ נעמענ צו א פאַרדינסט. א פאָר טעג האָט ער אזוי זיכ געלעבט, אויסגעגעבנ מעזומענ געלט, נאָר ווענ ער האָט דערזענ, אז דאָס געלט ווערט ווייניקער אונ באטראכטנדיק זיכ, אז נאָכדעם בלייַבט ער אינגאנצנ אָנ גאָרניט, א הוילער, א הונגעריקער, האָט ער זיכ זייער דערשראָקנ אונ באשלאָסנ — בעסער אומקומענ, נאָר ניט פאטערנ מער דאָס געלט זייַנס. קלאָר, אז פונעם דאָזיקנ באשלוס וואָלט זיכ אויכ גאָרנישט ניט באקומענ, ווענ ס'זאָל זיכ אים ניט געווענ מאכנ קיינ גליקלעכער צופאל, וואָס האָט אים געוויזנ א וועג, וויאזוי צו פאַרדינענ עפעס. אינעם שענק, ווו ער פלעג נעכטיקנ, זייַנענ איינמאָל אינ אָוונט ארייַנגעקומענ עפעס שווארצע, שרעקלעכע מענטשנ, וואָס ס'האָט זיכ פונ זיי געהערט פאר א מייַל.

הערמאנ האָט צוערשט זיכ דערשראָקנ פאר זיי, נאָר ווענ ער האָט דערהערט, אז זיי רעדנ צווישנ זיכ אפ יידיש, איז ער צוגעגאנגענ צו זיי נענטער אונ זיכ גענומענ צוהערנ. געווענ זייַנענ זיי יונגע 20 — 18-יאָריקע באָכורימלעכ, וואָס האָבנ זיכ געקליבנ גייַנ מאָרגנ קיינ באָריסלאַוו „שעפנ“ קיפיאטשקע. הערמאנ האָט לאנג זיכ צוגעהערט צו זייער שמועס וועגנ דעם „שעפנ“, נאָר ער האָט ניט פאַרשטאנענ, וואָס מיינענ זיי עס. ער האָט איינעם פונ זיי א פרעג געטאָנ, האָט יענער אים געענטפערט, אויסטרינקענדיק א קובל ביר:

האָבנ אינ ווינטערדיקע אָוונטנ זיכ דערציילט אַט דאָס מײַסעלע, אַז נאָכ אײַנגיכנ וועט עס מעקויעמ ווערנ, אַז אַ שרעקלעכע אונטערערדישע אָנשיקעניש וועט שוינ אײַנגיכנ אופרײַסנ דאָס ערד-הײַטל, כאַרעוו מאַכנ זייער נעבעכדיק שטיל דאָרפ אונ פּאַכוויסטיקנ ביזנ גרונט זיי אונ זייערע קינדער! נאָכ ווייניקער האָבנ זיי געוווסט אונ זיכ געקאָנט אָנשטויסנ, אַז די דאָזיקע אָנשיקעניש, דאָס זײַנענ גאָר ניט די טויטע קערפּערס פונ די אַמאָליקע רימערס, נאָר אַט די העסלעכע, שוואַרצע, שטיקנדיקע האַפּע, וואָס ברענט זיי אויס זייערע היי-לאָנקעס, אונ נאָר גיכ וועט זי זיכ צעגיינ איבער דער גאַנצער וועלט אינעמ אויסזעג פונ דורכגערייניקטנ נאַפט צוליבנ נוצנ פונ די פּריצימ, אונ זיי אַפּ אומגליק אונ אַפּ שאָדנ.

הערמאַנ האָט נאָכ אַלצ געטראַכט וועגנ דעמ ערשטנ טאָג פונ זײַנ נײַער אַרבעט. אונ וואָס מער ער האָט געטראַכט, וואָס בולעטער ס'האָט זיכ אימ געשטעלט פאַר די אויגנ יעדער קלייניקײַט פונ יענעמ טאָג, אַלצ שווערער אונ פּײַנלעכער איז אימ געוואָרנ. געווענ איז דעמלט אַ גוטער, אַ וואַרעמער, אַ שיינער טאָג, פּונקט אַזוי ווי הײַנט. פּונקט אינ אַזאַ טאָג, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, האָט אימ אײַנגעהילט די שטיקנדיקע נאַפט-אויסדאַמפּונג אונ פאַרלאָשנ פאַר אימ די זונ אונ די לויטערקײַט פונעמ טאָג, — פאַרטריבנ דעמ דופט פונ די בלומענ, פאַרטויבט דאָס געזאַנג פונ די פייגל, אַרײַנגעוואָרפנ אימ אינ עפּעס אַ שווערער לײַמיקער מאַסע, וואָס קײַקלט זיכ אַראָפּ באַרג, הריקנדיק אונ וואָרגנדיק אַלצ אַרומ, — וואָס אָטעמט בלויז מיט געלט-גײַציקײַט, מיט אייגננוצ, מיט רײַכקײַט! צוואַנציק יאָר איז אַוועק פונ יענעמ ערשטנ טאָג, נאָר די שטיקנדיקע נאַפט-אויסדאַמפּונג האָט זיכ שוינ מער ניט צעווייעט, זי האַלט אימ אַלצ אײַנגעהילט, ווי אינ אַ געדיכטנ נעפּל, פּרעסט אימ די ברוסט, פאַרטויבט אונ האַרגעט אַוועק אינ אימ יעטווידנ מענטשלעכנ געפיל!

— אַכ, אַפּ דער פרײַ אַרויס, אַפּ דער פרײַ אַרויס פונ דער דאָזיקער בייזער, שטיקנדיקער טורמע! — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, אַליינ ניט וויסנדיק, וואָס דאָס פאַר אַ טורמע אונ וואָזוי רײַסט מענ זיכ פונ איר אַרויס אַפּ דער פרײַ.

אונ די דערינערונגענ ציִענ זיכ אַלצ אינ אַנ אומאופהערלעכער קייט, שטעלנ פאַר אימ אופ בילדער פונ די פאַרגאַנגענע יאָרנ, ניט אָנפרעגנדיק זיכ, צי לאָזנ זיי איבער פרייד אינ האַרצנ, צי ווי אונ פּײַנ. ער האָט גלײַכ אָנגעהויבנ גוט פאַרדינענ. פונ פאַרהוילענע קוואַלנ איז גע-

אנדערע שעפערס, איז געגאנגען מיטן פעלד-שטעגל קיין באָריסלאוו. זיי זײַנען געגאנגען אפן בארג דורך טעפּטיוזש, אויסגעמיטן גוביטש.

די זון איז אופגעגאנגען איבער דראָהאָביטש און פארגאָסן מיט רויטער שײַן דעם ראַטהויז, דעם קאָסטיאָל און דעם קלויסטער. אהער נעענטער האָט זיך געשלענגלט, פינקלענדיק, ווי א גאָלדענער שלאנג, דער טײַך טיסמעניצע און געשווענקט די שטיינערנע ברעגן. די דעמבעס אין טעפּטיוזש האָבן נאָרוואָס זיך גענומען ארויסשיילן, דער טאָל האָט שוין געשאָרבעט מיט זײַנע ברייטע טונקל-גרינע בלעטער. זיי גייען געשווינד, רעדן ניט ארויס קיין וואָרט, בא יעדערן איבערן אקסל איז אריבערגעוואָרפן א האָריק בעזעמל. בא יעדן אפ דער זײַט הענגט א טאָרבע מיט ברויט און מיט ציבעלע — דאָס איז שפּײַז אפ א גאנצן טאָג. אָט איז מען שוין ארויס פונעם טעפּטיוזשער וואלד, — פאר די אויגן שפּרייטן זיך גרינע פעלדער, ווײַטער א ביסל — לאַנקעס אײַנגעזונקען אין בלומען, ווידער א בערגל, און ס'ציט זיך איבער דעם א סמעזשקע, ווי א שלענגל. און אָט איז באָריסלאווער נידערלאנד. ניט צוקומענדיק צום דאָרף, זײַנען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען איבער די לאָנקעס, זומפן, — יעדערער האָט זיך אויסגעזוכט אן אָרט, און זיי האָבן זיך געשטעלט צו דער ארבעט.

דער באָריסלאווער טאָל האָט אין יענע צײַטן אויסגעזען ניט אזוי ווי איצטער. דאָס אָרעמע בײַ-בארגיק געוויינלעך דאָרף איז געלעגן צעוואָרפן אין קליינע הײַפעלעך געבײַען באַם צופוסנס פונעם היל לעבן טײַך. אפ די בערגלעך פון פאני און טוסטאנאָוויטש האָבן זיך געצויגן פעלדער, און נידעריקער — לאָנקעס און זומפן. ניט געקוקט אפ דעם אלץ, איז די ערד פאָרט עפּעס ניט געווען קיין געוויינלעכע. זי האָט נאָכגעגעבן מיט א מאָדנעם גערוך, באזונדערס אין די ווארעמע אָונטן. פרילינג-צײַט, ווען דער שניי צעגייט און די לייט ווערט ווייך, הערט מען דײַטלעך עפּעס א גערודער אין דער ערד, ווי א שטיל אָטעמען, ווי א פולסירונג פון היים בלוט אין טיפע פארהוילענע אָדערן. עס האָבן זיך געטראָגן קלאנגען אין פאָלק, אז אפ דעם אָרט, וווּ ס'שטייט באָריסלאוו, זײַנען אמאָליקע צײַטן פאָרגעקומען גרויסע ברידער-מילכאָמעס, אז דאָ ליגן באגראָבן אסאך אומשולדיק-געהארגעטע מענטשן און אז אלע יאָר פרווון זיך די מייסים אופשטיין פון די קוואָרים, ביז סאָפּ-קאָלסאָף ס'וועט קומען זייער צײַט. און דאן וועלן זיי דורכברעכן די ערד, כאָרעוו מאכן גאנצ באָריסלאוו און זיך לאָזן אפ דער וועלט מיל-כאָמע האלטן. ניט געוווּסט האָבן די אָרעמע באָריסלאווער לײַט, וועלכע

לעבמ געמיינ און שפּאָרעוודיק: ניט געטרונקענ גאָרניט, אכוצ וואסער, געגעסנ ווייניק און שלעכט, דערצו נאָכ די אומגעזונטע לופט אינ די בלאָטעס — דאָס אלצ האָט אימ אָפגעשוואכט. נאָר הערמאנענ האָט דאָס ווייניק געקימערט. די געלט-גייציקייט האָט אימ וואָס אמאָל שטארקער באהערשט — אלצ אָפטער און אָפטער האָט ער גענומענ טראכטנ און זוכנ מיטלענ, ווי אזוי רייכ צו ווערנ. ווינטער פלעג ער וווינענ אינ דראָ-האָביטש, געווײנלעכ בא דעמ מענטשנ טאקע, וועמענ ער פלעג זומער-פארקויפנ די אָנגעשעפטע קיפיאטשקע. געווענ איז אָט דער מענטש ניט קיינ אלטער נאָכ, א טרוקענער, א מיעסער הענדלער. ער האָט גע-האנדלט מיט שמירעכטס, מיט שטריק און אנדערע קלייניקייטנ פארנ האָרפישנ געברויכ. וווינענדיק בא אימ דעמ ווינטער, פלעג הערמאנ אָפט אימ אונטערהעלפנ פירנ דעמ האנדל. דאָ איז אימ צונוצ געקומענ די דערפארונג פונ יענע יאָרנ, ווענ ער האָט געשמאטניקעוועט. דער סויכער פלעג געוויינלעכ באשטימענ די פרייז פאר יעדער ארטיקל און איבער-געבנ הערמאנענ צומ פארקויפנ, און וואָס ס'האָט זיכ אימ איינגעגעבנ לייזנ העכער דער פרייז — איז דאָס געווענ זיינ פארדינסט. קלאָר, אז הערמאנ איז ניט געווענ פונ יענע מענטשנ, וואָס זאָלנ צוליב אָרנט-לעכקייט דאָרפנ זיכ אליינ קריוודענ. ער האָט באשווינדלט די קוינימ און געשונדנ פונ זיי, וויפל ס'האָט זיכ נאָר געלאָזט. און ווענ עמעצער א פויער פלעג זיכ מיט אימ נעמענ קריגנ אָדער זידלענ אימ, האָט ער, לאכנדיק, אימ ארויסגעשטעלט פונ יענער זייט טיר. אפ אזא אויפנ האָט הערמאנ געהאט נאָכ א פארדינסטל. וועגנ דעמ געלט זיינעמ האָט קיינער ניט געוווסט, אלע האָבנ געהאלטנ, אז ער איז פראָסט א מע-שאָרעס בא יענעמ. באמ באלעבאָס זיינעמ האָט ער אינ די ווינטערס געטאָנ, וואָס פאר אנ ארבעט ס'האָט זיכ נאָר געמאכט, געהאט גענונג אויסצושטיינ פונ דער באלעבאָסטע און פונ אנדערע מענטשנ, מע האָט אימ געזידלט, אמאָל געשלאָגנ אפילע. נאָר ער האָט אָנגעבויגנ פאר זיי דעמ קאָפ, געטייעט די סינע אינ זיכ.

זעלבסטפארשטענדלעכ, אז אזא לעבנ איז אימ גיכ נימעס געוואָרנ, און ער האָט געווארט אפ פרילינג, ווי אפ אנ אויסלייזונג. פרילינג-צייט האָט זיכ פאר אימ געעפנט א פרייע וועלט. כאָטש דאָס לעבנ אינ באָריסלאוו איז געווענ געמיינ און אָרעמ, דאָכ איז עס פאָרט געפלאָסנ אינטערעסאנטער און פרייליכער, מיט די וויצנ און געלעכטער אינ דער סוויווע פונ די קיפיאטשקע-שעפערס. אָבער ניט וועגנ דעמ האָט הער-מאנ געטרוימט. ער האָט דערקענט די ווערט פונ געלט אינ א נויט,

פלאָסנ די קיפּיאַטשקע אָנ אָפּשטעל אונ ארופּגעשווומענ אינ פינקלענדיקע רינגענ אפנ אויבערפלאַך פונ דער קאַלעמוטנער וואַסער. העטמאַנ האָט געשעפּט גאַנצע שאָענווײַז, ניט איינ מאָל זיך געכידעשט, וואָס פאַר א קחאַפּט יאָגט עס ארופּ די געלבלעכע שאַרפּע פּליסיקײַט אונ ווו איז איר קוואַל. ניט איינ מאָל האָט ער געטראַכט צו זיך אליינ, אז ווענ ער זאָל זיך קאָנענ דערגרונטעווענ צום קוואַל, וואָלט ער דאַנ געקאָנט מיטאמאָל רײַך ווערנ. נאָר די סאַווייריִמ זײַנע האָבנ געשמועסט, אז דאָס איז גלאַט אזוי-זיך — די ערד „שוויצט“, אז צו קיינ שום קוואַל וועט זיך העטמאַנ ניט דערגרונטעווענ, וואָרעם ס'איז גאָר ניטאָ אזא מינ, אונ אפ רײַך צו ווערנ וועט אים אויסקומענ נאָך לאַנג צו וואַרטנ. העטמאַנ האָט ניט געקאָנט פארנעמענ די דאָזיקע בויזעק-רייד, האָט ער אופּגעהערט ריידנ פונ דעם, שפּעטער האָט ער אופּגעהערט אפילע צו טראַכטנ וועגנ די נאַפט-קוואַלנ.

ביז-וואָס האָט ער, ניט דערגרונטעווענדיק זיך צו די קוואַלנ, באַוויזנ צו שאַפנ זיך נוצנ פונ דעם, וואָס איז שוינ געווענ. ניט לאַנג האָט ער געטראָגנ קיפּיאַטשקע קיינ דראָהאָביטש אפ קאָראָמיסלעס, גאָר איינגיכנ האָט ער פארשטאַנענ, אז אזא ארבעט טויג ניט. ער האָט דאָך געהאַט געלט, — איז צוליב וואָס-זשע זאָל ער זיך מאַטערנ, אויב ער קאָנ זיך אליינ מאַכנ גרינגער אונ נאָך פאַ אנדערע כאַפּנ א פארדינסט? האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט אנדערע שעפּערס אונ געקויפט פאַר זײַנ געלט א פערד-אונ-וועגעלע אפ צו פירנ די קיפּיאַטשקע קיינ דראָהאָביטש. פונ דעם האָט ער געהאַט א דרײַענדיקע נוצ. ערשטנס, דאָס, וואָס ער האָט שוינ מער ניט געדאַרפט שלעפּנ קיינ צעבערס קיינ דראָהאָביטש צום פארקויפנ, ווײַל ער האָט זיי געקאָנט פירנ, אי דאָס יעדנ צווייטנ טאָג, — אזוי-ארום האָט ער ווייניק צײַט געפּאַטערט אונ מער געקאָנט שעפּנ. צווייטנס, אנדערע שעפּערס האָבנ אים געגעבנ זייער קיפּיאַטשקע אפ אריבערפירנ אונ פארקויפנ, אונ פאַר פינפ זייערע צעבערס האָבנ זיי אים צוגעגעבנ א זעקסטנ פאַר זײַנעטוועגנ. דאָס פערדל האָט אויך קיינ סאַך ניט געדאַרפט האָבנ, וואָרעם פאַר א צעבערל שמאַראָווידלע, וואָס זיי אליינ האָבנ קיינ צײַט ניט געהאַט אָנצושעפּנ, האָבנ די פויערים געגעבנ העטמאַנענ היי אונ ניט פארווערט אים אוועקצושטעלנ דאָס פערדל בײַ זיי אינ שאָפּע.

אזוי האָט זיך געצויגנ עטלעכע יאָר. פאַר דער דאָזיקער צײַט האָט העטמאַנ ניט בלויז ניט צעטרענצלט זײַנ קאַפּיטאַל, נאָר ער האָט נאָך באַוויזנ אים פארגרעסערנ אינ דרײַ מאָל. די אלע יאָרנ האָט ער גע-

אפ אימ צעבייזערט, האלעמענ האָט ער עס אימ פריער ניט געזאָגט, פארוואָס ער האָט אימ פאר קיינ שוטעפ ניט גענומענ. א. אז. וו., אונ ווענ הערמאנ האָט ענדלעכ בא אימ געבעטנ א האלוואָע עטלעכע הונדערט גילדנ, — איז ער געוואָרנ אזוי אינ קאס, אז ניט נאָר וואָס ער האָט אימ אָפגעזאָגט אנטלייענ געלט, נאָר ער האָט צודערצו גוט אויסגעזידלט דעמ יונגנ ספעקוליאנט אונ ארויסגעטריבנ אימ פונ שטוב.

— מארש, פארנעמ זיכ! — האָט ער געשריגנ א צעקאעסטער. — ווער ווייסט, ווו דו האָסט געלט גענומענ! עפשער איז דאָס געגאנוועט, אונ מע וועט נאָכ אפ מיר ארופלייגנ די קלאָצ! גיי, איכ זאָל דיכ אפ מיינע אויגנ ניט זענ!

הערמאנ האָט פארנומענ זיינע בעבעכעס אונ איז אוועקגעגאנגענ. ס'האָט אימ ניט אזוי געארט דאָס זידלענ אונ דאָס כוישעד זיינ אימ, ווי דאָס אָפזאָגנ אימ צו לייענ געלט. וואָס זאָל ער איצט טונ? דאָ טרייבנ נאָכ אונטער די אמט-לייט, ער זאָל גיכער צושטעלנ די מאטעריאלנ, אונ ער האָט ניט פאר וואָס צו קויפנ זיי, אפילע קיינ פור-געלט באצאָלנ. עמעס, מאטעריאל אונ פור-געלט האָבנ דעמלט אינ דראָהאָביטשער אומגעגנט געקאָסט אינ פינפ מאָל וועלוועלער, איידער איצט, נאָר ער האָט שוינ ניט געהאט קיינ גראָשנ בא דער נעשאָמע. ס'איז אימ געווענ שטארק ביטער. אויב ער וועט ניט צושטעלנ אלצדינג צומ טערמינ, וועט פארפאלנ גיינ דאָס קויצע-געלט, אָבער קיינ הילפ האָט ער ניט פונ קיינעמ.

ס'איז שוינ געהאט צוגעפאלנ דער אָוונט. ס'האָט זיכ געקליבנ א רעגנדיקע נאכט. הערמאנ איז געגאנגענ, פונ גאָרנישט ניט געטראכט, נאָר פונ זיינ „געשעפט"; ס'האָט אימ ניט געקימערט ניט די נאכט, ניט דער וועטער. אינ דער האנט האָט ער געטראָגנ א קליינ פעקעלע. זיינע געדאנקענ, ווי צעשראָקענע שוועלבעלעכ, האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ אלע זייטנ, געזוכט אנ אויסגאנג. א קאלטער שווייס איז אימ ארויסגעטראָטנ אפנ פאָנעמ, ווענ ער האָט זיכ באקלערט, אז „ס'וועט אויסקומענ אפ אלצ א מאכ טונ מיט דער האנט, אונ"... א מאכ טונ מיט דער האנט אפ אלצדינג, אפ וואָס ער האָט לאנגע יאָרנ אויסגעשטעלט אונ גערעכנט בויענ זיינ צוקונפט! ניינ, אזא זאכ וועט ניט געשענ! ער מוז געפינענ א מיטל, ער מוז עפעס צוטראכטנ! ס'האָט גענומענ פינצטער ווערנ, א קאלטער רעגנ האָט אָנגעהויבנ שמייסנ אימ אינ פאָנעמ. קליינע קאלטע טראָפנדלעכ זיינענ אזוי אומגעריכט געפאלנ אפ זיינ צעהיצט פאָנעמ, אז ער האָט אפ א מינוט זיכ אָפגעשטעלט אונ

דערקענט, אז אָנ דעמ איז שווער צו לעבנ אפ דער וועלט, אז נאָר געלט קאָנ אימ באפרײַענ פונ דער נויט, פונ דערנידעריקונג, וואָס ער מוז איצט אזוי אָפט איבערטראָגנ. פאמעלעכנ האָט זיכ אינ אימ צעברענט א שרעקלעכער פיבער, די בלינדע געלט=גײַציקײט האָט אינ אימ פארטויבט אלע אנדערע געפילנ, פארשטעלט פאר זײַנע אויגנ אלע שטרעבונגענ אונ גענארט אימ בלויז מיט אײנ ציל — מיט רײַכקײט.

מיט אומרו האָט ער געהיט זײַנ געלט, דאָס אָפגעשפאָרטע פונ איציקס יערושע אונ פונעמ שעפ=געווערב, עס געציילט אלע וואָכ, באהאלטנ עס ווי דאָס טײַערסטע אינ לעבנ, ניט ארויסגערעדט זיכ וועגנ דעמ פאר קײנ אײנעמ פונ זײַנע כאווײרימ, מוירעהאָבנדיק, אז מע זאָל אימ ניט צווינגענ עס פארשווערנ. ער האָט אָבער געוווסט, אז א גראָשנ, וואָס ליגט, וואקסט ניט, האָט ער דעריבער געשמעקט, געזוכט, זיכ צוגעהערט צו אלערלײ קלאנגענ, זיכ דערפרעגט וועגנ לוינענדיקע „געשעפטנ".

אינגיכנ האָט זיכ געמאכט א געשעפט. די רעגירונג האָט גענומענ בויענ אינ דראָהאָביטש א מיליטערישע דעפאָ אונ געזוכט פאָדריאדטשיקעס, וואָס זאָלנ צושטעלנ פארשײדענע בוי=מאטעריאלנ. די צײַט איז געווענ אנ אָרעמע, פאָדריאדטשיקעס זײַנענ געווענ ניט קײנ סאכ, האָט די רעגירונג געשטעלט גינסטיקע באדינגונגענ, קעדײ צוציִענ וואָס מער מענטשנ. אונ דאָס טאקע האָט הערמאנ באדארפט האָבנ. ער האָט זיכ אונטערגענומענ צושטעלנ האָלצ אונ קאלכ, נאָר זײַנ אײגנ געלט האָט אימ אפ דערופ ניט געקלעקט. ער האָט זיכ געדרײט, זיכ געמאטערט, זיכ געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ, נאָר ס'האָט אימ ניט געהאָלפנ. אפ הילפ פונ דער זײַט איז ניט געווענ וואָס אויסצושטעלנ, אונ ס'האָט שוינ געהאלטנ דערבײַ, אז הערמאנ זאָל פאטערנ אלצ מיטאנאנדער אונ ווידער זיכ נעמענ שעפנ קיפיאטשקע אינ באָריסלאוו, אנ אומגעריכטער, כאָטש ניט איבעריק קײנ גליקלעכער, צופאל פאר אים, האָט אימ דאָס מאָל ארויסגעראטעוועט.

דער מענטש, בא וועמענ הערמאנ האָט זיכ אופגעהאלטנ עטלעכע יאָר נאָכאנאנד, האָט זיכ דערוווסט, אז זײַנ מעשאָרעס, א פאָשעטער קיפיאטשקע=שעפער, האָט זיכ אונטערגענומענ צושטעלנ דער רעגירונג בוי=מאטעריאלנ. צוערשט האָט ער ניט געגלויבט זײַנע אײגענע אויערנ, זיכ צעלאכט אפנ קאָל, דערנאָכדעמ אָבער, ווענ ער האָט דערזענ, אז הערמאנ טוט די ארבעט ניט אפ קײנ לעצאָנעס (ארײַנגעטראָגנ קורצע עטלעכע הונדערט גילדנ אונ ער פירט געהילצ אונ קאלכ), האָט ער זיכ

— ס'האָט מיך געדאַרפט טרעפן אַן אומגליק, האָט ער מיך גע־טראָפן אַפן גלייכן וועג! — האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן, קנייטשנדיק דעם שטערן. — איך בין געווען אַ נאַר און מער גאָרנישט.

נאָר דעמלט, בעשאַס דער ערשטער באַגעגעניש מיט ריווקען, איז הערמאַן גאַנץ גוט געווען פון ענלעכע אומדעליקאַטע געדאַנקען און אויסרופן. אייגנטלעך, אַ גאַנצע מינוט צייט איז ער דאַן ביכלאַל ניט אימשטאַנד געווען צו טראַכטן, ביז ס'האָט ניט קיין הילף געטאָן אים אין אויער אַ קלינגענדיקער מיידלשער געלעכטער. דער דאָזיקער געלעכ־טער האָט אים אויפגעוועקט.

— נו, וואָס שטייסטו מיט אויסגעגלאָצטע אויגן? — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. — ס'קלייבט זיך אַ רעגן, גיי דיר דיין וועגס!

זי האָט שוין געוואָלט אָפּטרעטן, — הערמאַן האָט נישטווילנדיק זי מאַשינעל אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַרבל און האָט זיך אויך צעלאַכט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט עפּעס אַ מאָהנעם, האַלב־בייזן, האַלב־אַרויסרופערישן בליק. הערמאַן איז געוואָרן דרייסטער, גענומען ריידן, גייענדיק באַנאַנד מיט איר. אַזוי האָט זיך פאַרבונדן זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט.

ריווקע איז, אַזוי ווי הערמאַן, געווען אַ יעסוימע. אירע עלטערן זיינען אויך געשטאָרבן אין דער צייט פון דער כאָלערע. זי איז גע־בליבן פון קליינווייז אויף באַ אַן אַלטער מומע, באַ וועמען זי וווינט ביז היינטיקן טאָג. די מומע, אַן אַקאָרע, אַן אַלמאָנע, האָט זי גע־נומען צו זיך, איר צוגעזאָגט געבן 500 גילדן נאָדן צו דער כאַסענע. ריווקע האָט דאָס אַלץ דערציילט הערמאַנען שוין אינעם ערשטן אָוונט, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו איר שטוב. הערמאַן האָט זי באַגלייט ביז דער טיר, אָוועקגענאַנגען אַ פאַרטראַכטער נעכטיקן אין שענק. „אַ גליקלעכער צופאַל, — האָט ער אַ קלער געטאָן, — ווען ס'זאָל זיך מיר נאָר איינגעבן! איך וועל כאַסענע האָבן מיט ריווקען, און איר נאָדן וועט מיך ראַטעווען!" דער דאָזיקער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ, און ער האָט עפּעס באַשלאָסן מאַכן אַ וויזיט צו איר אַהיים. דערביי האָט מען קיין צייט ניט געטאָרט פאַרטערן, — מע האָט געדאַרפט זיך צויילן, און הערמאַן האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך דערשלאָגן זיינס. שוין דעם צווייטן פאַרנאַכט האָט ער אויסגעוואַרט ריווקען אינדרויסן, זיך באַגעגנט מיט איר, ווען זי האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט איר דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. אין דער ערשטער מינוט האָט זי זיך פאַרשעמט און אים מעטאַבער געווען מיט

ארומגעקוקט זיכ ארום, ווי אַנ אויפגעוועקטער פונ שלאָפ, אונ האָט זיכ גענומענ באטראכטנ, ווו איז ער אונ וואָס טוט זיכ מיט אים. ערשט איצטער האָט ער זיכ דערמאָנט, אַז מע האָט אים ארויסגעטריבנ פונ שטוב אונ אַז ער דארפ זיכ ערגעץ זוכנ א נאכטלעגער.

— מע דארפ גיינ שלאָפנ אינ שענק, — האָט ער א טראכט געגעבנ אונ זיכ ארומגעקוקט, ווו געפינט ער זיכ איצטער.

— אהא, דאָס איז האָכ דער לאנ! — האָט ער א מורמל געטאָנ צו זיכ אליינ. — אפאָנעם, איכ האָב אהערצו פארבלאָנדזשעט אַזש פונ דער זוואריצקער פאָרשטאָט? טפו!

ער האָט זיכ פארקערעוועט אפ גיינ צוריק צו זוואריצקע, דאָרטנ איבערנעכטיקנ אינ א באקאנטנ שענק, ווו ס'האלטנ זיכ אופ די קיפיא=טשקע=שעפערס. פארקערעווענדיק זיכ אײַליק באם ראָג גאס, האָט ער אינ דער פינצטער פארטשעפעט מיטנ עלנבויגנ עפעס א מענטשנ אונ אים שיר ניט ארײַנגעשטויסנ אינ א ריוו ארײַנ.

— א רועכ אינ דײַנ טאטנ ארײַנ, — האָט ער דערהערט לעבנ זיכ א הילכיקע מיידלשע שטים, אונ צוויי ווייכע הענט האָבנ זיכ אָנגעכאפט פאר זײַנ האנט אזוי אומגעריכט, אַז ער האָט אופגעציטערט מיטנ גאנצנ קערפער אונ שיר ניט פארלוירנ דעם גלײַכגעוויכט.

— נו, וואָס איז? — האָט ער א פרעג געטאָנ, אויסקערעווענדיק זיכ אינ דער זײַט, פונוואנענ ס'האָט אים געדראָט די געפאר. אינ דער שטים פונעם אומבאקאנטנ מענטשנ האָט זיכ ניט געהערט גיט קיינ קאס, ניט קיינ בייזקײַט. דאָס צורירנ זיכ פונ די ווייכע הענט האָט אפ אים געמאכט עפעס א מאָדנע אײַנדרוק: ער האָט אליינ ניט געוווסט, וואָס באטײַט עס. אינ דער פינצטער האָט ער גענומענ זיכ אײַנקוקנ אינעם פרעמדנ מענטשנ.

דאָס איז געווענ א מיידל, פונ א יאָר צוואנציק, א פול=פענעמדיקע, א שווארצוויניקע, כאָטש ניט איבעריק קיינ שיינע. אזעלכע פענעמער פלעג הערמאנ זענ טאָגטעגלעכ גאנצע צענדליקער אפ דער גאס, נאָר דעמלט, שפעט אינ אָוונט, אונטער דער ווירקונג פונעם ווייכנ צוריר פונ אירע הענט, האָט זיכ אים אויסגעוויזנ, אַז דאָס דאָזיקע פאָנעם אינטערשיידט זיכ פונ אנדערע, אַז די אויגנ זײַנענ לעבעדיקערע, די שטים אנגענעמער, — מיט איינעם וואָרט, ער איז געבליבנ שטיינ א פארצויבערטער אונ מיט א נארישער מינע געקוקט אפנ אומבאקאנטנ מיידל. איצטער אפילע, ווענ ער דערמאנט זיכ יענע באגעגעניש אונ די גאנצע סצענע אפ דער גאס, שפײַט הערמאנ אויס פאר פארדראָס:

לעבקײט ארויסצונעמענ פונעמ אומזאצ דאָס נאָרנ־געלט — דאָס איז שוינ געווענ רײנער רעוועכ. ווענ די בױונג האָט שוינ מער ניט געפאָדערט ניט קײנ געהילצ, ניט קײנ קאַלכ, האָט הערמאַנ זיכ אונטערגענומענ צושטעלנ גאַנטעס, ברעטער אונ אנדערע נײטיקע מאַטעריאַלנ אונ בא דעמ אלצ פאַרדינט אַהאַנק זײנ געשיקטקײט אונ אָפטנ באַשווינדלענ די פור־לײט אונ די וואַלד־אָנגעשטעלטע. די בױונג פונ דער דעפאָ האָט זיכ פאַרצויגנ אפ גאַנצע פיר יאָר, אונ אינ ׳מעשעכ פונ דער האָזיקער צײט האָט הערמאַנס קאַפּיטאַל באַוויזנ צו דערגרײכנ א באַ־דײטנדיקע סומע — 10 טויזנט. אנ אנדערער אפ הערמאַנס אָרט וואָלט געטאַנצט פאַר פרײד, וואָס ס׳האָט זיכ אימ אײנגעגעבנ אַזוי גוט פאַרדינענ, וואָלט זיכ דערמאָנט אינעמ אלטנ ווערטל: „לויט דער האַכנאָסע פיר די הויצאָע“ אונ וואָלט פאַרהאַלטנ דאָס געלט אינ א זיכער אָרט אונ זיכ שוינ געלעבט פונעמ פראָצענט. אָבער הערמאַנ איז ניט געווענ פונ די־אָ לײט. דער קאַמפּ צוליבנ קרײצער, צוליבנ גילדנ, אָדער הונדערטער גילדנס, — א קאַמפּ א פאַרביטערטער, א שווע־רער אונ אנ אומופהערלעכער, — האָט אימ צעהיצט. ער האָט געזוכט אנ אנדער פעלד, ווו ער זאָל זיכ קאָנענ באַלד שטעלנ אינ שלאַכט קעגנ נײע קעגנערס. אַזא פעלד האָט שוינ עקזיסטירט, אונ עקזיסטירט ניט ערגעצ אנדערש, נאָר אינ באָריסלאַוו אלײנ.

דאָמס, דער באַוווסטער דײטשישער קאַפּיטאַליסט, וועמענ גאַליציע האָט צו פאַרדאַנקענ קימאַט אינ יעדנ פראָדוציר־געביט דעמ ערשטנ שטויס, האָט, דורכפאָרנדיק דורכ דראָהאָביטש, אָפּגעשטעלט זײנ אופמערק־זאַמקײט אפ דער מאָדנער שמירעכטס, וואָס די קיפּיאַטשקע־שעפּערס האָבנ פאַרקויפט די פויערימ אפנ מאַרק. איבערצײגט זיכ, אז דאָס איז נאַפט, פאַרשמוציקטע מיט ערד אונ מיט אנדערע מינעראַלע צומישנ, האָט ער אלײנ געוואָלט א קוק טונ אפנ אָרט, פונוואַנענ מע קריגט ארויס דאָס שמירעכטס. מע האָט אימ אָנגעוויזנ אפ די באָריס־לאַווער זומפּנ. די פויערימ האָבנ אימ דערצײלט, ווי דאָס שמירעכטס קומט ארופ אפנ וואַסער־אויבערפלאַכ, ווי ס׳ברענט אויס דאָס גראָז אונ אלע אנדערע געוויקסנ, אונ אײניקע האָבנ אפילע גענומענ דערצײלנ וועגנ די אונטערערדישע, פאַרשאָלטענע שלאַכט־לײט, וואָס זײער איבער־געפוילט בלוט שווימט ארופ אפ דער וואַסער. דאָמס, אלס פּראַקטי־שער מענטש, האָט, פאַרשטײט זיכ, ווײניק אכט געלײגט אפ די דאָזיקע מײסעס, נאָר ער האָט זיכ אָנגעשטויסנ, אז די נאַפט־קוואַלנ דאַרפנ זײנ ערגעצ ניט טיפ, אויב דער נאַפט גײט אלײנ ארויס אפ אויבנ, אונ

איר געוויינלעכנ: „א רוכ אינ דײַנ טאטנ ארײַנ“. נאָר ווענ הערמאנ האָט איר אויספירלעכ דערציילט וועגנ זיכ און זײַנע געשעפטנ, איז זי געוואָרנ א ביסל ווייכער, אלע מאָל געכאפט אפ אימ א קיק פונ הינטנארומ און ענדלעכ אימ געזאָגט, אז ער זאָל איבערריידנ מיט איר מומענ. די זאכ האָט זיכ אײַנגעגעבנ, כאָטש ניט אָנ די געוויינלעכע דינגענישנ און אויסנעמעניש. אינ צוויי וואָכנ ארומ איז ריווקע שוינ געווענ הערמאנס ווײַב, און הערמאנס „געשעפט“, צוגעשמאָלצנ מיט ריווקעס געלט, איז אוועק בארג=ארופ און ארײַנגעטראָגנ הערמאנענ א היפשנ רעוועכ. נאָכ דער כאסענע איז הערמאנ געוואָרנ נאָכ מער גײַציק צו געלט. ער האָט געוווּסט, אז אינגיכנ וועט ער דארפנ אפ זײַנע פלייצעס אויסהאלטנ א גרעסערע פאמיליע, האָרעווענ עטלעכע הונגעריקע אומארבעטספייִקע מײַלער. און ס'האָט זיכ אימ אזוי ניט געוואָלט צוריק ארײַנפאלנ אינ דער אלטער נויט, נאָכ מיט א גרויסער מישפּאָכע דערצו. א קעלט איז אימ דורכ איבערנ לײַב, ווענ ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט אזא לאגע, — דעריבער האָט ער מיט דער גאנצער קראפט זיכ גענומענ צו די געשעפטנ, געריסנ אלצ און פא יעדערנ, גערדייט, געקריוודעט, וועמענ נאָר ער האָט געקאָנט, באשווינדלט די רעגירונג אפ דער קוואליטעט פונעמ געהילצ, אפ דער וואָג פונעמ קאלכ, אפ אלצדינג, — אונטערגעקויפט די וואלד=וועכטער און האלב קלעצער גענומענ אומזיסט אינ די פריצישע וועלדער, — מיט איינ וואָרט, אומעטומ איז ער געווענ און געשונדנ די קאָרע, ווו ס'האָט זיכ נאָר געלאָזט. אזא ארבעט, א דריבנע, אנ אויסמאטערנדיקע, א העסלעכע, — שטענדיק קריגערײַ, קלאָלעס, גוואלדנ, און דערנידעריקונג — איז געווענ הערמאנענ צומ הארצנ. זי האָט צוגענומענ אלע קויכעס זײַנע, אלע זײַנע געדאנקענ, — ניט געלאָזט אימ פאר גאָרנישט ניט זיכ אָפּשטעלנ, פארטויבט יעטווידע אינערלעכע מענטשלעכע שטימ, אויסער דעמ אומופהערלעכנ דראנג צו רעוועכ. ריווקע און איר מומע (הערמאנ האָט געוווינט בײַ זיי אינ שטיבל) האָבנ צוגעזענ זײַנ שטענדיקע פארהאוועטקײַט און זײַנענ געווענ צופרידנ פונ הערמאנס געשיקטקײַט און סייכל, ווענ ער פלעג זיי שאבעס=צונאכטס דערציילנ וועגנ זײַנע אופטועכצנ און געשעפטנ. אלע דרײַ האָבנ געלעבט לויטנ פריערדיקנ מאניר — ביז נאָר שפּאָרעוודיק. ריווקע און איר מומע האָבנ זיכ פארנומענ מיט עפּעס אנ ארבעט, וואָס האָט זיי געגעבנ צומ לעבנ, און הערמאנ האָט אויכ קיינ סאכ ניט געדארפט האָבנ. אזויארומ האָט זיכ צונויפגעלייגט א גראָשנ צו א גראָשנ, און אינגיכנ האָט שוינ הערמאנ געהאט א מעג=

צוגעלאָזט. וווּ איינער האָט ארויסגעקראָגנ נאפט, האָט א צווייטער גלײַכ זיכ געשטעלט גראָבנ לעבנ אימ, טיפער גענומענ, זיכ אונטערגעגראָבנ אונטער יענעמ. די רעגירונג האָט זיכ מיט זיי קיינ אייצע ניט געקאָנט געבנ, ווײַל א לאנגע צײַט איז אינ באָריסלאוו ניט געווענ קיינ שומ רעגירונגס־קאָנטראָל, קיינ שומ אויפזיכט אינעמ אָפּהיטנ די געפארלאָזי־קײַט. פארשיידנערליי פארברעכנס, שוידערלעכע טונקעלע געשעפטלעכ זײַנענ געווענ א געוויינלעכע זאכ. דאָס דאָרפ באָריסלאוו איז פאמעלעכ פארשוואונדנ געוואָרנ אינ אָט דעמ כאאָס, ווי שוימ אפנ וואסער. די לאנג־אומגעקומענע „קריגערס" זײַנענ אויפגעשטאנענ פונ די קוואָרימ, אונ אומשטייענדיק האָבנ זיי צעוואלגערט דאָס דאָרפ, וואָס איז געהאט אויסגעוואקסנ אפ זיי.

הערמאנ גאָלדקרעמער איז געווענ איינער פונ די ערשטע ספעקו־ליאנטנ, וואָס זײַנענ אָנגעפלויגנ אפ באָריסלאוו, ווי רויב־וואָראָנעס אפ א טעוויילע. גאָר אינגיכנ האָט ער שוינ פארמאָגט דרײַ גריבער מיט „מאווקעס", דאָס הייסט מיט הויפטלעכע נאפט־אָדערנ. הערמאנ איז מיטאמאָל געוואָרנ א גוויר. ביז איצט האָט ער בלויז געקעמפט, — איצטער האָט ער פעסט זיכ געשטעלט אפ די פיס. דער קאפיטאל איז אליינ געשווומענ צו אימ אינ די הענט ארײַנ. אָבער נאָכ א לאנגע צײַט האָט אימ ניט פארלאָזט יענער פיבער, מיט וועלכנ ער האָט אינ די אמאָליקע צײַטנ זיכ גענומענ צו זײַנ ערשטער ספעקוליאציע. לאנג נאָכ איז ער גאנצע טעג אומגעפלויגנ איבער באָריסלאוו, ארײַנגעקוקט אינ איינ גרוב נאָכ דער צווייטער, זיכ געזידלט, געשריגנ אונטערגע־יאָגט די ארבעטער, מיט איינ וואָרט, ווי די ריפניקעס פלעגנ זאָגנ: „ער האָט זיכ געײַלט, גלײַכ ווי מאָרגנ שוינ חארפ מענ אימ אוועק־טראָגנ אפנ בייסוילעמ". פונ אָנהייבס האָט ער ווי אליינ ניט געגלויבט אינ זײַנ אייגענעמ גליק, מוירע געהאט, אז אָט־אָט וועט זיכ עס צע־קריכנ, פארשווונדנ ווערנ, ווי א רויכ. ניט איינ מאָל אינ די אָוונטנ פלעג ער ארײַנקוקנ אינ די שמאָלע, פינצטערע עפענונגענ פונ די גרי־בער, אונ א גרויל האָט אימ דורכגענומענ. ער פלעג זיכ דערמאָנענ אינ די צײַטנ, ווענ ער איז נאָכ געווענ א שעפער, זיכ דערמאָנט אינ די פויערישע געשיכטעס וועגנ דעמ מענטשלעכנ בלוט אינ דער ערד, וועגנ די עקלדיקע „הינט־קעפיקע", וואָס ליגנ לעבעדיקע אינ די קוואָרימ אונ וואכנ, ביז מע וועט זיי ארויסלאָזנ אפ דער ליכטיקער שײַנ, אונ ס'פלעג אימ באפאלנ א פאכעד. זײַנ אָבערגלויבערישע פאנטאזיע האָט אימ געמאָלט העסלעכע בילדער, — אפילע אינ שלאָפ פלעג זיכ אימ אויס־

אז זיי זײַנענ געווים גאנצ רײַכע. ער איז אוועקגעפאָרנ קיינ באָריסלאוו, אויסגעפאָרשט די געגנט אונ באשלאָסנ גלײַכ צוטרעטנ מאכנ א פרווו. בײַ אײניקע אָרעמע פויערים האָט ער פאר האלב אומזיסט אָפּגעקויפט שטיקלעכ פעלד, געדונגענ מאקע באָריסלאווער יאטנ אונ געשטעלט זיכ גראָבנ שמאָלינקע „דוטשקעס"[1]. אינ דער טיפ פונ דרײַ-פיר קלאפטער האָט זיכ באוויזנ נאפט. דאָס האָט טריומפירט. ער האָט גלײַכ זיכ גענומענ בויענ דעסטיליארניעס, זיכ באראָטנ מיט געלערנטע אינזשעניערנ אונ מיט הוטניקעס. דערווײַל האָט פונ דער זײַט זיכ אָנגערוקט א כמארע, וועלכע האָט גיכ פארטונקלט אלע זײַנע אויסזיכטנ.

אינ דער אומגעגנט האָט זיכ צעטראָגנ די יעדיעס צווישנ די פארמעגלעכע אונ די, וואָס ווילנ זיכ ארופארבעטנ, וועגנ דאָס געפינס אונ וועגנ דעם „רײַנעם אינטערעס", וואָס מע קאָנ פונ אים האָבנ. אלע האָבנ זיכ אָנגעוואָרפנ אויפ באָריסלאוו, ווער מיט מעזומענ געלט אונ ווער גלאט אזוי, אויפ ווי א זאכ מאכט זיכ. כ'האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאמפ, וועלכנ גאליציע האָט נאָכ ביז אהער ניט געזענ. א גליטשיקער עלעמענט האָט, ווי וואסער אינ דער צײַט פונ א געוויטער, זיכ א שפאר געטאָנ אינ אלע ווינקלעכ אונ אינ אלע שפארונעס, אָנגעקראָכנ, ווי טויזנטער ווערעמ, זיכ באוויזנ אומעטומ, ווו קיינער האָט זיכ אויפ זיי ניט געריכט. זיי האָבנ גוט געקענט דעמ פראָסטנ אוילעמ, געוווּסט, ווי אימ אויסצונוצנ, אָפּנארנ אויפ יעדנ טריט אונ שריט, אונ דאָס האָט געגעבנ די דאָזיקע לײַט אנ איבערוויכט איבער די דײַטשישע קאפיטאליסטנ אונ אלערליי פאכ-מענטשנ. דאָס האָט ניט געקאָנט אויסהאלטנ זייער קאָנקורענצ, אונ כאָטש ער האָט ניט אָפּגעלאָזט באָריסלאוו, נאָר דאָכ האָט דאָס געשעפט אימ ניט ארײַנגעבראכט יענעמ רעווועכ, אויפ וועלכנ ער האָט זיכ געריכט. בלויז די אָנגעלאָפענע מיט זייער „רויבערישנ פאלעבאטעווענ" האָבנ געקאָנט זיכ אײַנקלאמערנ. זיי האָבנ פאר גאָרנישט ניט זיכ אָפּגעשטעלט, אבי נאָר ארויסקריגנ „קיפיאטשקע". די זאקאָפנ האָט מענ געמאכט שמאָלינקע, ארומגעצוימט זיי מיט צווײַגנ, די ווענטילאציע בײַ זיי איז געווענ א נישטיקע, קיינ שום אײַנריכטונגענ פאר געפארלאָזיקײַט, קיינ געזונט ניט געזשאלעוועט, — טויזנטער אונ טויזנטער ארבעטער זײַנענ אומגעקומענ פאר א גראָשנדיקנ לוינ, אונ די אָנגעלאָפענע האָבנ צונויפגעזשעברעט טויזנטער אונ מיליאָנענ. זיי האָבנ איינער דעמ אנדערנ ניט

---

[1] דוטשקע — גריבל.

גאָטליב איז האַרטנ ביז הײַנטיקנ טאָג. די סצענע מיטנ זונ נאָכנ ענדיקנ די נאָרמאַלקע האָט דאָס ערשטע מאָל געעפנט די אויגנ דעמ פאָטער, וועלכער איז די גאנצע צײַט געווענ פארטראָגנ מיט געלט-ספּעקוליאציעס. ער האָט דערזענ, אז דער זונ זײַנער איז, אכוצ דער פוילקײַט, פארשלאָפנקײַט, קימאט אידיאָטיזמ, אזא מעסוקעניער אקשנ, אזא אײַנגעשפּארטער, אז ס'איז אימ אזש געוואָרנ שרעקלעכ. לאנגע שאָענ איז פאר הערמאנס אויגנ געשטאנענ די קליינע, גראָבע, לעבערלעכע פיגור פונ זײַנ זונ מיטנ נידעריקנ שטערנ, מיט די הארטע סטאָרטשענדיקע האָר, מיט די גראָבע ליפנ, אזש בלאָווע פאר שלעכטיקײַט, מיט די קלייניקע גרויע אויגנ, פונ וועלכע ס'האָט ארויסגעקוקט אזא טעמפּע אײַנגעשפּארטקײַט, אזא בייזקײַט אונ קאס, וואָס ער האָט ביז אהער קיינמאָל ניט געזענ בא קיינ קינד. מיט פארפּרעסטע פויסטנ אונ מיט א שרעקלעכנ געשריי פלעג גאָטליב זיכ ארופוואַרפנ אפ אימ, — זיכ געוואָרפנ, געבובקעט, אליינ ניט וויסנדיק איבער וואָס פאר א סיבע. אזא איבערפאל אונ בייזקײַט האָט מיט ווייניק-וואָס זיכ אונטערשיידט פונ עפּילעפּסיע.

נאָר דער ספּעקוליאציע-פיבער האָט נאָכ דערמאָלט ניט געהאט אָפּגעלאָזט הערמאנענ. גאָטליב האָט זיכ בארויִקט, ווענ ער האָט אויסגעפירט זײַנס, כאָטש פונ זײַנ פּאָנעמ, — דאָס האָט הערמאנ ערשט איצט באנומענ, — איז קיינמאָל ניט אראָפּ דער אויסדרוק פונ אָנגעכמורעטער אידיאָטישער אײַנגעשפּארטקײַט, וואָס פלעג אָפּט אריבערגיינ אינ אומזיניקער אידיאָטישער פריילעכקײַט. דאָס צווייטע, וואָס הערמאנ האָט באמערקט אינ זײַנ זונ, — דאָס איז די גײַציקײַט צו געלט, ניינ, די גײַציקײַט צו פארשווענדנ געלט. ער האָט געהאלטנ אינ איינ אײַנקויפנ שפּילעכלעכ אונ זיי גלײַכ אפנ אָרט געפּאטערט אונ צעבראָכנ, ביכלעכ אינ שול האָט ער איבערגעפירט צענדליקער, דאָס אָנטונ האָט אפ אימ געברענט, — מיט איינ וואָרט, פונ קליינווײַז אופ איז גאָטליב פארוואנדלט געוואָרנ עפּעס אינ א שעד, אינ א בייזנ גײַסט, וואָס סטארעט זיכ צעברעכנ, פארניכטנ אלצ, וואָס ס'מאכט זיכ נאָר אונטער די הענט. די ווענט פונ זײַנ צימער זײַנענ געווענ פול מיט לעכער, וואָס ער האָט אויסגעדלובעט מיט א מעסערל, פונ די לעכער טאקע האָבנ זיכ ארויסגעזוענ צעבראָכענע קלינגלעכ פונ מעסערלעכ. די דינסטנ אונ די מעשאָרסימ האָבנ געהאט פונ אימ אויסצושטיינ קאלטס אונ ווארעמס. קיינמאָל האָט ער זיי ניט געלאָזט רויִק דורכגיינ פארבײַ אימ, ער זאָל זיי קיינ שמײַס ניט טונ מיט קיינ בײַטש, ניט קיינ וואָרפ

דאכטנ, אז ער הערט א קרעכצערײַ, וואָס לאָזט זיכ הערנ פונ די גריבער אינ דער פינצטער און טויט-שטילקייט. נאָר אַזעלכע מינוטנ זײַנענ בײַ אימ געווענ זייער זעלטנ. די פיבערדיקע טעטיקייט האָט פארבלינדעט הערמאַנענ, — ער איז געווענ ווי א בלינדער, ווי א שלאָפ-וואנדלער, וואָס שפאנט אפנ ברעג פונ אָפריס אונטער דער ווירקונג פונ א פארהוילענער קראפט, און וואָס גייט איבער בעשאָלעמ נאָר דערפאר, ווײַל ער ווייסט ניט, וואָס ס'טוט זיכ ארומ אימ. פונקט אזוי האָט אינ זײַנ פיבערדיקער טעטיקייט הערמאנ ניט דערזענ אייניקע וויכ-טיקע זאכנ, וואָס האָבנ זיכ שפעטער געלאָזט שטארק דערפילנ. פריער פאר אלצ האָט ער ניט געזענ, ווי אזוי ס'האָט זיכ אנטוויקלט אינ מע-שעכ פונ אָט די יאָרנ זײַנ מישפאָכע-לעבנ. ס'איז בײַ אימ געבוירנ געוואָרנ איינ זונ, גאָטליב, נאָר הערמאנ האָט קיינמאָל קיינ צײַט ניט געהאט לייגנ אכט (אגעוו, ער איז ניט געווענ פייִק דערופ), ווי אזוי אנטוויקלט זיכ, אונטער וועמענס ווירקונג וואקסט הער זונ זײַנער. ער האָט געוווּסט בלויז איינ זאכ, אז צו פיר יאָר האָט דער קליינער גאָטליב זיכ אָנגעהויבנ לערנענ בײַ א געוויינלעכנ מעלאמעד לאָשנקוי-דעש [1] און די הייליקע שריפטנ, צו זעקס יאָר האָט ער אימ אָפגע-געבנ אינ א „דײַטשישער" שול אינ דראָהאָביטש. ער האָט אויכ געוווּסט (די לערערס האָבנ אימ אָפט וועגנ דעמ געזאָגט), אז גאָטליב האָט א טעמפנ קאָפ און אז ער לערנט זיכ שלעכט. אָבער גענויער זיכ ארײַנ-טראכטנ אינ דעמ אלצ האָט ער ניט געקאָנט און קיינ צײַט ניט גע-האט, דעריבער איז ער אלצ אָפגעקומענ מיט געלט: ער האָט גוט בע-צאָלט די לערערס, וואָס האָבנ „אונטערגעצויגנ" זײַנ גאָטליבנ פריוואט אינדערהיימ, געצאָלט מיט ווײַנ און מיט צוקער די גאלאָכימ וואסיליאנס, אונטער וועמענס אויפזיכט ס'האָט זיכ געפונענ די שול, און גאָטליב איז מיט שוועריקייט איבערגעגאנגענ פונ איינ קלאס אינעמ צווייטנ.

גאָטליבס בילדונג האָט זיכ געצויגנ ניט לאנג. געענדיקט די פער-טע נאָרמאלע, האָט ער שארפ געמאָלדנ דעמ פאָטער, אז מער טראכט ער אפילע ניט „זיכ מאטערנ אינ דער פארשאָלטענער שול". דער פאָטער האָט צוערשט זיכ פארכידעשט, הערנאָכדעמ אינ קאס געוואָרנ און גענומענ אימ דראָענ. נאָר ווענ ער האָט דערזענ, אז קיינ שומ זאכ העלפט ניט, האָט ער נאָכגעגעבנ דעמ זונ און אימ אוועקגעשיקט ארבעטנ אינ א סקלאד, ער זאָל זיכ אָנעמענ מיט האנדלס-פראקטיק.

---

[1] לאָשנקוידעש — העברייִש.

ווײקלט, אָבער דאָס האָבנ פיל זאַכנ, וועלכע הערמאַנ האָט ביז אַהער ניט באַמערקט, זיכ שוינ געוואָרפנ אימ אינ די אויגנ, צוגעצויגנ זײַנ אויפמערקזאַמקײַט, צוביסלעכ צעשטערט זײַנ רו און, פּאַמעלעכ, פּאַוואָליע, אומבאַמערקט, פונ צײַט צו צײַט, ווי טראָפּנס קאַלטע וואַסער אויפ א צעוואַרעמטע לײַב, האָבנ זיי אימ טיפ געטראָפנ, געערגערט און איבערגעאַנדערשט אינגאַנצנ זײַנ וועלט=באַנעמ.

אויסער דעם מאָדנעם כאַראַקטער פונעם זונ, וועלכער האָט צוגעצויגנ זײַנ אויפמערקזאַמקײַט, האָט ער אינגיכנ באַמערקט, אַז אויכ די פרוי זײַנע איז אינ א געוויסער מאָס א ניט ווייניקער ציקאַווע און טרויעריקע דערשײַנונג, און אויב העמ זונס טעמפּעראַמענט האָט מענ געקאָנט אָנרופנ ניט אַנדערש ווי א קרענקלעכנ, איז אויכ זי געווענ ניט אינגאַנצנ נאָרמאַל אַנטוויקלט. נאָכ דער כאַסענע האָט הערמאַנ גלײַכ זיכ אַרײַנגעטאָג אינ זײַנע געשעפטנ, איז דערטרונקענ געוואָרנ אינ זיי ביז איבערנ קאָפּ און ניט געזענ, ווי דאָס לעבעדיקע, באַריידעוודיקע און מער=ווייניק ליבלעכע מיידל, מיט וועלכער ער האָט כאַסענע געהאַט, איז פּאַמעלעכ איבערגעגאַנגענ, איבערגעאַנדערשט געוואָרנ און אינגאַנצנ שוינ ניט ענלעכ געווענ אַפ דער פריִערדיקער. זי איז ניט געווענ קיינ געבילדעטע, איז קאָלזמאַנ הערמאַנס ניטגעזיכערטע לאַגע האָט זי געהאַלטנ אינ דער מוירע פאַר דער צוקונפט און געצוווּנגענ זי פונ עפּעס אַנ אַרבעט — ביז חאַנ, איז זי געווענ מיט מענטשנ גלײַכ. נאָר אינגיכנ האָט זיכ פאַרבעסערט הערמאַנס ווירטשאַפט, — ער האָט שוינ ניט געהאַט וואָס צו ציטערנ פאַרנ שטיקל ברויט, — אַליינ ניט ווייסנדיק, ווענ און וויאַזוי, האָט ער אָנגעהויבנ לעבנ בעסער, אינ א פײַנער, גוט=אויסגעמעבלירטער דירע, געהאַלטנ שוינ באַדינערס, פערד, שפּעטער האָט ער אינ דראָהאָביטש געקויפט אַפ זײַנ פאַרמעג עטלעכע שטיינערנע מויערנ, — און האָ האָט דאָס לעבנ פונ דער פרוי זײַנער זיכ א קער געטאָנ נאָר אַפ אַנ אַנדער וועג. זי האָט אויפגעהערט זיכ באַשעפטיקנ מיט עפּעס, טונ עפּעס, — אָנגעהויבנ אַסאַכ עסנ געשמאַקע זאַכנ, ווי וועלנדיק זיכ באַלוינענ פאַר די פריִערדיקע שלעכטע יאָרנ. א שטיקל צײַט האָט זי פאַרנומענ קליידונג, זי האָט אויסגעגעבנ דערופ ניט קיינ קליינע סומענ געלט. נאָר שפּעטער מיט יאָרנ איז זי געוואָרנ גראָב און פויל. גאַנצענע טעג זיצט זי אינ א ווייכנ, באַקוועמענ פאָטעל באַם פענצטער און קוקט אַפנ מאַרק. דאָס פּאָנעם אירס איז געוואָרנ פול און אָנגעבלאָזנ, די אויגנ, אַמאָל שוואַרצע, פינקלענדיקע, רײַצנדיקע, האָבנ איצט אָנגעוווירנ זייער גלאַנצ און זײַנענ געוואָרנ ווי

טון קיין שטיין, ניט אָפּשפּריצן מיט בלאָטע. פאַר הערמאַנען האָט גאָטליב א ביסל מוירע געהאַט, נאָר הערמאַן פלעג זייער זעלטן זיין אינדערהיים, דעריבער האָט ער ניט געוווּסט, אָדער ווייניק געוווּסט פון אָט די אַלע שטיק: נאָר די אויבן־דערמאָנטע סצענע האָט אים געעפנט די אויגן. אָבער העמלט האָט ער ווייניק־וואָס זיך פאַרטראַכט וועגן דעם. „ס'איז א קינד, — האָט ער א קלער געגעבן צו זיך אַליין, — ווייסער, ער האָט ליב זיך שלאָגן“. ער האָט זיך פאַרוויקט, ווען יער האָט אים אָפּגעגעבן אין סקלאַד צו זיין באַקאַנטן זייד־קהעמער מענקעסן. אָבער ניט לאַנג איז ער געווען רויק. דער זון האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דער זעלבער, וואָס ס'האָט פון אים געמאַכט א ביסל די טאַטור און א ביסל דער מוטערס דערציִונג. גאַנץ אָפּט איז הערמאַנען אויסגעקומען צו הערן אַנקלאַגעס אַפן זון פון די קלייט־מעשאָרסים און פונעם פרינציפּאַל אַליין, — גאַנץ אָפט האָט ער געמוזט באַצאָלן באַדייטנדיקע סומעס פאַר די שאָדנס, וואָס זיין זון האָט אָנגעטאָן אין פאַרשיידענע ערטער.

פאַמעלעך־פאַמעלעך, מיטן וווּקס פון דער רייכקייט, האָט זיך גענומען לעשן דער ספּעקוליאַציע־פיבער אין הערמאַנס בלוט. איצטער איז ער שוין געוואָרן דער ערשטער גוויר צווישן אַלע באָריסלאַווער קאַפּיטאַליסטן. ער האָט פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט אייגענע גריבער, — עטלעכע צענדליק דעסטילאַרניעס, אַף אים האָבן געאַרבעט עטלעכע טויזנט אַרבעטער, געאַרבעט אונטערן אויפזיכט פון בייזע אויפזעער, וועמען הערמאַן האָט געצאָלט צו 60 — 40 גרייצערס טאָגלוין, זיי זאָלן אונטערטרייבן די אַרבעטער צו האָרעווען פון איטערפרי ביז נאַכט. פאַר די 15 יאָר צייט, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די באָריסלאַווער ספּעקוליאַציע, האָט הערמאַן אָפּגעקויפט דעם באָריסלאַווער יִישעוו און נאָך עטלעכע שליאַכטישע יִישוווים אין דער אומגעגנט און איז שוין געוואָרן א גוטספּאַזיצער. נאָר באַגלייך מיט דער האָזיקער גליקלעכער געשעעניש איז אין הערמאַנס לעבן פאָרגעקומען א נייער, צוערשט א ווייניק־באַמערקלעכער, אָבער דאָך א וויכטיקער קער. זיינע אויגן, וואָס זיינען ביז איצט געווען פאַרבלענדט בלויז מיט איין זשעהנעקייט, וואָס זיינען געווען פאַרנומען בלויז מיט זוכן רייכקייט, האָבן איצט, שוין געפינענדיק דאָס רייכטום, אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אַרום, אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלייבן אַלע אומשטענדן, אין וועלכע ס'איז געפלאָסן הערמאַנס לעבן. דער האָזיקער, אַזוי צו זאָגן, קריטישער קער איז ניט אָנגעקומען מיטאַמאָל, אַדייעם נאָך ניט איבעריק שטאַרק זיך אַנט־

זונ! זײַנ גליק נאָכ, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, פאַרוואָס זײַנעג זיי אַזוינע מאָדנע, קאַפּריזע, אײַנגעשפּאַרטע, וואָס ער האָט זיי געהאַלטנ פאַר געזונטע מענטשנ! ווענ ער זאָל געוווּסט וויסנ, אַפ וויפל זיי זײַנענ געווירט פונ די געדאַנקענ, פּסיכיש קראַנק, — וואָלט ער קיינ איינ טאָג ניט געקאָנט איבערזײַנ מיט זיי אונטער איינ סטריכע! עמעס, דאָס לעבנ אונ די נאַטור זײַנענ זייער קאָנסעקווענטע פאַקטאָרס, — זיי האָבנ אימ גיכ באַוויזנ אויכ אָט די זײַט, אָבער ווענ ער זאָל זיכ נעענטער געווענ צוקוקנ, וואָלט גאָר אַנדערש געווענ, אונ עפּשער וואָלט עס אימ געווענ אָרופּגעפירט אַפנ רויִקנ וועג פונ דאָקטערישער אונ פּסיכיאַ־טרישער הערטונג.

איצטער, אינ מינוטנ פונ גרעסטנ איבערגעוויכט פונ רעפלעקסיעס אונ דערינערונגענ, וועלכע הערמאַנ האָט ווענ־ס׳איז איבערגע־לעבט, האָט ער זיכ פאַרהאַלטנ ניט לאַנג איבער די בילדער פונ זײַנ מישפּאָכעס לעבנ, — אַזוי איז אימ דאָס דאָזיקע לעבנ נימעס געווענ. ערשט נעכטנ איז פאַ אימ מיט דער פרוי פאָרגעקומענ אַ היפּשע קריג, אונ ס׳האָט זיכ אַרײַנגעמישט הער זונ, וועלכער איז האַנ געווענ אינהערהיימ. הערמאַנ געדענקט איצט ניט, אינ וואָס איז געגאַנגענ די קריג, ער געדענקט נאָר, אַז דאָס ווײַב מיטנ זונ האָבנ זיכ אַזוי אָנגע־זעצט אַפ אימ, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפנ פונ שטוב. דאָס ווײַב האָט אימ געזידלט, אונ דער זונ האָט געדראָט, אַ בלאָו־געוואָרענער פונ בייזקײַט. הערמאַנ האָט אויסגעשפּיגנ פאַר פאַרדראָס. „אַזאַ לעבנ איז אַ קלאָלע פונ גאָט!“ — האָט ער אַ מורמל געטאָנ, זיכ נעמענדיק צו הער אַרבעט. אינגיכנ האָט די פּענ אָנגעהויבנ סקריפּענ איבערנ שאָרסטקע גרויענ פּאַפּיר. אָבער די רעפלעקסיע איז ניט פאַרשווונדנ, הערמאַנ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אַפ אַ מינוט, געקוקט אַפ די גרויסע סטויפּיקלעכ ציפערנ, וואָס האָבנ געסטאָרטשעט פאַר זײַנע אויגנ פונעמ פּאַפּיר אַרויס.

— צוליב וועמענ איז אָט דאָס אַלצ? — האָט ער אַ שעפּטשע גע־טאָנ. — ווער וועט פונ דעמ נוצנ האָבנ? אונ אַפ דערופּ זײַנענ דאָכ אַלע מײַנע יאָרנ אַוועק, אַלע מײַנע קויכעס!..

אָבער דער זאַכלעכער, פּראַקטישער מענטש האָט זיכ גלײַכ אָנגע־רופנ אינ אימ, אַלע ניטנייטיקע רעפלעקסיעס זײַנענ אַנשוויגנ גע־וואָרנ, זיכ באַהאַלטנ העט־ווײַט, ווי קליינע קינדער פאַר אַ קאַנטשיק. הערמאַנ האָט זיכ אופגעהויבנ, דורכגעגאַנגענ זיכ איבערנ צימער, אויסגעטרונקענ אַ גלאָז וואַסער אונ זיכ אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט.

בלײַענע, די שטימ איז געװאָרנ גראָב, די באװעגונגענ שװערע אונ ניט־רירעװדיקע. דאָס לעבעדיקע מענטשלעכע װעזנ איז דערטרונקענ געװאָרנ אינ פלײש אונ אינ פעטס. די מאכאמ גאָלדקרעמער האָט אפ אלעמענ, װער ס'האָט זי נאָר געזענ, געמאכט א פריקרע, א העסלעכנ אײַנדרוק.

די גרענעצלאָזע פױלקײַט, סײַ די פיזישע, סײַ די גײַסטיקע, האָט זי געבראכט צו אקשאָנעס, װעלכע איז אײגנטימלעכ אידיאָטנ, אונ זי איז ניט פײַיק געװענ צו באשליסנ זיכ אפ װעלכער ס'ניט איז ענדערונג, אפ װעלכנ ס'ניט איז לעבעדיקנ טראָט. זי האָט אזױ מױרע געהאט פאר א באװעגונג, פאר א מינדסטער ענדערונג ארומ זיכ! דעמ זונ אירנ האָט זי אױכ איבערגעגעבנ אָט די אידיאָטישע פױלקײַט אונ טעמפקײַט, נאָר בײַ גאָטליבנ האָט זיכ דאָס איבערגעמישט מיטנ פאָטערס היציקײַט אונ דערפירט צומאָל צו אױפרײַסנ פונ קאס אונ שטענדיקער ניט־געזעטיקטער דורשט צו פארניכטנ, פאטערנ, פארשװענדנ אלצ אָנ א זינענ אונ אָנ א ציל. עמעס, די שול, די געזעלשאפט, אינ װעלכער גאָטליב איז ארײַנ דורכ איר, האָבנ א ביסל ארומגעטעסעט זײַנ װילדע נאטור, אָבער ניט געענדערט זי. זי האָט זיכ איצטער ארױסגעװיזנ זעלטענער, אײדער פריער, אָבער דאָכ זיכ ארױסגעװיזנ, באלד עפעס־װאָס פונ דער זײַט האָט געגעבנ דעמ געהעריקנ שטױס.

הערמאנ האָט ניט אזױ גיכ באװיזנ זיכ גענױ צוקוקנ צו דעמ אלצ. צוערשט האָט ער דערױפ ניט געלײגט קײנ גרױס אכט. אָבער איר שטענדיקע אומבאװעגלעכקײַט, אומטעטיקײַט אונ אײַנגעשפארטקײַט האָט געערגערט דעמ פיבערהאפטיקנ, דעמ שטענדיק־אומרױִקנ ספעקוליאנט. אָפט האָט ער זיכ געקריגט מיט איר, איבער דעמ. גאָר ס'איז געװענ ארױסגעװאָרפענע רײד. ניט אײנ מאָל האָט זי גאָר אינגאנצנ אימ ניט געענטפערט אָדער אימ אָפגעענטפערט מיט א האלב־גוטמוטיקנ, האלב־נארישנ געלעכטער. הערמאנ האָט זיכ געבײזערט אונ פלעג אנטלױפנ פונעמ שטוב. אזױנע סצענעס זײַנענ די לעצטע צײַט געװאָרנ אלצ אָפטער אונ אָפטער. װאָס אמאָל, איז הערמאנענ געװאָרנ עקלדיקער בײַ זיכ אינדערהײמ, ער האָט זיכ געפילט װי אינ א קאצאָװישער יאטקע, אינ װעלכער ס'הערט זיכ דער רײעכ פונ פריש פלײש. עפעס האָט אימ געטריבנ פונ דער שטוב, ער האָט אָבער ניט געװוסט װוהינ זיכ אהינצוטונ. זײַנ גליק איז נאָר באשטאנענ אינ דעמ, װאָס ער האָט ניט אינגאנצנ קלאָר געזענ, מיט װאָס פאר א מענטשנ ס'קומט אימ אױס צו לעבנ, װאָס פאר א פארשױנענ זײַנענ עס די פרױ אונ דער

— אַפ וואָס דאַרפסטו האָבנ געלט? — האָט הערמאַנ געפרעגט רויק. ער האָט זיכ באַמיט צו זײַנ רויק, כאָטש ער האָט געפילט, אַז עפּעס טרעט אימ צו צומ האַלדז, נעמט אימ וואָרגנ.

— איכ דאַרפ האָבנ! איכ דאַרפ האָבנ! פרעג ניט, — האָט גאָט־ליב געשריגנ, טרייסלענדיק אימ. — גיב אַהער גיכ, דו האָסט אַזוי אויכ אַסאַכ! גיב, וואָרעמ...

גאָטליבס שטימ האָט זיכ איבערגעריסנ. הערמאַנ האָט אַ קוק גע־טאָנ אַפ זײַנ פּנים, אינ די אויגנ זײַנע... גאָט, ס'אַזאַ ווילדקייט, ס'אַזאַ מוירעדיקע זשעדנעקייט! ס'איז אימ געוואָרנ שרעקלעכ אונ עקלדיק, ווי ניט קיינ אייגנ קינד, נאָר אַ שלאַנג זאָל זיכ צורירנ צו זײַנ קערפּער. די פאַרכידעשטקייט איז איבערגעגאַנגענ אינ צאָרנ. מיט איינ זעצ האָט ער אָפּגעשטויסנ דעמ זונ פונ זיכ אַזוי שטאַרק, אַז גאָטליב איז וואַקלענדיק זיכ אָפּגעפלויגנ אינ ווינקל צו דער וואַנט.

— וואָס? — האָט איצט הערמאַנ שוינ געשריגנ, טרייסלענדיק זיכ פאַר קאַס. — פונוואַנענ קומסטו עס? ווער ביסטו אַזוינס? אַזוי בעט מענ עס אַ טאַטנ? דו וואַנטסט נאָכ אַפ מיר אַ האַנט אופהייבנ? דו ווייסט ניט, אַז ס'שטייט געשריבנ: זאָל אָפּדאַרנ די האַנט, וואָס הייבט זיכ אופ אַפנ פאָטער! אונ דו קומסט נאָכ געלט? זאָג מיר די רעגע, אַפ וואָס דאַרפסטו עס?

אַזויווי גאָטליב איז אַנידערגעפאַלנ אַפ דער קאַנאַפּע, אַזוי איז ער געבליבנ ליגנ, ניט אויסגערעדט קיינ וואָרט. איינ מאָל נאָר האָט ער אַ קוק געגעבנ אַפנ פאָטער, נאָר מיט אַזאַ האַסטיקנ, בייזנ קוק, אַז הער־מאַנ איז אַנשוויגנ געוואָרנ, אויסגעשפּיגנ, אַ פּאָר מאָל זיכ דורכגעגאַנ־גענ איבערנ צימער, זיכ ווידער אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט, זיכ מער ניט אומגעקוקט אַפנ זונ.

ס'איז געוואָרנ האַלב־טאָג. די באַדינערנ איז אַרײַנגעקומענ אונ גע־מאָלדנ, אַז דער מיטיק שטייט גרייט.

— גיי עסנ! — האָט דער פאָטער זיכ שאַרפ אַ קערעווע געטאָנ צומ זונ. גאָטליב האָט קיינ וואָרט ניט געזאָגט, אופגעהויבנ זיכ אונ געלאָזט זיכ גיינ עסנ מיטיק. ער האָט געגעסנ, ווי זײַנ שטייגער איז, אַסאַכ אונ זשעדנע, נאָר דאָס איז פאַר הערמאַנענ ניט געווענ קיינ נאָ־ווינע. געכידעשט האָט ער זיכ נאָר בלויז אַפ דעמ, וואָס גאָטליב טרינקט ווײַנ אַזוי זשעדנע איינ גלאָז נאָכ דער צווייטער. הערמאַנ האָט געזענ, ווי גאָטליבס אויגנ צעברענענ זיכ וואָס אַמאָל שטאַרקער, די גראָבע, רויטע ליפּנ באַוועגנ זיכ, נאָר ער לאָזט ניט אַרויס קיינ איינ וואָרט

ס'איז געווען ארום עלף אזייגער. די זון האָט געבאקן. דורכן אָפּע־
נעם פענצטער האָט דער ווינט פארטראָגן אין צימער ארײַן צעפר:עטע
נאפט־אויסדאמפונג און אומענדלעכן טומל, געשריי און געפילדער פון
די ארבעטער. הערמאן איז אלץ נאָך געזעסן און געשריבן, אָפּ גאָרניט
קיין אכט געלייגט. ער האָט אומיסטן געוואָלט פארשלאָגן דעם קאָפּ
מיט ציפערן און כעזשבוינעס, קעדיי צו פארטרײַבן די אנדערע,
שלעכטע געהאנקען.

מיטאמאָל האָט די טיר פון זײַן צימער זיך געעפנט מיט א סקריפּ,
און ס'האָט זיך פלוצעם באוויזן, ווי א רויטער בליץ, דאָס ברייטע פאר־
פלאמטע פּאָנעם פון זײַן זון. נאָך א רעגע — און פאר אים איז גע־
שטאנען גאָטליב, א פארסאָפּעטער, אינגאנצן אין שטויב, מיט פינ־
קלענדיקע אויגן און הארט צונויפגעדריקטע פויסטן.

— הא, — האָט ער א זאָג געטאָן, שווער־אָטעמענדיק, אניהער־
פאלנדיק מאכטלאָז אפּ דער קאנאפּע.

הערמאן האָט אויסגעגלאָצט אפּ אים די אויגן, אן איבערגע־
שראָקענער, א פארכידעשטער.

— וואָס ביסטו געקומען אהער? — האָט ער אים געפרעגט אין
א מינוט ארום.

גאָטליב האָט ניט געענטפערט. זעט אויס, ער האָט צופוס דורכגע־
מאכט דעם גאנצן וועג פון דראָהאָבימש אהערצו, און געגאנגען איז
ער ניט ווי אפ א שפּאציר, נאָר גאנץ גיך. „וואָס האָט געקאָנט גע־
שען? וואָס אזוינס האָט ער האָבן?" — האָט הערמאן צו זיך גע־
קלערט, קוקנדיק אפּן זון און ווארטנדיק אפּ אן ענטפער.

— נו, וואָס האָט אזוינס געטראָפן? — האָט הערמאן געפרעגט
ווייטער. — וואָס ביסטו געקומען?

די לעצטע פראגע האָט אופגעטרייסלט גאָטליבן, ווי אן עלעקטרישער
פונק. ער האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און איז צוגעשפרונגען צום
פאָטער מיט צונויפגעדריקטע פויסטן.

— געלט גיב אהער! דו הערסט, געלט! — האָט ער א געשריי גע־
געבן, אָנטמענדיק אים פאר דער ברוסט. — גיב געלט, געלט דארף איך
האָבן, אסאך, דו הערסט?

די שטים זײַנע האָט קוים זיך דורכגעריסן דורכן איבערגעטריקנטן
האלדז. זײַנע הענט האָבן געציטערט. הערמאן איז בלייך געוואָרן פון
דערשרעק. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער טון: צי רופן הילף, צי
אײַנרייִדן דעם זון מיט גוטן.

ארומ. בלויז די ריפּניקעס אינ זייערע פּאַרסמאָלעטע העמדער, אַלײַנ
פּאַרסמאָלעטע ביז איבער די אויגנ, האָבנ פויל זיכ ארומגעדרייט לעבנ
די גריבער, דרייענדיק די קאָרבעס, אונ די טעסלערס האָבנ אײַנטאָניק
געצאָקעט מיט זייערע העק איבערנ געהילצ, ווי גרויסע פּיקהאָלצנ. די
גרויסע באַוועגונג, וואָס ס'איז געווענ צו זענ ארומ-אונ-ארומ, יעטווידער
רויש, וואָס מע האָט געקאָנט אויפכאַפּנ, — אַלצ האָט דערמאָנט אינעמ
לאַנגזאַמענ שלעפּעריקנ גאַנג אונ געדרויש פונ אַנ אומגעהויער-גרויסער
מאַשינ, נאָר וואָס די רעדער, ציינדלעכ, מוטערקעס אונ שרײַפעלעכ
פונ אָט דער מאַשינ זײַנענ געווענ לעבעדיקע מענטשנ פונ בלוט אונ פלייש.
דער געדאַנק, וועלכער האָט ניט געהאַט אַפ וואָס זיכ אָפּצושטעלנ ניט
איבער דער ערד אונ ניט אַפ דער ערד, האָט ניט-ווילנדיק ארײַנגע-
דרונגענ אינ יענער שרעקלעכער טיפעניש, ווו איצטער, אינ אָט דער
מינוט, יאָגנ, האָרעווענ, גראָבנ טויזנטער מענטשנ, ווו ס'קאָכט די ארבעט,
עס לעבט אויפ אָרט ס'שטאַרבט אָפּ די האָפענונג, ווו דאָס לעבנ ראַנגלט
זיכ מיטנ טויט, ווו ס'האַנגלט זיכ דער מענטש מיט דער נאַטור. וויפל
אומעטיקע זיפצנ, אומרויִקע געדאַנקענ, הייסע געבעטנ, שיקערע אויס-
געשרייענ צעטראָגנ זיכ אינעווייניק אינ דער ערד! אָבער פונויבנ קומט
גאָרנישט ניט פאָר, אויסער שטיקנדיקער אויסדאַמפונג, אַלצ פרעסט
אויפ די ערד, די טיפ, די פינצטערניש, ווי יענער אַלוועלטלעכער געצ
זײַנע אייגענע קינדער. אונ די זונ ברענט אַפנ הימל, ווי א צעגליטער
אײַזערנער קײַלעכ, אונ ס'דוכט זיכ, אַז זי שטרענגט זיכ אָנ אומיסטנ
וואָס גיכער אויסטריקענענ די גאַנצע קראַפט, אַלע לעבעדיקע זאַפטנ
בײַ יענע שוואַרצע שלאַבעריקע ריפּניקעס אונ בײַ יענע הוילע אָנוועלדער-
דיקע בערג, וואָס זײַנענ געבליבנ בײַ זייערע שוואַרצע פּניאָקעס.

הערמאַנ גאָלדקרעמער האָט הײַנט נאָכנ מיטיק ניט געקאָנט אַנ-
שלאָפנ ווערנ אַפילע אַפ קיינ מינוט ניט, — אַזוי האָבנ אימ צעדרו-
דערט, אויפגעטרייסלט די פאַרשיידענע אײַנדרוקנ פונ הײַנטיקנ טאָג. ער
איז ארויסגעגאַנגענ פונ שטוב אונ זיכ אַוועקגעלאָזט אַפ דער „נײַער
וועלט“, ווו ס'האָבנ זיכ געפונענ די גרעסטע אונ רײַכסטע גריבער
זײַנע. אינ וועג האָט ער אויסגעמיטנ פיל פרעמדע זאַקאָפּנ, נאָר ער
האָט זיכ אַפילע ניט אומגעקוקט אַפ זיי, זיכ באַמיט גאָרנישט ניט
באַמערקנ, מיט גאָרנישט ניט זיכ פאַרנעמענ, ווײַל ער האָט געפילט, אַז
יעטווידע, אַפילע די געוויינלעכסטע זאַכ באַאומרויִקט זײַנע צעשרויפטע
נערוונ. ער איז געווענ ווי אינ א פיבער, ווענ יעדער מינדסטער צוריר
צומ קראַנקנ קערפּער ווײַזט זיכ אויס דעמ שלאָפנ ווי א שווערער

פונעמ מויל. געדוכט האָט זיכ, אז גאָטליב אייצעט זיכ, רעדט מיט זיכ אליינ, נאָר די שטימ זײַנע הערט קיינער ניט. צוערשט האָט דער פאָטער אימ געוואָלט פארווערנ צו טרינקענ אזויפיל, נאָר נאָכדעמ האָט ער א טראכט געטאָנ: „זאָל ער טרינקענ, וועט ער גיכער אנשלאָפנ ווערנ, אונ אלצ וועט איבערגיינ". אונ ווירקלעכ טאקע, הערמאנענ איז ניט אויסגעקומענ לאנג צו ווארטנ. גאָטליב איז אנשלאָפנ געוואָרנ נאָכ בייסנ מימיק, ער איז אנידערגעפאלנ אפ דער סאָפקע אונ האָט אָנגעהויבנ כראָפענ, צעוואָרפנ די הענט אונ די פיס אונ געהאלטנ אָפנ דאָס מויל. ער איז געלעגנ אזוי פאר הערמאנס אויגנ אינ אומבאוועגלעכער, די ליפנ נאָר האָבנ פונ מאָל צו מאָל זיכ גערודערט, ווי ער זאָל זיכ געהיימניספול אייצענענ מיט זיכ אליינ אויכ בייסנ שלאָפ.

## III

די זונ האָט זיכ גענומענ גליטשנ אראָפ פונעמ מיט הימל. אירע הייסע שטראלנ האָבנ זיכ צעשאָטנ ווי א פינקלענדיקער האָגל אפנ באָריסלאווער הייכלאנד, צעפליסנדיק זיכ איבער די הורבעס גרויער ליימ, ארויסבאקומענע פונ די טיפע גריבער, אָנציטערנדיק די דינע דראָטענע שטריק, וואָס זײַנענ געווענ ארומגעוויקלט אפ די קאָרבעס; די זונ-שטראלנ האָבנ זיכ געבראָכנ, געמינעט זיכ מיט אלע פארבנ פונעמ רעגנבויגנ אפ די קאליזשעס אונ רימשקעלעכ, וואָס זייער אויבערפלאכ איז געווענ פארצויגנ מיט א געדיכטנ נאפט-הײַטל. א לויטערער הימל האָט געברענט איבערנ ברענענדיקנ באָריסלאוו אונ אויסגעזענ אזוי גרוי, ווי די גאנצע צערויִנירטע אומגעגנט. דער ווינט האָט קיינ איינ מאָל קיינ רודער ניט געטאָנ די לופט, קיינ ווייע ניט געטאָנ מיט קעלט, ניט פאריאָגט די שווערע, געדיכטע אויסדאמפונג, וואָס האָט געשלאָגנ פונ די גריבער, פונ דער ליימ, פונ די רימשקעס, פונ די קויטיקע סקלאדנ אונ איז געהאנגענ ווי א כמארע איבער באָריסלאוו, פארשלאָגנדיק דעמ אָטעמ. הערצו נאָכ די בערג, וואָס זײַנענ געווענ באדעקט מיט פניאָקעס פונ אויסגעהאקטנ וואלד, מיט אויסגעברענטע אונ שטיינעריקע לאָנקעס, האָבנ דערגאנצט דעמ אײַנדרוק פונ דעמ אזוי אויכ אומעטיקנ לאנדשאפט! די קוילעס, וואָס האָבנ אינדערפרי זיכ געהאט צונויפגעגאָסנ אינ איינ אומופהערלעכנ געפילדער אונ אָנגעפילט אלע ווינקעלעכ פונ באָריסלאוו, זײַנענ איצטער אנשטילט געוואָרנ, עפעס א שלאבערדיקע טויט-שטילקייט האָט זיכ אוועקגעלייגט אפ אלצ

פארטרײַבנ זיי מיט גוואלד. גייענדיק מיט דער סמעזשקע צווישנ די גריבער, פארבײַגייענדיק די ריפניקעס, צווינגט ער זיכ צו טראכטנ וועגנ בעזשבוינעס, וועגנ געשעפטלעכע קאָמבינאציעס. אָט אָשטייגער פאר די לעצטע צוויי וואָכנ האָבנ די גריבער אימ ארײַנגעטראָגנ דעוועכ פא א צוואנציק טויזנט וויניקער, איידער שטענדיק, — אינ זײַנ קאסע ווערט א לאָכ, — די ארבעטער קאָסטנ אסאכ, ווײַל ס'איז אונטערגעקומענ שניט=צײַט, אונ דאָ ענדיקט זיכ דער קאָנטראקט מיט פארשיידענע פירמעס. עמעס, בא דער געהעריקער אָנשטרענגונג וועט מענ קאָנענ אָניאָגנ דאָס דורכגעלאָזטע, — מע דארפ אָננעמענ וואָס מער ארבעטער אונ עפענענ די צוויי זאקאָפנ, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאנג געמוזט פארמאכנ איבערנ מאנגל אינ ארבעטס=הענט, אָבער דאָס איז אויכ א ריזיקע. וואָס וועט ער טונ, אויב אינ די זאקאָפנ וועט זיכ באווײַזנ וואסער, — דאָס קאָנ זיכ זייער גרינג טרעפנ, ערגעצוו טרעפט שוינ וואסער אינ די שטאָלניעס. דאנ איז פארפאלנ די גאנצע ארבעט, אונ ס'מוז נעמענ א לאנגע צײַט אפ אויסשעפנ די וואסער. אפ קיינ נאפט איז ניטאָ וואָס אויסשטעלנ, וואָרעמ די קוואלנ זײַנענ שוינ קימאט אויסגעגאנגענ, אונ דער נאפט איז, אייגנטלעכ, ניט רענטאבל, האלט ניט אויס די קאָנקורענצ מיט אויסלאנד. שלעכט! אָט ווענ ער טרעפט איצטער אָנ אפ א רײַכנ אָדער ערד=וואקס, וואָלט עס אימ זייער גוט צונוצגעקומענ! נאָר דאָ האָט הערמאנ זיכ אָפגעשטעלט. שוינ א וואָכ צײַט, אז ס'פארפאָלגט אימ א געדאנק, אז דאָס גליק הייבט זיכ אָנ פונ אימ אָפקערעווענ — אונ איצטער בעט ער ווידער אפ גליק — אנ אָדער וואקס! אנ אומזיסטע ביטע! קיינ „אָדער" וועט זיכ אימ ניט מאכנ, דער רעוועכ וועט זיכ פארקלענערנ, — די וואסער וועט פארגיסנ די זאקאָפנ, דער קאָנטראקט וועט פארלוירנ גיינ, — אלצ, וואָס ער האָט אינ מעשעכ פונ עטלעכע יאָר מיט מאטערניש, מיט קריגערײַ, מיט ארבעט אָנגענומענ אונ צונויפגעזאמלט, — אלצ וועט פארפאלנ ווערנ, זיכ צעקריכנ, זיכ צעבלאָזנ, ווי שטויב פונעמ ווינט, ווײַל דאָס גליק האָט זיכ פונ אימ אָפגעטאָנ! יאָ, ס'האָט זיכ אָפגעטאָנ, — ער איז אינ דעמ אבסאָליוט איבערצײַגט. ער ווייסט פונ דער הערפארונג, אז קאָלזמאנ ס'גייט דעמ מענטשנ, איז דער קערפער זײַנער שטארק ווי אײַזנ, די נערוונ שטײַפ, ווי שטאָל, דער געדאנק איז קלאָר אונ זיכער אינ זיכ, — קאָלזמאנ ס'גייט, איז דער מענטש געגליכנ צו א בליציקער, שארפער פײַל, וואָס איז ארויסגעלאָזט פונ בויגנ אונ וואָס פליט מיט א פײַפ גלײַכ צומ ציל. הערמאנ איז אמאָל

קלאפ. הערמאנ האָט אלײנ ניט געװוּסט, װאָס קומט מיט אים הײנט אזױנס פאָר. „עפשער בינ איכ הײנט װײניק געשלאָפנ, עפשער פארקילט זיכ, צי עפעס אנ אנדער זאכ?“ — האָט ער גערעדט צו זיכ אלײנ, פילנדיק אינ זיכ אָט די מאָדנע, אומגעהערטע ענדערונג. אים האָט זיכ אױסגעװיזנ, אז אפ אלצ קוקט ער הײנט מיט עפעס נײַע אױגנ אונ אז גאנצ באָריסלאװ איז איצט פאר אים א נײַע װעלט. װאָס זאָל דאָס באטײַטנ? פארװאָס, צום בײַשפּיל, פארקלעמט אים הײנט שטארק באם הארצנ דאָס צוזעענ די הארע, פארומערטע, שװארצע פענעמער פונ די ריפניקעס, װאָס ארבעטנ בא די גריבער, האָנ װענ געװײנלעכ גיט ער אפילע קײנ קוק ניט אפ זײ? פארװאָס גײט אים הײנט אָנ זײער צעריסנ, איבערגעפױלט, פארסמאלעט אָנטונ, מערער, אײדער די הרודעס װאקס, װאָס זײ שלעפנ פונ מאָל צו מאָל ארױס פונ די גרי-בער? פונװאנענ האָט זיכ צו אים גענומענ דער געדאנק אינ קאָפ, אז האָרטנ אינ דער גרוב אינ אזא טיפ אונ אינ אזא שטיקנדיקער לופט איז מעסוקנ ניט גוט צו זיצנ גאנצע 6, אונ גאָר אָפט (אינ זײַנע גריבער) אפילע 12 שאָ? װאָס פאר א פארהוילענע קראפט האָט אים אונטערגערוקט אינ געדאנק די פראגע, װיאזױ לעבנ אָט די מענטשנ בא זיכ אינדערהײם, אױב זײ מוזנ גײנ אהערצו אפ אזא נישטיקנ פארדינסט אונ שרעקלעכ אָפקומענ? „א נישטיקער פארדינסט!“...

„שרעקלעכ אָפקומענ?..“ יאָ, אָט די פראזעס טאקע, פונ װעלכע ער האָט שטענדיק זיכ אױסגעלאכט, װאָס אינ זײער עמעס האָט ער קײנמאָל ניט געװאָלט גלײבנ, האָבנ איצטער זיכ ארױסגעריסנ פונ דער סאמע טיפ פונ זײַנ נעשאָמע, װי שװארצע כמארעס, אָנזאָגערס פונ שטורעמ. װאָס איז אזױנס געשענ מיט הערמאנענ? דורכ װעלכנ נעס קומט ער צו אזױנע רעפלעקסיעס, ער, דער הארטער, דער פראקטישער, אױסגערעכנ-טער געשעפטמאנ, — ער, װאָס שטעלט זיכ אפילע ניט אָפ אראָפרעכע-נענ זײַנע ארבעטער פונ זײער לױנ פאר א ליאדע פארשפעטיקונג, פאר א ליאדע פארזעענ, פאר א ליאדע גראָב װאָרט? פונװאנענ האָבנ זיכ איצט צו אים גענומענ אזעלכע געדאנקענ? װאָס, ער װײסט דענ ניט, אז דאָס אלצ זײַנענ נארישקײַטנ, װעגנ װעלכע א גע-שעפטמאנ דארפ אפילע ניט טראכטנ, װי ער פלעג געװײנלעכ אײַנ-טײַנענ מיט אנדערע.

אָ, הערמאנ װײסט דאָס אלצ זײער גוט אונ געדענקט זײער גוט זײַנ אײגענע לערע, נאָר דאָס איז, אפאָנעמ, געװענ א שלעכטע מינוט, אױב ענלעכע געדאנקענ זײַנענ אים ארײַנ אינ קאָפ. ער סטארעט זיכ

ארבעט נאָכ הערמאַנס ארײַנקומענ — קיינער האָט אפילע אפ אימ קיינ קוק ניט געטאָנ. מיקאָלע האָט גלײַכגילטיק צוזיפגעלייגט דעמ אינסטרומענט אונ די מאָטיקע אינעמ בלעכענעמ עמער, וועלכער איז געווענ צוגעפעסטיקט באַמ עק שטריק, סעמענ האָט אלצ געוויעט, שאָקלענדיק זיכ הינ אונ צוריק, ווי א שיקערער, אונ סטעפאַנ האָט צוגעטשעפעט א שנירל צו דער פרוזשינע באַמ גלעקל, דערנאָכ אָנגעצונדנ דעמ לאַמטערנ אונ אימ דערלאַנגט גרינענ.

— פאַרוואָס ארבעט איר ניט גיכער? — האָט הערמאַנ ווידער א געשריי געגעבנ. ער איז געווענ בייז פאַר דער גלײַכגילטיקײַט, פאַר דער הילצערנער רויִקײַט פונ די ריפניקעס.

— מיר ארבעטנ, ווי מיר קאָנענ! — האָט געענטפערט סעמענ. — מע קאָנ אימ דאָכ ניט אראָפלאָזנ אינ דער דערשטיקעניש! איר ווייסט דאָכ אליינ, אז אכציק קלאַפטער איז ניט קיינ ווערטעלע!

— נו, גריניע, נעמ דעמ לאַמטערנ אונ גיי אינ א גוטער שאָ! — האָט געזאָגט סטעפאַנ.

גרינ האָט גענומענ דעמ לאַמטערנ, זיכ געשטעלט מיט איינ פוס אינעמ עמער, מיט דער האַנט זיכ גענומענ פאַרנ שטריק. סטעפאַנ אונ מיקאָלע האָבנ זיכ געשטעלט באַ דער קאָרבע. די קאָרבע האָט פאַוואָליע זיכ אָנגעהויבנ דרייענ, דער שטריק האָט זיכ צעוויקלט, ווי א רויטער שלאַנג. גרינ איז נאָכ געשטאַנענ אפנ ראַנד פונ דער גרוב. אפ זײַנ פאָנעמ, דורכנ געדיכטנ שיכט לײמ אונ קיפיאַטשקע, איז געווענ צו באַמערקנ עפעס אנ אומרו, עפעס א פאַרזאָרגטקײַט אונ ווי א געראַנגל מיט זיכ אליינ. באַ אימ אינ קאָפ האָט א שווינדל געטאָנ א געדאַנק וועגנ דער היימ, וועגנ דער אלטער מוטער, וועלכע ריכט זיכ, אז מאָרגנ, זונטיק, וועט ער קומענ עסנ מיטיק. אונ אָט דאָ שטייט אימ פאָר א טיפ פונ אכציק קלאַפטער, א שמוציקע, א שטיקנדיקע אונ אנ ענגע, ווי דאָס צאָרעדיקע לעבנ. אונ דאָרטנ אינ דער טיפ — וויפל פאַרשיידענע, פאַרהוילענע קרעפטנ לאָקערנ אפ אימ! ווער ווייסט, עפשער אינ א שאָ ארומ וועלנ זײַנע צוויי באַוויירימ ארויסשלעפנ זײַנ קאַלטנ, טויטנ קערפער? ווער ווייסט, ווער ווייסט!.. א גרויל איז אימ איבערגעגאַנגענ איבערנ לײַב, ווענ דער עמער האָט אָנגעהויבנ זינקענ אינ דער טיפ, ווענ אפ זײַנ פאָנעמ האָט א ווייע געטאָנ די שווערע אונטערערדישע קעלט. ס'איז אימ געוואָרנ שווער אפנ הארצנ, ווי קיינמאָל ניט. שטייענדיק מיט איינ פוס אינעמ עמער, צוהאַלטנדיק זיכ מיט דער האַנט פאַרנ שטריק, הענגט ער אינדערלופטנ אונ הוידעט זיכ איבערנ

געווען — ערשט נית לאנג נאָכ — אזא פײַל! אָבער איצטער איז ער שוינ נית אזעלכער! איצטער איז ער א דענעהווירטער, א פארמאטערטער, א צעבראָכענער, איצטער פרעסט אופ די הריזאָטע דאָס הארצ זײַנס, רײַסט אונטער דאָס געזונט, שטערט אימ צו טראכטנ, — איצטער האָט דאָס גליק אימ פארלאָזט, זיכ אָפגעקערט פונ אימ.

אָט אזעלכע ניטפריילעכע געדאנקענ האָבנ געדריבעט הערמאנענ אינ קאָפ. ער האָט זיכ ארומגעקוקט, ערשט ווענ ער איז געבליבנ שטײנ באַם ערשטנ זאקאָפ זײַנעם. א קאָשארע פונ ברעטער אונ דרענגלעכ איז געשטאנענ איבער דער גרוב, ווי א גרויער ציגײַנערשער געצעלט — אינעווייניק איז געווענ שמוציק אונ דושנע, כאָטש די קאָשארע פלעג זיכ קיינמאָל נית פארמאכנ. יעדערער, וואָס פלעג ארײַנקומענ פונ דרויסנ, האָט די טונקלקײַט אימ א זעצ געטאָנ אינ פאָנעמ; ערשט אינ א שטיקל צײַט ארומ האָט מענ זיכ געקאָנט צוגעווינענ אונ באמערקנ, וואָס ס'טוט זיכ אינעווייניק. הערמאנ איז ארײַנ אינ דער קאָשארע.

די ריפניקעס האָבנ נאָרוואָס אָפגעגעסנ מיטיק אונ זיכ גענומענ צו דער ארבעט. אינפירנ זײַנענ זיי געווענ, — סאמע יונגע יאטנ. איינער איז שוינ געשטאנענ בא דער ווייעלקע אונ ארײַנגעווייעט פרישע לופט אינ דער גרוב. ביז מע טוט נית אָפ די דאָזיקע ארבעט, קאָנ מענ זיכ נית אראָפלאָזנ אראָפ. צוויי אנדערע האָבנ צוגעלאדעט דעמ דריטנ, וועלכער האָט זיכ געדארפט אראָפלאָזנ אינ דער טיפ. זיי האָבנ אימ פארקרעמפעוועט מיט א שלייע אונטער די פאכוועס אונ נאָכדעמ צוגעטשעפעט די שלייע צומ דראָטענעמ שטריק. דער יאט, וועלכנ מע האָט פארקרעמפעוועט אַפ אזא אויפנ, איז געשטאנענ איבער דער גרוב, נית ארויסגערעדט קיינ איינ וואָרט.

— וואָס, מע קאָנ שוינ אראָפלאָזנ? — האָט געפרעגט איינער פונ די, וואָס האָבנ פארקרעמפעוועט דעמ יאט. — אנו, מיקאָלע, גיב אימ נאָר דאָרטנ דעמ אינסטרומענט אונ דעמ לאמטערנ! גיכער, פלימעניק!

— נו, נו, ס'איז זיכ ניטאָ וואָס צו כאפנ, ביז נאכט איז נאָכ ווײַט, — האָט זיכ אָנגערופנ דער, וואָס איז געשטאנענ בא דער ווייעלקע. אַפ די ווערטער איז הערמאנ ארײַנגעקומענ אינ דער קאָשארע.

— יאָ, יאָ, צײַט איז דאָ! ארבעט זיכ פאוואָלינקע! — האָט ער א געשריי געטאָנ מיט כאס. — ס'איז שוינ צוויי דער זייגער, אונ דו ביסט נאָכ פונויבנ!

די ריפניקעס האָבנ זיכ נית דערשראָקנ, נית איבערגעריסנ זייער

שטראָם פונ „שלימאַזל, אינ וועלכנ ס'האָבנ געהילכט אונ געקרעכצט עפּעס איבערגעמישטע, מיטע שטימענ. ווענ וואָס האָבנ זיי געהילכט, האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיינ, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז עפּעס שרעקלעכס. ער איז געשטאַנענ אינ ווינקל פונ דער קאַשאַרע אַנ אומבאַוועגלעכער, א קאַלטער אונ זיכ אָנגעשטרענגט צו פאַרטרײַבנ די שרעקלעכע זעונגענ. ער האָט ברייט צעעפנט די אויגנ, קעדיי די ווירקלעכקייט זאָל פאַריאָגנ פונ אים דעם מיראַזש. נאָר די ווירקלעכקייט האָט אויכ ניט געקאָנט אים אײַנשטילנ, אים באַרויִקנ. די זעונגענ זײַנענ דענ ניט געווענ די ווירקלעכקייט אַליינ, נאָר א מער אָפּגעלעבטע, דערהויבנ דורכ דער פאַנטאַזיע אָפּ א העכערנ שטאַפּל? —Glück auf! Glück auf! — האָט ער געהאַלטנ אינ איינ אײַנכאַזערנ, — גיב גאָט אײַכ גליק, וואָרעם מיר האָבנ פונ קיינ גליק ניט געוווּסט! גיב גאָט אײַכ גליק... וואָרעם מיר זײַנענ אומגעקומענ אינ נויט, זיכ געמאַטערט דאָס גאַנצע לעבנ! גיב גאָט אײַכ גליק!.. וועמענ? — איז אופגעשווומענ בא אים א פראַגע אונ פאַרטויבט א גאַנצנ שטורעם פונ שטימענ. וועמענ?.. נו, וועמענ דענ, אויב ניט אונדז, די גאָלדקרעמערס, אונדז, וועלכע קאָנענ רויִק שטיינ, קוקנ אָפּ די אומדרייענ פונ דער קאָרבע, אָפּ דעם, ווי ס'גליטשט זיכ אונ הוידעט זיכ דער דראָטענער שטריק, אונדז, וועלכע קאָנענ רויִק צווינגענ מענטשנ צו אַרבעטנ, רויִק הערנ זייער שרעקלעכנ, פלעפנדיקנ: Glück auf!

הערמאַנ איז אַרויסגעגאַנגענ פונ דער קאַשאַרע, מער קיינ וואָרט ניט געזאָגט די ריפּניקעס. די העלע זונענשײַנ אינדרויסנ האָט אים עטוואָס באַרויִקט, אײַנגעשטילט זײַנע צערודערטע געדאַנקענ. ער האָט זיכ געלאָזט גיינ ווײַטער באַטראַכטנ די גריבער, אונ גייענדיק באַמיט זיכ אָנזאַמלענ וואָס מער רויִקייט אונ פעסטקייט. ער האָט גערעדט צו זיכ אַליינ, אַז „אייגנטלעכ, וואָס פאַר א באַטרעפ האָט עס? ס'קריכט א כלאָפּ אינ גרוב אַרײַנ, נו, באַקומט ער דאָכ דערפאַר באַצאָלט — א גאַנצנ גילדנ! ווענ ער וויל ניט, וואָלט ער ניט געקראָכנ, — נייטנ נייט אים קיינער ניט. אונ אויב עפּעס דאָרטנ... ווי א זאַכ מאַכט זיכ... נו, פאַר אַזאַ זאַכ קאָנ איכ דאָכ ניט זײַנ פאַראַנטוואָרטלעכ. אַלצ, וואָס ס'איז געווענדט אינ מיר, טו איכ פאַר זייער געפערלאָזיקייט. וויפל קאָסטנ מיכ אָפּ די קאַשאַרעס, די ווייעלקעס, די לאָמפּנ פונ דער נײַער קאָנסטרוקציע! וואָס-זשע קאָנ מענ מיר אויסוואַרפנ? אונ דאָס, וואָס פאַר מײַנ געלט פאָדער איכ געוויסנהאַפטיקע אַרבעט, איז עס דאָכ א נאַטירלעכע זאַכ. הייסט עס, אַז אָפּ מײַנ געוויסנ ליגט גאָרניט, — איכ

אָפגרונט. און די קאָרבע קלאפט מיט אירע פליגל, דער שטריק לאָזט זיכ אראָפ פונעם וואל, — ער זינקט, זינקט פאוואָליע, שטיל... ס'פאר-שלאָגט אים דעם אָטעם. מיט א ציטערנדיקער שטים שרײַט ער צו זײַנע כאווייִרים דעם געוויינלעכנ געזעגענונגס-רופ פונ די בארג-ארבעטער :

Glück auf!

Glück auf! — ענטפערנ אינ דער טויט-שטילקײַט דרײַ שטימענ, — נייִנ, ניט דרײַ! אויכ די פערטע, א צוגעשיקטע, הערמאנס שטים כא-זערט איבער : Glück auf!.

— אינ א גוטער שאָ! — האָט מיקאָלא צוגעגעבנ און איז אנשוויגנ געוואָרנ.

גרינ איז דערטרונקענ געוואָרנ אינעם פינצטערנ אָפגרונט.

אינ דער קאָשארע איז שטיל. קיינ איינ שטים רײַסט ניט איבער די שטילקײַט. אלע ארבעטנ שווײַגנדיק. די רעדער, אָנגעשמירטע מיט קיפיאטשקע, דרייענ זיכ אָנ געריוש, ווי געשפענסטער אינ דער טונקל. דער שטריק לאָזט זיכ שטיל אראָפ און הויערט זיכ. אלעמענ איז עפעס שווער, ווי אפ א לעווײַע, ווענ מע לאָזט אראָפ די טרונע אינ קייווער. א מאָדנע זאכ! אלע טאָג זעט יעדער איינער פונ זיי פונקט דאָס זעלבע : ס'לאָזט זיכ אראָפ א מענטש אינ דער גרוב, — און אלע טאָג פארקלעמט דאָס הארצ דער זעלבער שווערער, דריקנדיקער געפיל, — אלע טאָג עקבערט דער געדאנק : אָט לאָזנ מיר אראָפ אינ קייווער א לעבעדיקנ מענטשנ!

הערמאנ איז געשטאנענ און געקוקט, — געקוקט און געשוויגנ, און אלײנ ניט געוווּסט, וואָס אזוינס קומט מיט אים פאָר. אָנגעשטרענגט, אופמערקזאם האָט ער הײַנט נאָכגעשפירט נאָכנ אויסדרוק פונ די פנעמער בײַ די ריפניקעס, באזונדערס בײַ יענעם, וואָס איז פארזונקענ געוואָרנ אינ דער טיפ, בײַ יענעם, בײַם „לעבעדיק-באגראָבענעם“! ס'אהא וווּנדער! די זעלבע געפילנ, וואָס האָבנ באהערשט די ארבעטער, וואָס האָבנ ארויסגערופנ בײַ זיי ציטער און אומרו, אָט די זעלבע גע-פילנ האָבנ געבושעוועט אויכ בײַ אים אינ ברוסט, אָבער אזוי שטארק, אזוי שרעקלעכ! דאָס אלצ, וואָס האָט אדורכגעשווינדלט בײַ גרינענ אינ קאָפ, ווענ ער איז געשטאנענ איבער דער גרוב, — אָט דאָס אלצ האָט אויכ הערמאנ איבערגעטראכט, אָבער אזוי בוילעט, אזוי לעבעדיק, אזוי שווער! פאר זײַנע אויגנ איז געשטאנענ ניט איינ בילד פונ נויט, פארצווייפלונג, מאנגל, — ניט איינ בילד, נאָר טויזנטער, און אלע האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ אינ איינ שטורעמדיקנ יאם, אינ איינ שרעקלעכנ

האָט געדרייט דאָס הענטל, זיכ געשאָקלט הינ אונ צוריק, ווי ער זאָל אליינ זײַנ א טייל פונ דער מאשינ. בײַם ארײַנגאנג איז געזעסנ א קליינ יינגל — א „רייניקער“, וועלכער קלײַבט אויס פונ דער ליים די דריבנע גרודקעלעכ ערד-וואקס. ניט האָבנדיק איצטער קיינ ארבעט, האָט ער געדרעמלט, געזעסנ אָנגעשפארט מיט דער פלייצע אינ דער וואנט; זײַנע דארע, קויטיקע הענט זײַנענ מאכטלאָז אראָפּגעהאנגענ, די דלאָניעס זײַנענ געווענ אינ ליים.

קיינ קלונג הערט מענ ניט. די ארבעטער שמועסנ זיכ איבער.

— הער נאָר דו, וואָס איז עפּעס הײַנט אונדזער פאָרעצעס יינגל געלאָפנ צומ פאָטער א פארסאפּעטער? ער איז געלאָפנ אזוי, פונקט ווי מע איז אים נאָכגעלאָפנ!..

— איכ ווייס וואָס, מיסטאמע פאהאפ ער האָבנ געלט! האָסט גאָר קיינמאָל ניט געהערט פונ אים? איכ האָב ניט איינ מאָל געזענ אינ דראָהאָביטש, ווי ער טוט אָנ שאָדנ, א שרעק. ער האלט אינ איינ טרענצלענ מיט געלט. וואָס ער דערזעט נאָר מיט די אויגנ, לויפט ער גלײַכ אונ קויפט, צעברעכט, פאטערט, אונ נאָכדעם לויפט ער ווידער, קויפט נאָכאמאָל!

— ע, וואָס מאכט עס אים אויס! גוט איז אים צו מאכנ זיכ נאריש, אז ער האָט פאר וואָס. ער צעטרענצלט דעמ מענטשנס האָרעוואניע, דער רועכ זאָל אים נעמענ!

— איר ווייסט, — האָט זיכ אָנגערופנ דער, וואָס איז געשטאנענ בײַ דער ווייעלקע, — אז איכ קוק אפ אים, טראכט איכ מיר זיכ, אז ער וועט מיט זײַנ טויט ניט שטארבנ. ער וועט צעפּאטערנ דעמ פאָטערס טויזנטערס, נאָכדעם וועט ער זיכ וואַרפנ אפ מענטשנ.

— יאָ, געוויס, ס'וואָרט אפ אים די טליע! ווענ ער טוט א קוק מיט זײַנע זשאבע-אויגנ, גייט דורכ א פראָסט איבערנ לײַב!

— דאָס האָט גאָט אזוי געשטראָפט דעמ אלטנ הערש הערמאנ, וואָס ער קריוודעט מענטשנ! ניט אומזיסט האָט עמעצער געזאָגט: פאר מענטשלעכער קריוודע ווערט אָפּגעצאָלט אזש ביזנ דריטנ דאָר!

— כאפט אים, כאפט אים! — האָט א געשריי געטאָנ פונ שלאָפ דער וואקס-רייניקער אונ זיכ אויפגעכאפט. הערמאנ האָט א קוק געטאָנ אפ זײַנ אויסגעמאטערט פּאָנעמ, אנ אויסגעדארטס, א געעלטערטס פאר דער צײַט, אונ האָט זיכ פארגעשטעלט אינ געדאנק דאָס רויטע צערעפּעטע פּאָנעמ פונעמ זונ זײַנעמ. ער האָט אליינ ניט געוווסט, וואָס מיט אים איז געוואָרנ, נאָר א קעלט האָט אים פארפרעסט דאָס הארצ,

האָב ניט וואָס זיך צו ערגערנ! ניטאָ אפילע פונ וואָס צו טראַכטנ!"

אזוי האָט הערמאַנ געקלערט צו זיך אַליינ, אײַנשטילנדיק די פאַרהוילענע קראַפט, וואָס האָט איצטער אופגעוואַכט אינ אים אונ געוואַלגערט־איבערגעדרייט אַלע זײַנע כעזשבוינעס, געבויטעט זײַנ רו. אונ ווירקלעכ טאַקע, — זי האָט זיך אײַנגעשטילט, ווי פונ הערמאַנס שפרוכ. הערמאַנ איז געוואָרנ רויק, לעבעדיק אפילע אונ פריילעכ, ווי א מענטש נאָכ א קרענק. נאָר פונ צײַט צו צײַט האָט א גרינגער אופציטער פונ זײַנע מוסקולנ אים געגעבנ צו וויסנ, אז די שרעקלעכע, פײַנטלעכע קראַפט בא אים אינעווייניק איז ניט אָפגעשטאָרבנ אונ אז פונעם מינדסטנ צוריר, פונ דער מינדסטער אופטרייסלונג קאָנ זי ווידער אופוואַכנ.

ער איז צוגעקומענ צו דער צווייטער גרוב מיט א פריילעכער שטימונג. ער האָט געוואָלט צוגיינ צו די ריפניקעס אומגעריכט אונ זיך איבערצײַגנ, וויאַזוי זיי אַרבעטנ. ער האָט געוווּסט, אז דער פריקאַזטשיק זײַנער איז איצטער ניטאָ בא דער גרוב, — וועט ער קאָנענ זיך איבערצײַגנ, צי די אַרבעטער האָבנ די ווערט דאָס געלט, וואָס זיי באַקומענ. ער איז שטיל צוגעקומענ צו די ברעטערדיקע ווענט פונ דער קאַשאַרע, געטראָטנ לײַכט אַפ דער ווייסער ליים, מע זאָל ניט הערנ זײַנע טריט, אונ דורכ אנ אַרויסגעשלאָגענעם סוק אַרײַנגעקוקט אינעווייניק. אַזא אויפנ פונ נאָכקוקנ איז בא אים ניט געווענ קיינ נאָווינע, אונ קימאַט אַלע אַרבעטער האָבנ געוווּסט וועגנ דעם, ווײַל געוויינלעכ באַם אויסצאָלנ דעם אַרבעטלוינ פלעג הערמאַנ בא זיי אָפרײַסנ א פערטל פונ זייער פאַרדינסט, אויסוואַרפנדיק: „א גאַנצע וואָכ דרייסטו זיך אַרום בא דער גרוב ווי א ליימענער, אונ איצטער קומסטו נאָכ געלט!" אונ ווענ דער שלימאַזל דער ריפניק נעמט הערווידערנ אונ זיך שווערנ, ווערט הערמאַנ רויט ווי אנ אינדיק, הראַט דעם ריפניק מיט זשאַנדאַרנ אונ הייסט דעם פריקאַזטשיק אים אַרויסשלײַדערנ פונ יענער זײַט טיר.

הערמאַנ האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק, דורכ דער סוק־לאָכ, אינ דער קאַשאַרע. דורכ דער אנטקעגנדיקער טיר האָט געשלאָגנ א ביסל שײַנ, אונ הערמאַנ האָט געקאָנט זענ אַלצ, וואָס ס'טוט זיך. צוויי יאַטנ זײַנענ געשטאַנענ, ווי געוויינלעכ, בא דער קאָרבע, נאָר זיי האָבנ זי ניט געדרייט, — זעט אויס, מע האָט נאָרוואָס אַראָפגעלאָזט איינעם אינ דער טיפ אונ דאָס וואַרט מענ אַפ א קלונג, אז מע זאָל נעמענ ציענ אַפ אַרופ אנ עמער מיט וואַקס. בלויז דער דריטער בא דער ווייעלקע

ער איז אָפּגעגאנגענ פונ דער וואנט אונ זיכ ארומגעקוקט, אליינ ניט געוווּסט, צי זאָל ער ארײַנגיינ אינ דער קאָשארע, צי ניט. נאָכ דער געדאנק וועגנ דער פוילקייט פונ די ארבעטער איז אימ שוינ גאָר אינ-גאנצנ ארויס פונ קאָפּ. ער האָט נאָכ אלצ געציטערט פונ יענער אומרויִקער דערווארטעניש, ווענ 'מע האָט ארויסגעקוקט אפנ קלונ-פונעמ גלעקל. עמעס, ס'האָט זיכ שוינ אײַנגעשטילט אינ אימ דער שטורעמ, וואָס האָט געבושעוועט פריִער מיט א מינוט. נאָכ דער אײַנדרוק האָט נאָכ געצאפּלט, געמיינעט זיכ, ווי א שאָטנ אינ א כמארנע טאָג. אפילע די ווערטער, מיט וועלכע די ארבעטער האָבנ זיכ איבערגעוואָרפנ וועגנ דעמ זונ זײַנעמ, זײַנענ עפּעס פארשווונדנ געוואָרנ פונ זײַנ זי-קאָרנ, — נאָכ מער, זיי האָבנ אימ ווי גרינגער געמאכט אפנ הארצנ, געלינדערט דעמ קאס אפנ „פּוסטעפּאסניק“, ווי ער פלעג געוויינלעכ רופנ אינדערהיימ גאָטליבנ. „ער איז דאָכ פאָרט מײַנ זונ, אונ ווענ ער וועט באקומענ דאָס גוטס, וועט ער וויסנ, ווי עס צו שאנעווענ“, — האָט ער א זאָג געטאָנ צו זיכ אליינ עפּעס אונ אנטשלאָסנ, ווי ער זאָל זיכ אליינ צווינגענ צו גלייבנ אינ דעמ. די דאָזיקע עפּעסקייט האָט אימ פארויִקט, ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט: „ער איז פאָרט מײַנ זונ!“ ער האָט אליינ ניט באמערקט, ווי ער האָט זיכ געלאָזט גיינ ווײַטער, צו דער דריטער גרוב. זי איז געשטאנענ א ביסל אינ א זײַט, ווײַטער פונ די איבעריקע. דאָס הייסט, ביז האלב מיט גראָז פארוואקסענע בערגל ארומ דער גרוב האָט איידעס געזאָגט, אז מע האָט זי שוינ לאנג געהאט אויסגעגראָבנ. קיינ קאָשארע איז איבער איר ניט געווענ, זי איז געווענ געבויט לויטנ אלטנ שטייגער. דאָס איז געווענ די ערשטע גרוב, פונ איר האָט זיכ אָנגעהויבנ מערנ הערמאנס מאיאָנטעק. אָבער ס'איז שוינ עטלעכע יאָר צײַט, אז זי שטייט פוסט, זינט ס'האָט זיכ פונ איר אויסגעשעפּט דער נאפט-קוואל. נאָכ איצטער, ווענ אָנשטאָט קיפּיאטשקע איז אוועק א גאנג ערד-וואקס, האָט הער-מאנ באפוילנ זי ווידער אופשטעלנ אונ גראָבנ טיפער, ווײַל זי האָט אינ-גאנצנ געהאלטנ א קלאפטער דרײַסיק די טיפ. ווענ מע האָט אופגעריסנ די ברעטער, מיט וועלכע זי איז געווענ פארשלאָגנ, האָט זיכ ארויסגע-וויזנ, אז פונונטנ האָט זיכ געיאווועט וואסער, האָט מענ צוערשט גע-כאפּט אויסשעפּנ די וואסער. שוינ דרײַ טעג, אז מע שעפּט, אונ הײַנט ערשט האָט זיכ געכאפּט ארויפלאָזנ דאָס ערשטע מאָל אינ איר דער אלטער מאטי אפּ באקוקנ זי, ווו באדארפ מענ פאריכטנ אונ ווו גראָבנ א שטאָלניע. ווענ הערמאנ איז צוגעקומענ צו דער גרוב, האָט ער דער-

אזוי שווער איז אים געוואָרנ, אזוי אומרויִק, גלײַכ ס'האָט זיכ שוינ געטראָפנ מיט זײַנ זונ דאָס, וואָס די ארבעטער האָבנ אים אויסגעלייגט.

— וואָס קאָנ עס זײַנ, וואָס מיראָנ קלינגט ניט? — האָט געפרעגט דער, וואָס בא דער ווייעלקע. — אנו, טוט נאָר עמעצער צו אים א געשריי, וואָס איז מיט אים האָרטנ?

איינער פונ די, וואָס זײַנענ געשטאנענ בא דער קאָרבע, האָט זיכ איבערגעבויגנ איבער דער גרוב אונ א געשריי געטאָנ מיט אַלע קויכעס:

— מיראָנ! מיראָנ!

קיינ ענטפער האָט מענ ניט געהערט. די ארבעטער האָבנ געקוקט איינער אפנ צווייטנ אינ שטומער ווארטעניש, די ראָד פונ דער ווייעלקע האָט זיכ שטארקער גענומענ דרייענ, דער קליינער וואקס-רייניקער איז מיט אומזיכערע טריט צוגעגאנגענ צו דער גרוב, אויסגעגלאָצט די אויגנ אונ ניט אינגאנצנ פארשטאנענ, וואָס אזוינס קומט דאָ פאָר. הערמאנ האָט אַלצ געקוקט אונ זיכ צוגעהערט.

— מיראָנ, מיראָנ, דו לעבסט האָרטנ? רופ זיכ אָנ!

ווײַטער איז געוואָרנ שטיל אפ א מינוט, — פונ דער גרוב האָט זיכ גאָרנישט ניט דערטראָגנ. א קעלט האָט דורכגענומענ די ארבעטער, זייערע פּנימער ווערנ בלאסער, זיי קוקנ זיכ אומרויִק ארום.

— נעמ שלעפּ ארופ, גיכער, עפּשער, גאָט זאָל באהיטנ, האָט אנ אומגליק געטראָפנ!

— לאָמיר שלעפּנ! לאָמיר שלעפּנ!..

מיט ציטערנדיקע הענט האָבנ זיי זיכ גענומענ פאר דער קאָרבע, זיכ צוגעטרייט צו דער ארבעט...

— דזינ-דזינ-דזינ! — האָט זיכ דערהערט דער שארפער קלאנג פונעמ גלעקל. אַלע האָבנ פרײַ אָפּגעאָטעמט, לעבעדיק געוואָרנ, ווי א בארג וואָלט זיי אראָפּ פונ די פּלייצעס.

— א דאנק גאָט, וואָס ער לעבט! אָכ, אונ מיר האָבנ שוינ געמיינט...

— היי, שווײַג, קאָנסט נאָכ אויסריידנ אינ אזא שאָ!

ווידער א קלונג. דאָס איז א סיגנאל, אז מע זאָל שלעפּנ דעמ בלעכענעמ עמער ארופ. די קאָרבע האָט זיכ אָנגעהויבנ דרייענ, דער געשפּרעכ האָט זיכ אָפּגעהאקט, אונ עטלעכע רעגעס האָט הערמאנ גאָרנישט ניט געזענ אויסער די גלײַכמעסיקע אומדרייענ פונ דער קאָרבע.

אומענטשלעכנ בייזנ שמייכל אפ די הוילע אויסגעשטשערבעטע באקנ, אפנ אָנליפנדיקנ מויל, אינ די גרויסע שווארצע ליימענע אויגנ. ער איז געשטאנענ, געקוקט אונ געציטערט, ווי אינ א פיבער, — געציטערט פונ אבערגלויבערישער שרעק אונ עקל.

די ריפניקעס בא דער קאָרבע, ווענ זיי האָבנ דערזענ אזא מאָרנע אונ שרעקלעכע מאסע, האָבנ זיי א געשריי געטאָנ ווי ניט מיט זייער קאָל, אונ שיר ניט ארויסגעלאָזט די קאָרבע פונ די הענט. אזעלכע פאלנ, וואָס אמאָליקע יאָרנ פלעגנ זיי טרעפנ גאנצ אָפט אינ די באָריס-לאווער גריבער, זיינענ שוינ איצטער געווענ אסאך זעלטענער. די יונגע ריפניקעס האָבנ אפ זייער לעבנ אזוינס ניט געזענ. פונ דער טיפ האָט מענ א שטארקנ צי געטאָנ פארנ גלעקל, דאָס האָט אלעמענ ארויס-געפירט פונ דער פארגליווערטקייט. די ארבעטער האָבנ געשווינד ארויס-געצויגנ דעמ עמער אונ אויסגעשאָטנ די ביינער אפ דער ערד. די ביינער האָבנ מאָרנע א קלאפ געגעבנ, אונ דער קאָפ, וואָס איז ארויס-געפאלנ, האָט זיכ אוועקגעקייקלט צומ בערגל אונ איז געבליבנ ליגנ בא הערמאנס פיס.

— דער רועכ זאָל דיכ נעמענ, דו, שלעפער! — האָט הערמאנ א געשריי געטאָנ, אָפשפרינגענדיק אָנ א זייט, ער זאָל זיכ ניט אָנרירנ אינעמ קאָפ. — וואזוי שיטסטו אויס?..

נאָכ דעמ האָט ער קיינ וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידנ — דער ואמרו האָט אימ פארשטיקט דעמ האלדז. ווידער א קלונג פונ דער טיפ. די ריפניקעס שעפטשענ: „גאָט, גאָט!“ — אונ נעמענ זיכ גע-שווינד אראָפלאָזנ דעמ עמער אראָפ. הערמאנ אנטלויפט פונ דער גרוב, ווי אנ אָפגעבריטער. ער פילט א קעלט אינעמ גאנצנ לייב, א שוואכ-קייט, אונ אינ קאָפ בא אימ דרייט זיכ, ווי א שפינדל, איינ פראזע נאָר: „גאָטס קלאָלע איבער מיר! גאָטס קלאָלע איבער מיר!“ ער ווייסט אליינ ניט, ווי קומענ די ווערטער צו אימ אינ קאָפ, ער באזערט זיי איבער אָנ א זינענ, אָנ אָפשטעל, לויפנדיק מיט דער סטעזשקע צווישנ די גריבער. כאָטש דער טויטער קאָפ האָט זיכ צוגערירט בלויז צו זיינ שוכ, נאָר אימ ווייזט זיכ אויס, אז דער גאנצער פוס ברענט ווי אינ א פייער, אז ס'פריט אימ, עפעס וואָרגט אימ, אונ א שלעכטער געפיל צעגייט זיכ איבער זיינ גאנצנ קערפער. ער לויפט פונ איינ גרוב צו דער צווייטער, ער ווייסט אליינ ניט וווהינ אונ צוליב וואָס. ער הערט הינטער זיכ א געפילדער אונ געשרייענ: דאָס זיינענ זיכ צונויפ-געלאָפנ די ארבעטער צומ הייפל ביינער — זיי באטראכטנ זיי, ווילנ זיכ

זענ, אז די ריפּניקעס האָבנ ארויסגעצויגנ דעמ בלעכענעמ עמער פונ דער גרוב, ווו ס'איז שוינ א גוטע שאָ צײַט געזעסנ דער אלטער מאטי.

— נו, וואָס? — האָט הערמאנ געפרעגט, צוקומענדיק צו די ארבעטער.

— גאָרנישט, — האָבנ זיי געענטפערט, — מאטי האָט נאָרוואָס א קלונג געטאָנ, ציִענ מיר ארויס.

— וואָס אזוינס קאָנ דאָרטנ זײַנ? — האָט געפרעגט דער פארווונדערטער הערמאנ. — ס'איז שווער?

— ניינ, ניט איבעריק, אפּאָנעמ, דער אלטער האָט אפּ עפּעס אָנגעטראָפנ.

הערמאנ האָט א פארינטערעסירטער זיכ אוועקגעשטעלט בא דער גרוב, זיכ אָנגעשפּארט אינ סלופּ אונ אופמערקזאמ ארײַנגעקוקט אינ דער פינצטערער טיפ. די זונ האָט קאָסע איבערגעשניטנ די עפענונג פונ דער גרוב, נאָר אינ דער טיפ האָט מענ גאָרנישט ניט געזענ. איינ זאכ נאָר האָט א שלאָג געטאָנ אפּ הערמאנענ — א מאָדנער אומאנגענעמענער פוילער רייעכ. וואָס קאָנ דאָס זײַנ? ס'האָט אימ גענומענ דרייענ אינ דער נאָז פונעמ געשטאנק, נאָר ער האָט זיכ ניט אָפּגעקערט. ער האָט אופמערקזאמ, ווי א צעמישטער, געקוקט אינ דער פינצטערער טיפ, נאָכגעשפּירט, ווי דער דראָטענער שטריק וויקלט זיכ אָנ פּאוואָליע אײַזערנע רינגענ אפּ דער קאָרבע. ער האָט געקוקט אפּ די רינגענ אונ זיכ דערמאנט אינ די שרעקלעכע רינגענ פונעמ שלאנג אפּנ בילד. זײַנ אבערגלויבערישער, אופגערעגטער געדאנק האָט אימ פאָרויסגעזאָגט עפּעס אנ אומגליק אינ צוזאמענהאנג מיט אָט דער דערמאָנונג. די שלעכט=אָנגעשמירטע קאָרבע האָט גרילצנדיק א קוויטשע געטאָנ, — הערמאנ האָט זיכ אופגעכאפּט, א קוק געטאָנ אינ דער טיפ אונ איז פארגליווערט געוואָרנ אפּנ אָרט. פונעמ פינצטערנ אָפּגרונט איז ארויסגעשווומענ=אופגעהויבנ זיכ ארופ צו דער שײַנ א שרעקלעכער, איבערגעפוילטער, שווארצער קאָפּ פונ א מענטשנ. די ציינ אונ די קינבאקנ האָבנ געסטאָרטשעט ארופ, די אויגנ=לעכער זײַנענ געווענ שווארצ פונ דער ליימ, מיט וועלכער זיי זײַנענ געווענ אָנגעשטאָפּט, דער צעווייקטער שארבנ איז געלעגנ צווישנ די ריפּנ אונ אנדערע מענטשלעכע ביינער, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעוואָרפנ אינעמ עמער. אונ די דאָזיקע העסלעכע, שרעקלעכע מאסע איז פּאוואָליע געקראָכנ ארופ, אונ הערמאנ איז געשטאנענ, ווי א טויטער, ניט געקאָנט אָפּרײַסנ די אויגנ פונ אָט דעמ בילד אונ אינ זײַנ אומרויִקנ צושטאנד געזענ אויסדריקלעכ אנ

„אונטער גאָטס זונ טאָר מענ ניט ליגנ נאקעט“ — אונ מע נעמט זיכ ווידער צו דער פריערדיקער ארבעט, שווײַגנדיק, שווער, גלײַכ ס'איז גאָר ניט געווענ קיינ שום איבעררײַס. בלויז די ארבעטער בא דער קאָרבע ווארפנ זיכ איבער מיט א וואָרט פונ צײַט צו צײַט וועגנ דעם הײַנט=געשעענעם: „וואָס וועט זאָגנ איוואנס ווײַב, ווי אזוי וועט מענ איר גאָר געבנ צו וויסנ?“ אָדער: „ווי אזוי וועט מענ עס באגראָבנ די זינדיקע ביינער!“ א. אז. וו.

הערמאנ האָט הערווײַל זיכ געלאָזט גיינ ווײַטער, זײַנ שרעק האָט זיכ צוביסלעכ אײַנגענומענ. ער האָט אָנגעהויבנ אונטערשרײַענ אפ די ארבעטער, אפ די, וועלכע האָבנ פויל געארבעט, שרײַענדיק איז ער געוואָרנ וואָס אמאָל דרייסטער אונ איז געקומענ צו זיכ, — פארטויבט אונ אָפּגעטריבנ פונ זיכ די אופרעגונג. צום סאָפ איז דער אומרו אינגאנצנ פארשטילט געוואָרנ — דער געהאנק האָט גענומענ זיכ ווענדנ צו די טאָגטעגלעכע, פראקטישע פראגעס. הערמאנ האָט ארויסגענומענ זײַנ נאָטיצ=ביכל אונ פארשריבנ די נעמענ פונ די ארבעטער, וועלכע האָבנ הײַנט באם אויסצאָלנ זיכ שוינ געקאָנט ריכטנ, אז זיי וועלנ ניט באקומענ דעם פולנ ארבעטלוינ. נאָר דאָכ האָט עפּעס פאָרט אימ געפרעסט. ניט באקוקנדיק אלע גריבער, האָט ער זיכ געלאָזט צו די סקלאדנ, פונדאָרטנ צו די דיסטיליארניעס, אומעטום זיכ געדרייט, ארײַנגעקוקט, געשריגנ — מיט איינ וואָרט, זיכ באמיט צו זײַנ דער זעלבער, וואָס שטענדיק, — אנ אומדערמידלעכער פראקטישער געשעפטסמאנ.

— הער פרינציפאל, הער פרינציפאל, — האָט ער דערהערט הינטער זיכ די שטימ פונעמ פריקאזטשיק, וועלכער איז געווענ באופטראָגט אָנצונעמענ ארבעטער, שטעלנ זיי צו דער ארבעט אונ האלטנ איבער זיי אויפזיכט אינ מעשעכ פונ דער וואָכ.

הערמאנ האָט זיכ אויסגעקערעוועט. דער פריקאזטשיק, א קליינ, אָפּגעשליסנ מענטשעלע, איז נאָכגעלאָפנ נאָכ אימ, א פארסאפּעטער, א פארשוויצטער, געמאכט מיט די הענט אונ מיטנ קאָפּ, ווי ער זאָל זײַנ אינגאנצנ אפ פרוזשינעס.

— נו, וואָס איז געשענ? — האָט הערמאנ געפרעגט, ניט געקאָנט זיכ דערווארטנ אפ א וואָרט פונ אימ.

— אָ, קומט נאָר אהער, קומט נאָר אהער! — האָט געשריגנ דער פריקאזטשיק אונ ניט אויפגעהערט צו בייגנ דעם קערפער אינ אלע זײַטנ.

דערמאָנען, ווער קאָן דאָס זײַן. און אָט איז אַרויסגעקראָכן פֿון דער גרוב דער אַלטער מאַטי און באַווײַזט אַלעמען די האַנט פֿונעם טויטן, און איבערגעפֿוילטע: אַף איין פֿינגער איז צו זען אַ פֿאַרזשאַווערט קו-פּערן רײַפֿל מיט אַ רויט גלעזערן שטיינדל.

— וואָס, מיטראָ, דו געדענקסט ניט אָט דאָס רײַפֿל? — שרײַט ער.

מיטראָ קוקט זיך צו, באַטש ער האַלט זיך אַ ביסל פֿונדערווײַטנס, נאָכהער שרײַט ער אויס:

— גאָט, מײַן גאָט, דאָס איז דאָך מײַן רײַפֿל, וואָס איך האָב פֿריִער מיט דרײַ יאָר געהאַט געגעבן איוואַן פּיוטאָראַקן אַ מאַטאַנע צו דער כאַסענע זײַנער!

אַלע האָבן אָנגעקוקט גענומען, דערקענט, אַז דער דאָזיקער טויטער קערפּער איז ניט קיין אַנדערער, נאָר איוואַן פּיוטאָראַק, וועלכער איז פֿריִער מיט אַ יאָר צוויי ערגעץ אַהינגעקומען, קיינער ווייסט ניט וווּהין, און איבערגעלאָזט אַ יונג ווײַבל מיט אַ קינד.

— טויט אַ קוק, וווּהין ער איז, נעבעך, אַהינגעקומען, זאָל ער האָבן דעם ליכטיקן גאַניידן!

— גאָטעניו, אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ מענטש געפֿינט דעם טויט, קיינער ווייסט ניט פֿאַרוואָס און פֿאַר וועמען!

— אַך, איז דאָס געווען אַ טײַערער מענטש, אַ גאָלד!

— רעדט גאָר ניט! ווער, ווער, נאָר מיר ביידע האָבן געלעבט, ווי לײַבלעכע ברידער! — האָט זיך אָנגערופֿן מיטראָ, און מיטן פֿאַר-שמאַלצעוועטן אַרבל אָפּגעווישט די טרערן.

דערמאַן שטייט פֿונדערווײַטנס און הערט אויס דעם געשפּרעך. עטלעכע גריבער-אייגנטימערס זײַנען צוגעגאַנגען צו אים און רעדן אויך וועגן טויטן, נאָר ער הערט גאָרניט. דאָס אומעטערהעגטע בלוט קלאַפּט אים אין די אָדערן, ווי אַ האַמער. ער קוקט זיך אַלץ אום מיט שרעק אין יענער זײַט, וווּ ער האָט געהאַט דערזען דעם טויטן, באַטש די מענטשן פֿאַרשטעלן און ער קאָן גאָרניט זען. צוביסלעך הייבט ער זיך אָן באַרויִקן אין אָט דעם מענטשלעכן געפֿילדער, אַלנפֿאַלס ער באַ-מיט זיך צו זײַן רויִק. ער רעדט אַפֿילע מיט די גריבער-אייגנטימער, רעדט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אָן אָפּשטעל, ניט ווייסנדיק וואָס. די ריפּניקעס און די אייגנטימער האָבן אָבער קיין צײַט ניט לאַנג צו שמועסן. אָנגערעדט זיך, אָפּגעזיפֿצט, איז מען זיך צעגאַנגען, — די בייטער האָט מען צוגעפֿעלייגט אין איין הויפֿן און אָנגעשאָטן ערד —

איז די נאַטור אים שולדיק געווענ. וואָס, זי ווייסט דענ ניט, וואָס פאַר א קאָנטראַקטנ ער האָט געשלאָסנ, וויפל שאָדנ ער וואָלט געווענ געליטנ, ווענ זי זאָל געווענ אפ א צײַט אים אופהערנ באַגליקנ מיט איר גאָב? זי ווייסט דאָס אלצ. זי איז אונטערטעניק זײַנ ווילנ, דינט אים אזוי, ווי מע דאַרפ דינענ יעטווידער קראַפט. אונ ער איז א קראַפט, ער באַדאַרפ אפילע ניט דערציילנ, ער באַדאַרפ נאָר וועלנ; זײַנ ווילנ איז א געזעצ פונ דער נאַטור, אויספילנ אים איז אומבאַדינגט, ווי ס'איז אומבאַדינגט אויסצופילנ יעטווידער געזעצ!

מיט א שטאָלצנ, דרייסטנ טראָט האָט הערמאַנ זיכ דערנענטערט צו דער גליקלעכער גרוב, וו ס'איז געלעגנ א ריזיקע, פריש-ארויסבאַקומענע הרודע וואַקס — די ערשטע הרודע פונ דער געפונענער מאַטקע. מיט א פרײַלעכנ בליק האָט ער באַטראַכט דעם אויצער, אונ דערווײַל האָט די אומדערמידלעכע קאָרבע ארופגעצויגנ ארופ שוינ א צווייטע הרודע וואַקס.

הערמאַנ האָט מיט א ברייטלעכנ טאָנ געהייסנ אוועקטראָגנ דעם וואַקס אינ סקלאַד אַרײַנ, מיט קעניגלעכער גרויסמוטיקײַט האָט ער צוגעזאָגט די ריפניקעס, וואָס אַרבעטנ בא דער דאָזיקער גרוב, אז צו זייער אַרבעטלוינ פאַר דער וואָכ וועט ער זיי צוגעבנ נאָכ צו גילדנס. דעם צופרידענעם פריקאַזטשיק האָט ער פאַר סימכע ארויסגעגעבנ גלײַכ אפנ אָרט פינפ גילדנ אויסעראָרדנטלעכ „טרינק-געלט“. אינ אָט דער מינוט האָט ער אליינ בא זיכ אינ די אויגנ, אויסגעזענ, ווי אנ עכטער פאַרעצ, ווי א קעניג א גרויסהערשערישער, וועמענ ס'פאָלגט, וועמענ ס'איז אונטערטעניק ניט בלויז אָט דער אוילעם, נאָר די נאַטור אליינ!

די זונ איז שוינ געשטאַנענ אינ מײַרעוו איבער דעם באָפילעווער באַרג. אפנ הימל איז קיינ איינ כמאַרעלע ניט געווענ, — אינ דער נאַטור האָט געהערשט א שטילקײַט. וועלכע איז איבערגעריסנ געוואָרנ נאָר דורכנ געפילדער פונ די אַרבעטער, וואָס האָבנ איינער דעם צווייטנ דערציילט וועגנ דעם לעצטנ נײַס, נעמלעכ וועגנ איוואַנ פיוטראָקס געפונענע בײַנער. פיוטראָקס ווײַב, וועלכע האָט געאַרבעט אינ הערמאַנס דעסטילאַרניע, האָט נאָכ ניט געוווּסט פונ גאָרניט, זי האָט זיכ נאָר געזאָרגט פאַרנ קינד, וואָס איז געבליבנ אליינ אינ שטוב. נאָר הײַנט איז ניט געווענ קיינ געוויינלעכער אָוונט, — הײַנט איז אנ אויסצאָלטאָג! די מידע, בלאַסע אונ בלויע פענעמער פונ די אַרבעטער זײַנענ הײַנט געווענ אופגעלעבט פונ דער האָפענונג צו באַקומענ אויסגעצאָלט

הערמאַנ האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו אים נעענטער אונ זיכ באַמיט צו פאַרשטיינ, וואָס אַזוינס האָט אויפגערעגט דעם פּריקאַזטשיק, וועלכער איז בכלל אַ מענטש אַ שטילער אונ אַנ איינגעהאַלטענער.

— קומט נאָר אַהער, קומט נאָר אַהער! — האָט ער געהאַלטנ אינ איינ שרייענ. — אינ דער שאַכטע נומער 27 האָט מענ געפונענ אַ מאַטקע,[1] אַזאַ גרויסע מאַטקע, גאָט אינ הימל!

דערביי האָט דער פּריקאַזטשיק זיכ אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט פאַרנ קאָפּ, נאָכדעם צענומענ די הענט, באַוויזנ אַזויאַרום דעם פאַרנעם פונ דער מאַטקע אונ געמאַכט פאַרשיידענע האַוויעס, באַוועגונגענ.

— אַכ! — האָט זיכ ניטווילנדיק אַרויסגעריסנ פונ הערמאַנס מויל. איז אָט וואָס דער פּריקאַזטשיק איז געלאָפנ, אָט פאַרוואָס ער איז אַזוי אויפגערעגט! כאָטש הערמאַנ איז געווינט געווענ צו הערנ אַמאָל אַזוינע גוטע בשורעס, נאָר דאָ איז ער געבליבנ שטיינ, ווי אַנ איינגעגראָבענער. ער האָט שוינ געהאַט געמאַכט, אַז דאָס גליק האָט זיכ אָפּגעקערעוועט פונ אים, לאָזט זיכ אויס, אַז ניינ! דאָס גליק דינט אים נאָכ אַלצ, ער איז שטאַרק, ווי אַמאָל, ער האָט פאַר גאָרניט קיינ מוירע ניט, ער האָט זיכ ניט וואָס צו זאָרגנ! וואָס אַרט אים איצט די פּוסטע רייד פונ די נאַרישע ריפּניקעס, וואָס מאַכנ אים אויס די הינטישע שטיק פונעם זונ, די קריגערייענ מיטנ ווייב! דאָס גליק דינט אים, אונ זיי אַלע זיינענ דריבנע ווערעמ אינ פאַרגלייכ מיט אים; זיי האָבנ דענ אַ מאַכט אָפּ פאַרסאַמענ אים דאָס לעבנ? ניינ, קיינמאָל אינ דער וועלט ניט! ניט נאָר דאָס לעבנ, — אַפילע קיינ איינ מינוט ניט וועט ער זיכ ניט לאָזנ קאַליע מאַכנ דורכ אָט דעם הרוב! דאָס דאָזיקע נייע, אומגעריכטע גליק האָט זיכ אַריינגעגאָסנ, ווי אַ פרישע כוואַליע, אינ הערמאַנס נעשאָמע, זיינ שטאָלצ, וואָס איז היינט עטלעכע מאָל דערנידעריקט געוואָרנ פונ פאַרשיידענע דערינערונגענ, וואָס איז אַזוי שטאַרק אונטערגעגראָבנ געוואָרנ פונ אַכזאָריעסדיקער רעפלעקסיע, זיינ שטאָלצ האָט אויפגעלעבט, ווידער פעסט געוואָרנ, גענומענ זיכ אָנבלאָזנ, אויפגעהויבנ דעם קאָפּ. אים האָט זיכ גענומענ אויסדאַכטנ, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי איבעריק וויכטיק — אָט דאָס נייע גליק. דאָס

[1] מאַטקע הייסט אַ הויפּט־אָדער, אַ גראָבער שיכט ערד־וואַקס. אַזעלכע שיכטנ טרעפנ זיכ זעלטנ, אונ ווער עס דערגראָבט זיכ צו אים, קאָנ אויסשטעלנ אָפּ אַ גרויסנ רעווח. (איוו. כר.)

טראָגנ אהערצו זײַנע קאָנטע־ביכער און פאוואָליע זיכ גענומענ מאכנ די כעזשבוינעס, ארויסגעפירט ציפערנ אפ א רייִנעמ בויגנ פאפיר, אָפט אוועקגעלייגט די פענ, זיכ אדורכגעגאנגענ הינ און צוריק איבערנ צימער, בורטשענדיק און רעכענענדיק אונטער דער נאָז, און ווידער זיכ גענומענ פאר די ביכער און פאר דער פענ.

ס'איז צוגעפאלנ דער אָוונט. דער פריקאזטשיק איז געקומענ, און צוזאמענ מיט אימ אנ אוילעמ ארבעטער. אלע האָבנ היינט גערעדט אסאכ — א גערויש און א געפילדער האָט פארפלייצט, ווי א כוואליע, די שטילע שטוב. דער פריקאזטשיק האָט פארפירט א שמועס מיט הערמאנענ וועגנ דער ארבעט פאר דער וואָכ. ער איז היינט אויכ געווענ א פארייִדעוודיקער און א פרייִלעכער. דאָס איז געווענ א מענטש, וועלכער איז פונ דער יוגנט אָנ הערצויגנ געוואָרנ אפ פרעמדער לאָסקע, פונ דער יוגנט אָנ הערשלאָגנ און הערשטיקט, וועלכער האָט אלע יאָרנ זײַנע געלעבט מיט פרעמדנ ווילנ און האָט ניט געהאט קיינ אייגענעמ געדאנק, און אפילע ניט (זאָל זײַנ אויסערלעכ) קיינ אייגענעמ פארגעניגנ און קיינ אייגענע זאָרג. דאָס גליק פונעמ באלעבאָס האָט אימ געפרייט, ווי זײַנ אייגנס, און די פרייד זײַנע האָט זיכ גענומענ ניט איבער אוועלכער ניט איז צוגעבונדנקייט אָדער ליבע צו הערמאנענ. הערמאנ איז ניט געווענ קיינ קאָרעוו זײַנער, ניט זײַנ באלטויווע, ניט גאָרניט, — פארנ אופזיכט האָט אימ הערמאנ געצאָלט קארג, ווי אלע אנדערע פאר זייער ארבעט, — דער פריקאזטשיק האָט דאָס זייער גוט געפילט און בא א געלעגנהייט זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ, ער זאָל ניט קיינ שלעפ טונ צו זיכ אינ גאָרע עפעס א שטיקעלע פונ זײַנ באלעבאָס פעטנ מאָלצײַט. דאָכ איז ער געווענ קאָנטענט פונ דער היינטיקער גליקלעכער געשעעניש, אליינ ניט ווייסנדיק פארוואָס און צוליב וואָס, דאָס איז שוינ געווענ זײַנ צווייטע נאטור.

— מאטי, מאטי! — האָט א געשריי געטאָנ דער פריקאזטשיק, עפענענדיק די טיר, וואָס האָט געפירט אינ פאָרהויז. — מאטי, קומ ארײַנ, דער באלעבאָס רופט, גיכער!

מאטי, דער אלטער ריפניק, איז היינט געווענ א כאָשעווע פערזאָנ צווישנ די ריפניקעס.

דער אוילעמ, וואָס איז געשטאנענ אינ פאָרהויז און געוואַרט, ביז מע וועט ארײַנרופנ לויט דער ריי אפ באקומענ געלט, האָט געהאט ארומגערינגלט מאטנ און מיטראָענ, אויסגעהערט וועגנ איוואנ פיוטאָראקנ און וויאזוי מע האָט זײַנע ביינער געפונענ.

דעמ ביטער־פאַרהאָרעוועטנ גראָשנ; די מענטשנ, וואָס האָבנ אינ מע־שעכ פונעמ גאַנצנ טאָג ניט אויסגערעדט קיינ איינ וואָרט איינער צומ אַנדערנ, זיינענ איצט געוואָרנ פאַרײַדעוודיק, געוויצלט זיכ און פאַר־בעטנ די כאַוויירימ אַפ אַ טרונק בראָנפנ. וואָס נעענטער צו נאַכט, איז דער טויטער באַרישלאַוו אַלץ לעבעדיקער געוואָרנ.

אָננאָגנדיק עפעס דעמ פריקאַזטשיק, אויסהערנדיק די רייד פונ די פרייקעכ־געוואָרענע ריפניקעס, האָט הערמאַנ זיכ געלאָזט גיינ אַהיימ אַפ צוגרייטנ זיכ צומ אויסצאָל. דער קאָפ זײַנער איז געווענ פול מיט הרודעס וואַקס, מיט קאָנטראַקטנ, מיט וועקסלענ, מיט כעזשבוינעס, אינ די הענט האָט געקלונגענ זילבער און גאָלד, — די גאַנצע וועלט האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, ווי אַ ריזיקער מאַרק, וווּ ער איז דער איינציקער פאַרקויפער, ער אַלײנ נעמט צו דעמ גאַנצנ רעוועכ. אַלע טרויעריקע, שווערע אײַנדרוקנ פונ הײַנטיקנ טאָג זײַנענ פאַרשוווּנדנ געוואָרנ, ווי זיי זאָלנ גאָר קיינמאָל אַפ דער וועלט ניט זײַנ, וואָרעמ איצטער, — האָט הערמאַנ געטראַכט, — ווענ דאָס גליק זײַנס האָט זיכ אומגעקערט, ווענ די געשעפטנ גייענ גוט, — איצטער איז ניטאָ וואָס צו עסנ זיכ דאָס האַרצ, ניטאָ קיינ סיבע דערצו. ערגערניש איז מעגלעכ נאָר בײַ אומגליק און אומזיכערקײַט, אָבער ניט איצט. אַזוי האָט געטראַכט הערמאַנ און שטאַרק געגלויבט אינ דעמ, און וואָלט זיכ שטאַרק פאַר־כידעשט, ווענ עמעצער זאָל וואַגנ אימ זאָגנ, אַז ס'איז ניטאָ קיינ האָר איבערנ געוויסנ, ניטאָ קיינ קראַפט, וואָס זאָל קאָנענ אימ באַפוילנ. איצטער איז ער האָב אַלײנ געווענ אַזאַ האַר, — ער האָט באַפוילנ, איז דער געוויסנ מיט אַלע זײַנע רעפלעקסיעס אַנשוויגנ געוואָרנ, פאַר־שוווּנדנ געוואָרנ, פאַרפאַלנ געוואָרנ!

געקומענ אַהיימ, האָט ער גלײַכ זיכ דערפרעגט, וואָס מאַכט גאָט־ליב.

— ער שלאָפט נאָכ, — האָט געענטפערט די דינסט.

— ביז איצט איז ער נאָכ ניט אופגעשטאַנענ?

— ניינ, ניט אופגעשטאַנענ.

— נו, גוט, — האָט הערמאַנ אַ בורטשע געטאָנ און איז אַוועק אינ צימער, ווו ס'האָט זיכ געפונענ די קאַסע און ווו ס'האָט באַדאַרפט פאָרקומענ דער אויסצאָל. דאָס איז געווענ אַ גרויסער, פראָסט־אויס־געשטאַטער צימער. אינמיטנ איז געשטאַנענ אַ פעסטער דעמבענער טיש, בענק לענגאויס די ווענט, בײַמ טיש, אַ פאָר שטולנ, אינ אַ ווינקל אַנ אײַזערנע ווערטהיימעווער קאַסע. הערמאַנ האָט געהייסנ אַרײַנ־

הויכע, באַטש אײַנגעהויקערטע, פיגור זײַנע זיכ אָנגעזענ איבער אַלע איבעריקע ריפּניקעס. דער אוילעמ האָט אימ געמאַכט א וועג, אונ מאַטי איז מיט א רוּקנ, שווערנ טראָט אַרײַנגעגאַנגענ אינ צימער צו הערמאַנענ.

— ע, אַפּאָנעמ עפּעס ווייסט ער, דער אַלטער, — האָט זיכ מיטראָ אָנגערופנ, ווענ דער פריקאַזטשיק האָט פאַרשלאָסנ די טיר הינטער זיי. — עפּעס קנײַטשט ער צו שטאַרק דעמ שטערנ, זעט אויס, אַז ס'איז ניט גלאַט אַזוי אינ דער וועלט אַרײַנ!

— הא, גאָט ווייסט וואָס! עפּשער טאַקע שטעקט עפּעס דערינ... וואָרעמ מע זאָגט, אַז ער אַרבעט דאָ שוינ פונלאַנג, ער האָט זיכ גוט צוגעקוקט צו די היגע פאַראָנדקעס!

— אונ וואָס וועט זײַנ דער סאָפ דערפונ? — האָט זיכ אָנגערופנ אַנ עלטערער ריפּניק, וואָס איז געזעסנ אינ א ווינקל. — עמעצער וועט זיכ הענ אָנעמענ פאַרנ אָרעמענ אַרבעטער נעבעכ? אָט איז ער געווענ, געלעבט, זיכ געמאַטערט, אונ מיטאַמאָל איז ער ערגעץ פאַרשווּנדנ געוואָרנ, ווי א הונט, אונ האָב מיר א גוטנ טאָג!

— ע, זאָגט עס ניט, — האָט געענטפערט מיטראָ, — אָט ווענ די מיטערטשוקעס זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ גרוב, ווײַל דער שטריק האָט זיכ גענהאַט איבערגעריסנ, איז דענ ,רעמלט קיינ קאָמיסיע ניט געקומענ צו פאָרנ? מע האָט אַלעס אויסגעפרעגט בא אַלעמענ, וויאַזוי האָט אַזא זאַכ געקאָנט געשענ, וויאַרומ האָט דער שטריק זיכ איבערגעריסנ, אונ מע האָט טאַקע דעמ שולדיקנ אַרײַנגעזעצט אינ קרימינאַל.[1]

— באַ-אַ-אַ! — האָט געזאָגט דער ריפּניק פונעמ ווינקל אַרויס. — יענע איז געווענ איינ זאַכ, אונ דאָס איז ווידער עפּעס אַנדערש. מאַטי האָט מיט זײַנע אייגענע אויגנ ניט געזענ, אַז עמעצער זאָל האָבנ אַראָפּגעשטופּט פּיוטראָקנ אינ גרוב אַרײַנ. וואָרעמ ווענ ער זאָל געווענ זענ, איז פאַרוואָס-זשע האָט ער העמלט ניט געזאָגט? אונ איצטער, וויפל ער זאָל פונ דעמ ניט טראַכטנ, אָנשטויסנ זיכ, וועט זיכ אַלצייִנס גאָרנישט ניט באַקומענ. אָפנ געריכט וועט ער גאָרניט קאָנענ דערווײַזנ, פונ דער גאַנצער זאַכ וועט זיכ אויסלאָזנ א בוידעמ.

מאַטי איז געשטאַנענ אינ צימער ניט ווײַט פונ דער שוועל, זיכ אַרומגעקוקט אַרומ זיכ, ווי ער זאָל זיכ וועלנ איבערצײַגנ, צי אַלצדינג שטייט אָפנ אָרט.

---

[1] קרימינאַל — טורמע.

— זאָגט אײַכ, וואָס איר ווילט, — האָט מאטי פאַרענדיקט זײַנע רייד, זיצנדיק אפ דער שוועל און פיפקענדיק דעמ ציבעק, — זאָגט אײַכ, וואָס איר ווילט, און איכ האַלט זיכ בײַ מײַנעמ, אַז דעמ אָרעמענ איוואַנענ, נעבעכ, האָט עמעצער צוגעדינט!.. ווי איר זעט מיכ א לעבעדיקנ! זאָל מײַנ נאָמענ ניט זײַנ גונצוואָט, אויב עמעצער האָט אימ ניט קיינ שטופ געטאָנ אינ גרוב אַרײַנ, אויב עפּעס ניט גאָר ערגער.

— ע, וואָס רעדט איר, — האָבנ די ריפניקעס זיכ צעפילדערט פונ אַלע זײַטנ, — וויאַזוי קאָנ דאָס גאָר געמאָלט זײַנ?

— איכ ווייס מיר, וואָס איכ זאָג, — האָט געענטפערט מאטי, אויסשפײַענדיק. — איכ וואַרפ ניט קיינ ווערטער אפנ ווינט!

— יאָ, אָבער ווער האָט געקאָנט אָפּטונ אַזאַ זאַכ? — האָבנ געפרעגט די ריפניקעס. — פּיוטאָראַק איז דענ געווענ מיט עמעצנ צעקריגט?

— ע, וואָס צעקריגט דאָרטנ, — האָט זיכ אָנגערופנ מיטראָ, וועלכער איז געשטאַנענ לעבנ מאַטיענ, אָנגעשפּאַרט אינ דער טיר, — ער האָט געמעגט זײַנ א הייליקער מענטש, נאָר סאָנימ זײַנענ שטענדיק דאָ. וואָסי, ס'איז שווער זיכ קריגנ א סוינע?

— מאטי, קומט אַרײַנ, מאטי, — האָט גערופנ דער פּריקאַזטשיק, עפענענדיק די טיר. נאָר מאטי איז געזעסנ אומבאַוועגלעכ, געפּיפקעט דעמ ציבעק און ניט געהערט, אַז מע רופט אימ. ער האָט געשוויגנ. דער שטערנ זײַנער האָט זיכ געקנייטשט, די ברעמענ פאַרצויגנ, ווי עפּעס שווערע דערינערונגענ זאָלנ זיכ רודערנ בײַ אימ אינ קאָפּ און ער זאָל זיי וועלנ צונויפנעמענ צוזאַמענ און אַרויסשיילנ פונ זיי זייער א וויכטיקע, זייער א שרעקלעכע זאַכ.

— מאטי, ביסט טויב געוואָרנ, צי וואָס? — האָט געפרעגט דער פּריקאַזטשיק, שטייענדיק אפ דער שוועל. — וויפל מאָל דאַרפ איכ דיכ רופנ?

איבערנ גערויש און דער פאַרטראַכטקײַט זײַנער האָט מאטי דאָס מאָל אויכ ניט דערהערט דעמ פּריקאַזטשיקס רופ. מיטראָ האָט אימ א טאָרקע געטאָנ אינ פּלייצע און א זאָג געטאָנ:

— שטייט אופ, מאַשקע רופט אײַכ צומ באַלעבאָס!

— א, ווייסט עס דער שוואַרציאָר! — האָט מאטי א וואָרטשע געטאָנ, אופהייבנדיק זיכ, זייער א בייזער, וואָס מע האָט אימ איבערגעשלאָגנ די געדאַנקענ זײַנע. ווענ ער האָט זיכ אופגעשטעלט, האָט די

אין א גרוב? געווים, אויס אומפּאַרזיכטיקײט! שלעכט, — מע װעט דאַרפֿן צאָלן שטראָף — א קלאַפּאָט!" פּראַכטנדיק װעגן דעם אַלץ, האָט הערמאַן געקוקט אַף מאָטיען און באַמערקט אַף זײַן פּאָנעם עפּעס אַזוינס, װי הער אַלטער ריפּניק זאָל ניט האָבן דערעדט ביזן סאָף.

— װאָס? האָסט עפּשער נאָך עפּעס װאָס צו זאָגן? — האָט הערמאַן געפֿרעגט, א פֿאַרכידעשטער פֿונעם געהײמניספֿולן אױסדרוק אַף מאָטיעס פּאָנעם.

— איך... — האָט מאָטי זיך אָנגערופֿן שװײַן מיט אַן אומזיכערער שטים. — איך װאָלט... געװאָלט זאָגן דעם הער נאָך א פּאָר װערטער... נײן, ניט דאָס, איך װאָלט געװאָלט עפּעס־װאָס פֿרעגן, נאָר...

— נו, פֿרעג, װאָס איז דאָרט אַזוינס, פֿאַרװאָס רעדסטו ניט?..

מאָטי האָט ניט געענטפֿערט, ער האָט נאָר געקוקט אַפֿן פֿריקאַזשטשיק. הערמאַן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מאָטי װיל מיט אים ריידן אױג אַף אױג.

— גײ אַרױס אַף א מינוט, — האָט ער זיך אָנגערופֿן צום פֿריקאַזשטשיק, ניט אומקוקנדיק זיך צו אים. דער פֿריקאַזשטשיק איז געשטאַנען א פֿאַרציטערטער. ס'האָט זיך געפֿילט, אַז ער האָט ניט קײן קױעך א טראָט צו מאַכן... מיט א פֿאַרענדערטער שטים האָט ער א שטאַמל געגעבן:

— אָבער... פֿאַרװאָס קען ער... אַזוי... אַזוי... ניט?

הערמאַן האָט אָנגעשטרענגט זיך אומגעקוקט, הערהערנדיק די פֿאַרשטיקטע, שטאַמלענדיקע שטים. װאָס האָט אַזוינס געטראָפֿן מיט יאַשקען? װאָס זאָל באַטײַטן די טויט־בלאַסקײַט, דאָס ציטערן, די צעררודערטקײַט? הערמאַן איז געזעסן א דערשטױנטער, א פֿאַרכידעשטער.

— װאָס איז מיט דיר? ביסט קראַנק?

— יאָ, יאָ... יאָ... איך האָב זיך צוגעקילט... — האָט דער פֿריקאַזשטשיק אַרױסגעשטאַמלט, נאָר פֿאַרגעסן, אַז הײַנט איז געװען הײס דעם גאַנצן טאָג.

— פֿאַרקילט זיך? — האָט הערמאַן איבערגעפֿרעגט פֿאַרװוּנדערט. — אַזוי... נו, גײ־זשע אַהײם און שלאָף זיך אױס!

— אָבע... בע... בער... ביטע, עפּשער קאָ... קאָן איך... פֿאַרװאָס זאָל איך אַװעקגײן?..

— איך הײס דיר, דו זאָלסט אַרױסגײן! — האָט בײז א געשרײ געטאָן הערמאַן. ס'האָט אים דערעסן הערן די ציטערנדיקע שטים. דער פֿריקאַזשטשיק האָט אומרויק זיך אַרומגעקוקט און איז אַרױסגעגאַנגען.

דער פּריקאַזטשיק איז געשטאַנען לעבן טיש, און הערמאַן איז געזעסן אויסגעצויגן צו אים, מיט דער פּלייצע. דער פּריקאַזטשיק האָט ניט געוווּסט, פאַרוואָס הערמאַן האָט געהייסן אַרײַנרופן מאַטיען דעם ערשטן און וועגן וואָס וויל ער מיט אים ריידן.

— ער איז שוין אַרײַנגעקומען, דער פּרינציפּאַל, ער איז שוין אַרײַנגעקומען, דער אַלטער מאַטי.

— גוט, גוט, — האָט הערמאַן אַ בורטשע געטאָן, פאַרענדיקט די כעזשבוינעס און נאָכדעם זיך אויסגעצויגן צו מאַטיען.

— דאָס ביסטו הײַנט געווען אין גרוב, ווען מע האָט די ביינער געפונען? — האָט הערמאַן געפרעגט, גלײַך צוטרעטנדיק צום ענין.

— איך, — האָט מאַטי געענטפערט קורץ, ווי ער זאָל זיך די גאַנצע צײַט געווען ריכטן אויף אָט דער פראַגע.

— איך האָב געהערט... אַז דו האָסט האָרטן... האַ... דערציילט מענטשן, אַז קלוימערשט דו ווייסט, ווער ער איז גע־ווען?

הערמאַנס שטים איז עפּעס געווען אַן אומזיכערע, ער האָט געפילט, אַז עפּעס רודערט זיך בײַ אים אינעווייניק.

— איך ווייס. דאָס איז געווען דער אַרבעטער איוואַן פּיוטאָראַק, וועלכער איז פריער מיט אַ יאָר צוויי ערגעץ אַהינגעקומען, איבערגע־לאָזט אַ ווײַב מיט אַ קינד.

אַרויסריידנדיק מיט אַ פעסטער און שאַרפער שטים אָט די ווער־טער, האָט מאַטי זיך אַרומגעקוקט אויפן פּריקאַזטשיק. דער פּריקאַזטשיק האָט זיך געענדערט אין פּנים. — ער איז געשטאַנען ווײַס, ווי די וואַנט, די קני האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן, ס'האָט זיך געהאַקט, אַז אָט־אָט פאַלט ער אום.

— פונוואַנען ווייסטו עס? — האָט הערמאַן ווידער געפרעגט, צע־צויגן און גאַנץ רויק.

— איך האָב דערקענט דעם טויטנס לויטנס רינגל, וואָס בײַ אים אויפן פינגער.

— ווייסטו געוויס, אַז דאָס איז יענער איוואַן, קאָנסט געבן אַ שווּע וועגן דעם?

— איך קאָן הונדערט מאָל, ניט גאָר איין מאָל.

הערמאַן האָט זיך פאַרטראַכט. מאַטיעס זיכערקייט האָט אים אָנגע־הויבן אַרן. „ס'וועט אויסקומען זיך שלעפּן איבער די געריכטן, — האָט ער אַ קלער געטאָן צו זיך אליין. — וואָרום איז אַ מענטש אַרײַנגעפאַלן

— איז וואָס־זשע קומט אַרויס דערפונ, אַקעגנ וואָס האָסטו מיכ גע־פרעגט?

— אַזוי זיכ. זאָל דער הער מיר אַנטשולדיקנ. נאָר איכ האָב געמיינט...

— וואָס, וואָס?

— גאָרניט, גאָרניט! וואָס קאָנ איכ, נאַרישער קאָפּ, מיינענ? היסעכ, פּוסטע רייד. האָט קיינ פאַריבל, פּאַני!

מאַטי האָט זיכ איינגעהאָרבעט אונ איז אָפּגעגאַנגענ צו דער טיר, זיינ פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אומעט, פאַרזאָרגטקייט, אַנטוישונג. הערמאַנ האָט אים שוינ מער גאָרניט געפרעגט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער וועט קיינ וואָרט אים מער ניט זאָגנ. ער האָט ניט געוואָלט פאַטערנ קיינ צייט אונ זיכ גענומענ צום אויסצאָל...

— עפּעס האָט געמוזט טרעפנ אַזוינס מיט אונדזער באַלעבאָס, וואָס ער האָט פאַרגעסנ בא אונדז אַראָפּרייסנ א שושטקע[1] כאָטש...

— מיסטאָמע זאָרגט ער זיכ איבער די געפונענע ביינער, ס'קאָנ נאָכ אָנקומענ א קאָמיסיע, וועט ער האָבנ קאָפּדרייעניש, האָט ער שוינ אונדז ניט אינזינענ געהאַט.

— אונ עפּשער האָט דאָס זיידעלע זיינס עפּעס אים געזאָגט אַזוינס? ער איז געקומענ צו לויפנ צו אים היינט גאַנצפרי אינ איינ אָטעמ.

אַזוי האָבנ געשמועסט די ריפּניקעס צווישנ זיכ, צעגייענדיק זיכ אַהיימ אָדער אינ די שענקענ. אַזאַ גליקלעכנ אָוונט האָבנ זיי שוינ לאַנג ניט געהאַט אונ זיי האָבנ נאָר פונעם מויל ניט אַרויסגעלאָזט דעמ באַלעבאָס גוטסקייט. אפילע יענע ריפּניקעס, וועמענ הערמאַנ האָט געהאַט געדראָט, אַז ער וועט עפּעס אַראָפּרעכענענ פונ זייער פאַרדינסט, זיינענ אַרויסגעגאַנגענ פונ קאָנטאָר פאַרוווּנדערטע אונ צופרידענע — וועגנ אַראָפּרעכענענ איז אפילע קיינ רייד ניט געווענ. אייניקע ריפּניקעס האָבנ גלייכ נאָכנ אויסצאָל זיכ אַוועקגעלאָזט זוכנ מאַטיענ, גענומענ זיכ דערפרעגנ אַפּ אימ, נאָר ער איז אינערגעץ ניט געווענ, — קיינער האָט ניט געוווּסט, וווּהינ ער איז אַהינגעקומענ. אונ וועגנ דעמ פּרי־קאַזטשיק האָט מענ אויכ ניט אויפגעהערט צו ריידנ. אַלע האָבנ געזענ, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגענ פונ הערמאַנס „קאַנצעליאַריע" א בלאַסער, א ציטערנדיקער, א פאַרענטערטער, זיכ אַרומגעקוקט אַרומ, זיכ אָפּ־געשטעלט אַלע ווײַלע, זיכ אַוועקגעשלעפּט מיט דער גאַס אַהיימ. וואָס זאָל דאָס הייסנ? וואָס אַזוינס האָט געטראָפנ? — האָבנ די ריפּניקעס

---

[1] שושטקע — א מאַטבייע, בא א 10 קאָפּיקעס.

מאטי האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צום גאַנצן געשפרעך, אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך יעטווידער באַוועגונג, נאָך יעטווידן קער פונעם פּריקאַזטשיק. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן וואָס אַמאָל אָנגעשטרענג־טער, וואָס אַמאָל פינצטערער.

— נו, ווילסט מיך עפּעס פרעגן? רעד! — האָט הערמאַן געזאָגט, ווען דער פּריקאַזטשיק איז ארויסגעגאַנגען.

מאַטי איז צוגעגאַנגען נעענטער און זיך אָנגערופן מיט א פּאַר־שטיקטער שטים:

— איך וואָלט געוואָלט, דער הער זאָל א קוק טון אינעם קאָנטע־בוך, וויאַזוי איז דאָרטן פאַרשריבן, ביז ווען האָט איוואַן פּיוטראָק געאַרבעט בײַם הער?

— אַפ וואָס דאַרפסטו עס וויסן? — האָט הערמאַן געפרעגט פאַר־בידעשט.

— אַזוי זיך, איך בעט אײַך.

הערמאַן האָט אַרײַנגעקוקט אינעם הויפּט־זשורנאַל און אינעם אַרבעטער־קאַטאַלאָג.

— ביז האַרבסט, ביז... וואַרט נאָר אויס. וואַרט נאָר אויס, ביז... א וואָך נאָך פּאָקראָווע־יאָנטעוו.

— ווי, ווי? — האָט זיך א כאַפּ געטאָן מאַטי. — א וואָך, זאָגט איר, נאָך פּאָקראָווע?

— יאָ, פּאָקראָווע איז געווען שאַבעס, אָט איז דאָ פאַרשריבן, און ער האָט נאָך דעם צווייטן שאַבעס באַקומען אַרבעטלוין פאַר א גאַנצן קוואַרטל, 75 רייניש.

— באַקומען אַרבעטלוין? — האָט מאַטי אויסגעשריגן, נאָר גלײַך זיך באַרויִקט און געזאָגט שוין שטילער: — הם, א וואָך נאָך פּאָקראָ־ווע! און איך האָב אים אין יענעם פּאָקראָווע דאָס לעצטע מאָל געזען.

— ווו?

— אין טראַקטיר, בײַ קירניצקין, ווען ער האָט אויסגעטרונקען מיט... מיט איינעם א מענטשן.

— מיט וועמען?

— אָט דאָס האָב איך פאַרגעסן... אָבער וואָס זאָל דאָס באַטײַטן, פאַרפאַלן! שיקערע ריפּניקעס האָבן מיך דערמלט געהאַט א ביסל צענע־ריקט, בין איך אָפּגעלעגן א וואָכן צוויי אָן באַוווסטזײַן. דערנאָכדעם דערציילט מען מיר, אַז איוואַן איז ניט געוואָרן, ער איז ערגעץ אוועק־געגאַנגען, דערציילט מען מיר, אין דער וועלט אַרײַן.

— צו וואָס? ער איז אַזוי אויכ אויסגעמאַטערט, זאָל ער זיכ אויסרוען. און אויבּ ער וועט זיכ בּאַנאַכט אויפכאַפּנ און וועלנ עסנ, ווײַל איכ עפּעס-וואָס צוגרייטנ.

— נו, זאָל זײַנ אַזוי! — האָט הערמאַנ געזאָגט און איז אַוועק עסנ אָוונט-בּרויט, אַלצ נאָכ טראַכטנדיק וועגנ דעם, וואָס איז אַזוינס מיט אים געוואָרנ און וואָס זאָל ער טונ.

IV

נאַכט. די שטערנ בּרענענ און מינטנ זיכ איבּערנ שלאָפנדיקנ בּאָריסלאַוו. קאַלט. די לופט איז געוואָרנ רייניער, לויטערער, אַפ די ווײַטע טוסטאַניוויער וויהאָנעס האָט זיכ אַוועקגעלייגט אַ נעפּל. די בּערג דרימלענ אינ שאָטנ. דורכ דער דערהויבּענער שטילקײַט, וועלכע ווערט ניט איבּערגעריסנ פונעם געפּילדער פונ מענטשלעכנ אומגליק און מענטשלעכער דערנידעריקונג, איז צו הערנ בּלויז טויבּע, אומקלאָרע אויסבּרוכנ פונ עפּעס אַ טיפנ, געהיימניספולנ רויש, ווי דאָס אָטעמענ פונ דער שלאָפנדיקער נאַטור.

הערמאַנ איז געשלאָפנ מיט אַ האַרטנ שלאָפ, פאַרוויגט ניט אַזוי פונ רויִקע געדאַנקענ אָדער פונ דער מידקײַט פונ דער טאָג-האָרעוואַניע, נאָר גיכער פונ דער זאַטער וועטשערע, וועלכע ער האָט פאַרגאָסנ מיט אַ היפּשער פּאָרציע פאַרשלעפערנדיקע געטראַנקענ. הערמאַנ האָט ניט ליבּ געהאַט זיכ אָנטרינקענ, נאָר הײַנט פונדעסטוועגנ האָט ער בּאַדאַרפט זיכ אונטערקרעפטיקנ, געדאַרפט אויסטרינקענ פאַרנ גליקלעכנ געפינס, פאַר דער נײַער מאַטקע און, אַגעוו, געדאַרפט „פאַרשלעפערנ דאָס ווערעמל", וואָס האָט אים אָנ אויפהער געטאָטשעט, אָנ אויפהער געפרעסנ זײַנ רו. זעצנדיק זיכ צו דער וועטשערע, האָט ער דערפילט אַזאַ דורשט, אַז ס'איז אים געווענ שווער אויסוואַרטנ, בּיז די דינסט וועט אים דערלאַנגענ דעם ווײַנ און דעם ליקער, וואָס מע האָט בּאַצײַטנס געבּראַכט פאַר זײַנעטוועגנ פונ דראָהאָבּיטש. וואָס מער הערמאַנ האָט געטרונקענ, אַלצ האַסטיקער האָבּנ זיכ אינ אים צעשפּילט די געפילנ, אַלצ געשווינדער האָבּנ געיאָגט די געדאַנקענ, אַלצ מער האָט ער געלעכצט זיכ פאַרגעסנ, צעשווומענ ווערנ אינ גאָרניט, נאָר אַזוי, אַז דאָס צעשווומענ ווערנ זאָל זײַנ ליבּ, גלאַט, גרינג... זײַנ פּאָנעם האָט זיכ אָנגעגאָסנ מיט בּלוט, די אויגנ האָבּנ געבּלישטשעט, די הענט האָבּנ זיכ געטרייסלט אַפּנ טיש, דער צונג האָט גענומענ פּלאַפּלענ עפּעס אָנ געדאַנק און אָנ זינענ. די דינסט האָט קוים מיט מאַטערניש

געפרעגט איינער באַם צווייטנ און זיכ געבראָכנ די קעפ, נאָר קיינער האָט גענוי גאָרניט געקאָנט זאָגנ.

און ווירקלעכ מאַקע, אויסערלעכ האָט זיכ געקאָנט אויסווײַזנ, אַ הערמאַנ איז געוואָרנ גוטמוטיק, כאָטש, זאָג איכ, בלויז לויטנ אויסעלעכנ אויסזענ. ווער ס'וואָלט זיכ בעסער צוגעקוקט צו זײַנע באַוועגונגענ, צום אויסדרוק פונ זײַנ פּאָנעמ און צו זײַנ האַלטנ זיכ בײַם דעם אוסצאָל, דער וואָלט געקאָנט באַמערקנ וואָס איר ווילט, נאָר ווייניקער פונ אַלצ גוטמוטיקײַט. ניינ, דאָס איז ניט געווענ קיינ גוטמוטיקײַט! אָט די פאַרטעמפּטקײַט און צעטראָגנקײַט, אָט די אומזיכערע באַוועגונגענ, אָט דאָס אָפטע מינענ זיכ פונ זײַנ פּאָנעמ, אָט דאָס ציטערנ פונ זײַנע הענט, אָט דער מערקבאַרער געראַנגל מיט זיכ אַליינ, די פאַרעפּלטע אויגנ, די אָנשטרענגונג פונעמ גאַנצנ קערפּער, אָט די געפאַלענע, אָפּגעהאַקטע שטימ, — דאָס אַלצ האָט באַטײַט עפּעס אַנדערש, ניט קיינ גוטמוטיקײַט. עפּעס טונקעלע געפילנ האָבנ זיכ געשטויסנ אינ הערמאַנס האַרצנ, זיכ געקנוילט און געריסנ זיכ אַפ אויסנ, אונטערגעבראָכנ זײַנ קראַפט און שטאָלצ, און הערמאַנ האָט ווי ווײַט מעגלעכ זיי דערשטיקט, אײַנגעהאַלטנ, ניט געלאָזט זיי, זיי זאָלנ אימ באַהערשנ. ער האָט נאָכ אַליינ ניט געווּסט קלאָר, וואָס קוועטשט אימ, וואָס ווילט זיכ אימ, נאָר ער האָט געפילט עפּעס אַנ אומרויִקײַט פאַר אַלצ און פאַר יעדנ. באַזונדערס האָט אימ געשראָקנ די אָנקומענדיקע נאַכט — עפּעס אַ שטימ האָט אימ אײַנגערוימט, אַז זי וועט אימ קיינ גוטס ניט ברענגענ.

— טפו, אָט אַנ אומגליק! — האָט הערמאַנ געשעפּטשעט צו זיכ אַליינ, ווענ דער אויסצאָל האָט זיכ פאַרענדיקט און די אַרבעטער זײַנענ זיכ צעגאַנגענ, — עפּעס פיל איכ מיכ שוואַכ, אַפּאָנעמ ס'האַלט ניט גוט מיט מיר! מע דאַרפ מאָרגנ זיכ אומקערנ קיינ דוואָהאָביטש, ווײַל דאָ אינ דער פאַרשאָלטענער גרוב וועל איכ ניט אויסהאַלטנ. דאָ אַפ יעדנ טראָט שטייט דיר עפּעס אַ מויִעסקײַט פאַר די אויגנ! נאָר הער רועכ זאָל עס נעמענ! פאַרוואָס ערגערט מיכ הײַנט אַלצדינג, הערגייט מיר צום האַרצנ? אַפּאָנעמ, אַז איכ בינ שלאָפ! מע וועט דאַרפנ גלײַכ מאָרגנ אַרײַנגיינ צו אַ דאָקטער, דאָס איז די איינציקע אייצע!

די דינסט איז אַרײַנגעקומענ און אימ גערופנ עסנ וועטשערע. הערמאַנ האָט זיכ דערפרעגט, וואָס מאַכט נאָטליב.

— ער שלאָפט, פונ נאָכנ מיטיק אָנ האָט ער זיכ ניט אויפגעכאַפּט.

— עפּשער אימ אויפוועקנ צו דער וועטשערע? — האָט הערמאַנ געפרעגט.

אינ מײַנע אָרעמס, גיב זיכ מיר אָפּ אינגאנצנ, אפּ אײביק! איכ בינ א שטארקער, א יונגער, א ווילער! איכ וויל לעבנ, ליב האָבנ, איכ וויל לוקסוס, רו, דופט, פארגעניגנ! קומ צו מיר — איכ בינ דײַנער אפּ אײביק!

ס'ארא גרינגער, ס'אחא פרײַער איז הערמאנ! מיט וואָסער א זיסער, ווונדערלעכער, נאָר שטארקער שטימ האָט ער אויסגערופנ אָט די ליד, אָט דעמ שפּרוכ! הערט אויס! איר, וועלדלעכ, געדיכטע וועלדער, טײַכנ אונ בערג, אונ הימל בלויער, אונ בלומענ דופטיקע, — אלע, אלע די נאטור, קלינגט, רוישט מיטנ אָפּהילכ פונ זײַנ ליד! ס'אחא כנעם גיסט זיכ פונ יעטווידער וואָרט, פונ יעטווידנ טאָנ! ווי פרעכטיק אָטעמט זיכ דאָ, — נײַנ, דער פראכט גיסט זיכ ארײַנ כוואליעסווײַז אינ זײַנ ברוסט, פארברײטערט זי אָנ א ברעג... ער האָט אויסגעשפּרײט די הענט ברײט-ברײט איבער דער אומגעגנט. ער האָט גענומענ פליענ איבער איר, ווי א ריזיקער אָדלער, אונ מיט אימ צוזאמענ ראשט די גאנצע נאטור:

— גליק, איכ בינ דײַנער, איכ בינ א שטארקער, א יונגער, א ווילער, — איכ וויל לעבנ, ליב האָבנ, איכ וויל לוקסוס, רו אונ פארגעניגנ! גליק. קומ אינ מײַנע אָרעמס! גליק, גיב זיכ אָפּ, גיב זיכ מיר אָפּ!

א ברעגלאָזע, ריזיקע קראפט פילט אינ זיכ הערמאנ! ער האָט ארײַנגענומענ אינ די אָרעמס די גאנצע אומגעגנט פונ אײנ ראנד ביזנ צווײטנ. מיט דער ברוסט צוגעפאלנ צו איר פרעכטיקער ברוסט אונ הערט דאָס קלאפּנ פונעמ הארצנ אינ איר טיפ. דאָס איז עס זי אלײנ, אָט דאָס גליק, אונ ער ווונדערט זיכ, וויאזוי האָט ער עס פריער ניט געוווּסט. ער, א שיקערער פונ לוקסוס, טוליעט צו די געליבטע צומ הארצנ, צערטלט זי, גיסט זיכ אָנ מיט איר ווארעמקײַט, מיט איר קראפט, שפּיגלט זיכ אינ איר, ווי אינ א שפּילעכל, טוט טפילע צו איר, ווי צו א גאָט! זי איז פאר אימ אלצ, — מער דארפ ער גאָרניט, באהערשנדיק זי, קײנ שומ זאכ קאָנ ניט צעשײדנ אימ מיט איר. מיט א געטלעכנ שמײכל אפנ פּאָנעמ קוקט זי אימ אינ די אויגנ, ווערט צערונענ אינ זײַנע פײַערדיקע אָרעמס, ווערט אָפּגעשוואכט, וועלקט, צעגײט... דאָס איז פאראָקסיזמ פונ ליבע-לוקסוס, דאָס איז דער זעניט פונ גליק אפילע פארנ גליק אלײנ!..

— טײַערע, דו ביסט א געטנ!.. ביסט דער אײביקער אומשטערבלעכער עמעס!

אים אריינגעפירט צו אים אין קאבינעט, ווו זי האָט אים שוין באַ־
צײַטנס צוגעגרייט זײַן געלעגער. פאַרהריזנעט ווערנדיק אין די ווייכע
קישנס, האָט הערמאַן א ווײַלע נאָך זיך געדרייט, געפּלאָפּלט, געפּרווּוט
זיך אפילע צו טראַכטן, נאָר אין קאָפּ בײַ אים האָט זיך אלצדינג צו־
נויפגעמישט, אלצ האָט ערגעצ געיאָגט און געשטויסן זיך, ווי א וואַ־
סער־שטראָם, וועגן מע הייבט אוף מיטאמאָל אלע שילדן אין זאסאַווו־
קעס. אין א מינוט ארום איז ער אנשטילט געוואָרן און איינגעשלאָפן
מיט א שווערן שלאָף.

נאָר ניין! ווער האָט עס געזאָגט, אז הערמאַן שלאָפט, אז הערמאַן
איז שיקער? ניין, ער איז אבסאָליוט ניט שיקער, ער שלאָפט ניט!
מעגלעך, אז אמאָל... ער געדענקט אפילע, אז ס'איז געווען אזא
אָוונט, — ער האָט געטרונקען אסאך, זיך אָנגעגאָסן מיט היץ און איז
שווער געוואָרן. איצטער אָבער איז ער א גרינגער, אזא גרינגער, אז
ער וואָלט אוועקגעפליגן ערגעצ אין דער ווײַט, אין יענער בלויער,
שמייכלענדיקער האַכוועס, וואָס שוועבט אזוי מילד איבער אים! ער
איז איצטער גליקלעך, איינגאַנצן גליקלעך, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן
ניט! ארום אים איז גרינס, קווייטן, קרישטאָלענע וואסערן, רווישנדיקע
וועלדלעך — און דער ווײַט מערקן זיך פאַנטאַסטישע קאָנטורן פון
ראַזעווע פעלדזן, — אָך, דאָס איז ניט באַריסלאַוו, דאָס איז ניט דער
פאַרשאָלטענער לאָקער, וואָס האָט אים געוואָרגן מיט פוילער לופט
און שטיקנדיקן נעפּל. דאָ איז ריין, לויטער, פריילעך, — אך, ווי פריי־
לעך! הערמאַן אָטעמט אײַן מיט דער פולער ברוסט. מיט גרינגע שפּרונ־
גען, ווי א אינגל, שפּאַצירט ער זיך איבער די בלימלדיקע לאָנקעס,
טאָפּטשעט די דופטיקע בלומען, וואָס פונעם טאָפּטשען הייבן זיי אָן
נאָך בעסער שמעקן און קלינגען, — אזוי מילד, אזוי זיס קלינגען זיי,
אז ס'פארכאפּט אזש באַם הארצן. ווו איז ער... ווו האָט ער געהערט
די דאָזיקע קלאַנגען? ער קאָן זיך ניט דערמאָנען.

— גליק, דאָס זײַנען דײַנע קלאַנגען. דײַן גערוך, דײַן בליק אינעם
גרינס, אין אָט העם ריינעם הימל־בלוי, אין אָט די וווּנדערלעכע בערג,
שטראָמען, וועלדער! גליק, דו ביסט מײַנס! דו האָסט זיך מיר אָפּ־
געגעבן, ווי א געליבטע דעם געליבטן אירן, דו האָסט פאר מיר אָפּ־
געהעקט דײַן פּאָנעם, מיר דערלאַנגט דײַן האַנט, איך האַלט דיך
פעסט, פעסט! איך הערקען דיך, איך הער דעם אָטעם דײַנעם טיף אין
הארצן, איך פיל, ווי עס צעוואַרעמט זיך מײַן בלוט און קלינגענדיק, ווי
זילבער, לויפן לויטערע שטראָמעלעך איבער מײַנע אָדערן! גליק, קום

נאָר אינ אָט דער מינוט האָט ווידער א ווייע געטאָנ מיט קעלט, — מיט א שארפער, בריִענדיקער קעלט, און ער האָט א צאפּל געטאָנ. אָנשטאָט דער אייביק-יונגער געטנ האָט ער דערזענ א שווארצנ, שרעקלעכנ מעס! ער האָט געפילט, אז א שרעקלעכער פייער ברענט אינ זײַנ בלוט, צעשפּארט אימ די ברוסט, נאָר ארומ-אונ-ארומ איז אלצ געווענ קאלט, העסלעכ, טויט...

— גליק, גליק, ווו ביסטו? — האָט ער א רופ געטאָנ אינ גרויסנ אומרו און פארצווייפלונג. קיינער האָט ניט געענטפערט.

— הא, דו האָסט מיכ אוועקגעוואָרפנ, דו האָסט זיכ אָפּגעקערט פונ מיר, — האָט ער א געשריי געגעבנ. — וואַרט אויס, וועסט פונ מיר ניט אוועק! איכ בינ א שטארקער, בא מיר אינ בלוט זײַנענ פאראנ גאנצע ווולקאנענ פייער, איכ בינ אימשטאנד דעריאָגנ, כאפּנ דיכ! דו וועסט פונ מיר ניט אוועק, ניינ, אינ קיינ פאל ניט!

אונ ער לאָזט זיכ יאָגנ ערגעצ אינ דער פינצטערער ווײַט, ער זעט ניט וווהינ אונ נאָכ וואָס. זײַנ קראפט וואקסט, אָבער ער פילט, אז ער פארמאָגט שוינ ניט די פריִערדיקע לײַכטקײַט. ער קאָנ ניט קיינ פלי טונ פרײַ ארופ, ווי אנ אָדלער, ער קאָנ ניט מיט קיינ לויטערנ בליק אויסקוקנ די גאנצע וועלט, ער זאָל דערזענ, וווהינ דאָס גליק האָט זיכ אהינגעטאָנ. זײַנ הייסער, שווערער אָטעמ טראָגט זיכ פאָרויס אימ, ווי א כמארע, אונ פארטונקלט אימ זײַנ בליק. זײַנע שטארקע אײַזערנע מוסקולנ ווערנ שלאפעריק, ווערנ געווײנלעכ מענטשלעכ לײַב, כאָטש קיינ מידקײַט פילט ער נאָכ ניט אינ זיי. ער פליט אָנ אָפּשטעל. די אומגעגנט שווינדלט פאר זײַנע אויגנ, די טײַכנ גלאנצנ, ווי פערלדיקע שנורנ, וועלכע באצירנ די ערד, אָבער זיי שטעלנ אימ ניט אָפּ אינ זײַנ ווילדנ געלויפ.

— גליק, ווו ביסטו? ווו האָסטו זיכ באהאלטנ? דו האָסט זיכ דאָכ מיר געהאט אָפּגעגעבנ, דו ביסט מײַנס?.. — שרײַט ער, אָבער קיינ ענטפער איז ניטאָ.

א נעפּל — ער וואַרפט זיכ אינעמ נעפּל, ווי א בליצ, א קעלט — ער צעגליט מיט זײַנ פײַער אלצ ארומ, ווי מיט אָנגעגליט אײַזנ. די ביימער בייגנ זיכ, ווו נאָר ער גייט אדורכ, עס וועלקנ די גראָזנ, די בלומענ ברענענ איבער אפ קויל. נאָר ער פרעגט ניט, — ער פליט ווײַטער, ער ווייסט, אז ער מוז דעריאָגנ דאָס גליק!

— שטייט, איר מאָרנע מיראזשנ! — שרײַט ער, ארויסשלאָגנדיק

ס׳ארא שמייכל, ס׳ארא שמילע שטיט, א פרעכטיקע:

— יאָ, איכ בינ א געטנ, איכ בינ אייביק, אומשטערבלעכ, איכ בינ דיינע.

מיט וואָס פאר א היצ דריקט צו הערמאנ צו זיכ די אומשטערבלעכע געליבטע! מיט וואָס פאר א קראפט, מיט וואָס פאר א דורשט טרינקט ער אירע פייערדיקע קושנ! מערער היצ! מערער פייער! מערער לוקסוס! אזא מינוט איז אנ אייביקייט! נאָכ, נאָכ!.. ער פארלירט דעמ באוווסטזיינ, — די היצ באקעמפט אימ, קייקלט זיכ, ווי שטראָמענ לאווע, איבער זיינע אָדערנ, לאָזט אימ ניט אָטעמענ, לאָזט אימ ניט טראכטנ. ער איינגאנצנ איז הוילער געפיל, אונ די אויגנ האָט ער פארשמורעט, ער זאָל נאָכ פולער, ברעגלאָזער אריינגיסנ אינ זיכ דעמ פראכט אינ אלע זיינע אייווורים.

אונ זי צעגייט, ווערט אָפגעשוואכט, וועלקט אינ זיינע אָרעמס. דופטיקע בלומענ זיינענ פארוועלקט געוואָרנ, די שטראָמענ האָבנ אויסגעטריקנט, געוואָרנ טריב, ווי פונ דער היצ. נאָר ער זעט עס ניט, פילט עס ניט, — ער פילט בלויז איינס, אז דאָס פייער, די קראפט, די לעבהאפטיקייט שטארקט זיכ וואָסאמאָל, וואקסט, פארמעסט זיכ אונ גייט איבער פונ איר צו אימ. אונ וואָס קרעפטיקער ס׳ווערנ זיינע מוסקולנ, וואָס געשווינדער דאָס בלוט פליסט אינ זיינע אָדערנ, אלצ שטארקער ווערט זיינ אומארמענ, זיינע קושנ, אלצ מער פייער פארכאפט זיינ גאנצנ וועזנ.

— דו ביסט אייביק, אומשטערבלעכ, דו ביסט מיינע! — שעפטשעט ער.

אונ זי צעגייט, ווערט אָפגעשוואכט, וועלקט אינ זיינע אָרעמס. ניטאָ שוינ קיינ קויכעס אפ ארויסריידנ א וואָרט, ניטאָ שוינ קיינ קויכעס אפ א שמייכל טונ. שוואכ, זיס אָטעמט זי נאָר אינ זיינע אָרעמס — וואָס אמאָל שוואכער, וואָס אמאָל לאנגזאמער. די ראָזעווע בערג זיינענ שווארצ געוואָרנ, ווי קויל, דער לויטערער בלויער הימל איז טונקל געוואָרנ, בלאס, שווארצ, — דאָס לאנד פונ גליק איז פארשווונדנ געוואָרנ, ווי א כמארע, ווי א מיראזש. פאוואָליע-פאוואָליע האָט א גרויער נעפל, א שטיקנדיקער, א געדיכטער גענומענ זיכ אויסשפרייטנ ארומ. ס׳האָט א ווייע געטאָנ מיט קעלט, אונ דער ערשטער קאלטער בלאָז האָט פארנומענ מיט זיכ די לעצטע שפורנ פונעמ גליק. הערמאנ איז נאָכ געלעגנ פארטראָגנ...

— ליבע, ליבע, דו ביסט מיינע, עמעס? — האָט ער געשעפטשעט,

א פארהוילענע האנט. ער איילט זיכ צום שאָטנ, וואָס דערמאנט אזוי פיל וועגנ אָפרו, עס נארט אימ צו זיכ הער געפלעטער!

אָט איז ער שוינ אונטער א פאלמע אינ הער קיל, לעבנ א לעבעדיק-זשומענדיקנ קוואל.

נאָר מיטאמאָל — א גרינגינקער שאָרכ, אינעם טונקעלנ גרינס האָט א שווינדל געטאָנ א פילקאָליריקער בליצ, — הערמאנ האָט בלויז דערפילט, אז עס האָט אימ אינ איינ אויגנבליק אומגעוואָלגערט אפ דער ערד. ער האָט א צאפל געטאָנ פונ שרעק און פונ ווייטעק. א מינוט צייט האָט ער ניט געוווסט, וואָס מיט אימ האָט געטראָפנ. נאָר ווענ ער האָט זיכ ארומגעקוקט, האָט ער דערזענ, אז א שרעקלעכער שלאנג, יענער טאקע boa constrictor, וועלכער איז געווענ בא אימ אנגעמאָלט און וואָס ניט איינ מאָל האָט ער מיט פארגעניגנ זיכ צוגעקוקט צו אימ, אָט דער שלאנג האָט אימ פארקלעמט מיט זיינע שטארקע, אייזערנע רינגענ. אכ, וואָס האָט ער אָפגעטאָנ! צוליב וואָס האָט ער זיכ געשטעלט אינעם פארשאָלטענעם שאָטנ?.. הערמאנ האָט דערפילט, אז דער טויט זיינער איז נאָענט. מיט גיכע באוועגונגענ האָט הער שלאנג זיכ ארומגעוויקלט ארומ אימ און איינצייטיק אימ צוגעפרעסט צומ שטאמ פונ דער פאלמע. די קעלט פונעמ שלאנגס קערפער האָט אימ דורכגענומענ ביז די ביינער, פארגליווערט די דרייסטקייט און די קראפט, — ער האָט ניט געקאָנט גיט קיינ געשריי טונ, ניט אנטלויפנ, ניט שטיצנ זיכ. זיינע פיס זיינענ שוינ געווענ פארפענטעט און צונויפגעדריקט, ווי מיט קלאמערנ. די רינגענ זיינענ שוינ דערגאנגענ ביז צומ ברוסטקאסטנ, ביז צום האלדז. הערמאנענ פארכאפט דער אָטעמ אינ דער ברוסט, — ער פילט, אז דער שלאנג האָט אימ שוינ אינגאנצנ ארומגעוויקלט, ער זעט דעמ קאָפ זיינעמ. זיינע שרעקלעכע, מיט דעמאָנישנ גלאנצ שאָדנפריידיקע אויגנ זיינענ שוינ פונקט אנטקעגנ זיינ פּאָנעמ, — זייערע בליקנ האָבנ זיכ באגעגנט, און הערמאנ איז פארשטאָרבנ געוואָרנ. ווי מיט אייזיקע מעסערס האָט ער ארייננגעשטאָכנ אימ אינ הארצנ זיינ שלאנגישנ בליק! אָט צעעפנט זיכ דער פיסק פונעמ שלאנג ברייט-ברייט, ווי א בלוטיקער אָפגרונט. הערמאנ זעט, ווי אונטער דער פינקלענדיקער ליסקע קאָרטשענ די אייזערנע מוסקולנ פונעמ שלאנג, קעדיי דאָס לעצטע מאָל פארקלאמערנ זיינ קאָרבנ, צעברעכנ אימ די ביינער. ער פילט א שרעקלעכנ דריק, א שוידערלעכנ ווייטעק... זיינע אויגנ קריכנ ארויס, האָס אָפענע מויל כריפעט, דער קערפער ווערט קאלט און שטארבט אָפ.

זיכ פונ די קויכעס. די היצ זײַנע האָט גענומענ זיכ אָפקילנ, אינעמ קערפער פילט זיכ מידקײַט, אינעמ בלוט א קעלט.

— גליק, שטיי! ביסט דאָכ מײַנס!

אונ ס'האָט זיכ אָפגעשטעלט. פונ דער געדיכטער געדאנקענ־פאר־נעפלטקײַט שווימט ארויס א לאנד — א גוט לאנד, א פינקלענדיקס, א גרינס. ווו האָט ער עס געזענ אזא לאנד? דאָס איז ניט דאָס אָרט, ווו ס'האָט פריער געשײַנט זײַנ גליק. דאָס איז ניט יענע טײַערע, ליבע לויטערקײַט, דאָס איז ניט יענער בלויער הימל, ניט יענע ראָזעווע בערג, ניט יענע דופטיקע בלומענ. דאָ איז דער הימל א ברענענדיקער, א רויטער, ווי דער אָפגלאנצ פונ א ברענגלאָזער סרייפע. דאָ זײַנענ קיינ בערג ניטאָ, דאָ איז בלויז א יאמ פונ טונקלענ גרינס, הארטנ, שארפנ, אונ דער ברעג פונ אָט דעמ יאמ איז די געדיכטע פארנעפלט־קײַט, וואָס טראָגט זיכ ווי א כמארע, איבערנ וואלד פונ הויכער, בויגיקער באָטווינע. דאָ זײַנענ קיינ וועלדער ניטאָ, בלויז באזונדערע גרופּעס הויכע, שלאנקע פאלמעס מיט גרויס־בלעטערדיקע קרוינענ, וואָס פאָכנ אינדערלופטנ, ווי פליגלענ פונ א ווינטמיל. אונ קיינ זילבער־נע ריטשקעס זײַנענ דאָ ניטאָ, נאָר ווײַט ערגעצ איז צו הערנ דעמ רויש פונ א וואסערפאל, אונ אינ דער געדיכטער באָטווינע ברומענ טיג־רענ, רעווענ נאָזהאָרנס. ווו האָט ער עס געזענ, ווו האָט ער עס געזענ אָט דעמ קאנט? פארוואָס זעט ער אימ אויס צו זײַנ אזוי באקאנט? פארוואָס נעמט אימ אָנ עפעס א טרויער, ווענ ער טרעט איבער אָט דער ברענענדיקער ערד, איבער אָט די שארפע, שטעכיקע בלעטער? אונ קיינ שומ דופט פילט מענ ניט, בלויז א פײַכטנ גערוכ פונ פויל־קײַט. ווו געפינט ער זיכ? וווּהינ האָט אימ פארטראָגנ דער ווילדער געיאָג נאָכנ גליק?

מיט אומרויִקע ציטערנדיקע פיס האָט ער געמאכט עטלעכע שפאנ פאָרויס! שא! א שורשע אינעמ הויכנ גראָז! דאָס האָט א טשערעפּע אינדנ זיכ איבערגעשראָקנ פאר אימ, זיכ א ריס געטאָנ, אוועקגעלאָפנ ווײַטער אונ פארשווונדנ געוואָרנ. נאָר הערמאנ טראכט שוינ ניט, וויל זיכ שוינ ניט דערמאנענ, ווו ער איז. עפעס א מאָדנע קראפט שטיקט זײַנע געדאנקענ. עס ברענט אימ עפעס א היצ, ווי עמעצער זאָל מיט פײַער ארומלייגנ זײַנ לײַב, אונ אפנ שטערנ טרעט ארויס א קאלטער שווייס. ער אײַלט זיכ פאָרויס. אָט פארבעט אימ א גרופּע פאלמענ צו זיכ, צו איר שאָטנ, צו אירע גראָבע גרינע בלעטער, וואָס האלטנ זיכ אינ איינ וויגנ אָנ ווינט, ווי ריזיקע ווייערס, מיט וועלכע ס'פאָכעט

— וואָס טוסטו, אויסוואורף? — האָט הערמאַנ געפרעגט נאָכ א לאנגער פויזע. גאָטליב איז אלץ געלעגנ אפ דער ערד מיט צונויפגעפרעסטע ציינ, פונ צײַט צו צײַט אופגעציטערט פונ ווייטעק.

— וואָס טוסטו? — האָט הערמאַנ ווידעראמאָל געפרעגט מיט א טויבער, ציטערנדיקער שטימ. — וואָס ווילסטו?

— א בראָכ צו דיר, — האָט ארויסגעכריפעט דער אידיאָט. — געלט וויל איכ, גיב אהער!

— געלט ווילסטו? פארוואָס? אפ וואָס דארפסטו? מיט וואָס האָסטו פארדינט, איכ זאָל דיר געבנ געלט? האָסט זיכ געמאטערט צוליבנ געלט דאָס גאנצע לעבנ, אזויווי איכ? אונ איצטער נאָכ נעמסטו הארגענענ דעמ טאטנ, דו אויסוואורף אײנער!

— הא, איכ וועל דיכ נאָכ דערהארגענענ, דערהארגענענ, זאָלסט מאקע וויסנ, — האָט געכריפעט גאָטליב, שלאָגנדיק זיכ מיטנ צעבלוטיקטנ קאָפ אינעמ דיל. — גיב געלט, וועל איכ דיר שענקענ דאָס לעבנ, גיב אהער!

— הונט דו אײנער! — האָט הערמאַנ א געשריי געטאָנ אונ איז צו צו אימ נענטער. — האָסט נאָכ די האָזע צו דראָענ! שלאנג, זעסט דענ ניט, אז אינ אײנ מינוט קאָנ איכ דיכ צעקוועטשנ ווי א זשאבע! זאָל גאָטס קלאָלע פאלנ אפ דײַנ האנט, וועלכע האָט זיכ אופגעהויבנ אפנ טאטנ, זאָל זי ווערנ דאר, ווי א טרוקענע שטעכלקע!

גאָטליב האָט שרעקלעכ געכריפעט, — ער האָט געוואָלט זיכ אופשטעלנ אפ די פיס, נאָר ער איז ניט געווענ אימשטאנד. ער האָט א פאל געטאָנ צו הערמאַנס פיס. זײַנ פּאָנעמ איז געווענ טויט-בלאס, די האָר זײַנענ געווענ פארפאפט פונ בלוט, ער האָט געשריגנ פונ ווייטעק. אָט דער געשריי האָט הערמאַנענ דורכגענומענ אפ דורכ אונ דורכ, — ער האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ צומ זונ, געוואָלט אימ איבערבינדנ די וווּנד, נאָר גאָטליב האָט זיכ געוואלגערט אפנ דיל, געוואָרפנ זיכ אונ ניט געלאָזט, אז דער פאָטער זאָל זיכ צו אימ צורירנ.

— לאָז מיכ, לאָמיכ אויסגיינ! איכ וויל ניט, זאָלסט מיר העלפנ!

די דינסט איז ארײַנגעלאָפנ, די גוואלדנ האָבנ זי אופגעוועקט, זי איז געבליבנ שטײנ א פארשטײנערטע.

— וואָס שטייסטו, וואָס? — האָט הערמאַנ זיכ צעשריגנ אפ איר. — גיי העלפ מיר בינדנ דעמ מעשוגענעמ, ער וועט אָפגיינ מיט בלוט.

מיט גרויס מאטערניש האָט מענ מיט טיכלענ געבונדנ גאָטליבנ

— אָ, צאָרעס מײַנע! אומקומען! אזוי הײַנט איז מיר באַשערט אומ־צוקומען? גליק מײַנס, האָט האָסטו מיך אהערצו פאַרפירט?

דער האָזיקער געהאַנק האָט אים אַדורכגעשווינדלט אין קאָפּ אין יענער שרעקלעכער לעצטער מינוט. רויטע הערער האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זײַנע אויגן, וואָס זײַנען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט... נאָך אַ מינוט, נאָך איין דריק... נאָר ניין! הערמאַן האָט צונויפגענומען דאָס לעצטע ביסל קויכעס... ניין, צונויפגענומען ניט באַוואוסטזיניק, ווײַל די באַוואוסטזיניקייט איז פון אים אַנטלאָפן בײַם דער שרעקלעכער דריקונג. זײַן אָרגאַניזם אַליין האָט געמאַכט דעם לעצטן אָנשטרענג, — זיך אָנגעשטרענגט אזוי שטאַרק, מיטאַמאָל, אַז די רינגען האָבן נאָכ־געלאָזט, פּרט געמאַכט, זיך אַראָפּגערוקט, און הערמאַן, אַן אויסגעוואַק־סנער, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אָפּ די פיס, האַלטנדיק פאַרהדריקט אין די הענט — וואָס?.. וועמען?..

— אַ בראָך צו דיר! ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן... — האָט אַרויס־געבריפּעט איבער אים אַ בייזע, טויבע שטים.

נאָר הערמאַן האָט פון זײַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג נאָך ניט געקאָנט קומען צו זיך פונעם שלאָף, פון דעם דערשרעק און ווײַ־טעק. ער האָט מיט גאַנצן קויער אַ וואָרף געטאָן אַפּן דיל אָט דעם קאַלטן, זיך קנוילנדיקן, זיך קלאַמערדיקן קערפּער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן, ווי אַ ריזיקע מאַסע, ס'האָט אַ קרעכץ געגעבן, ווי אַ גוויסעסדיקער. די האָזיקע צוויי קלאַנ־גען, וואָס האָבן זיך דערהערט אײנצײַטיק, האָבן אויסגעניכטערט הער־מאַנען. ער איז געשווינד אופגעשפּרונגען פונעם בעט, אַ רײַב געטאָן אַ שוועבעלע אין דער וואַנט און אָנגעצונדן אַ ליכט. ס'אַראַ בילד האָט ער דערזען! אפן דיל איז געלעגן זײַן גאָטליב מיט אַ צעבלו־טיקטן קאָפּ, וועלכן ער האָט זיך צעקלאַפּט, פאַלנדיק פונעם בעט, פונ־וואַנען דער פאָטער האָט אים אַראָפּגעשלײַדערט. ער האָט זיך געדרייט און געקרעכצט פון שטאַרקן ווייטעק, נאָר אין די אויגן זײַנע איז נאָך געווען דאָס בייזע פײַערל און דער אידיאָטישער האַס, וואָס האָט גע־ברענט אין זיי נאָך פון באַטאָג, ווען ער איז געקומען צום פאָטער. הערמאַן איז געבליבן שטיין לעבן אים אַ געפּלעפּטער. ניטווילנדיק האָט ער געטאָפּט אַ קוק אין שפּיגל און, דערזעענדיק זיך, האָט ער זיך דערשראָקן. זײַן פּאָנעם איז געווען בלאָו פון דער שרעקלעכער דרי־קונג, די אויגן־ווײַסלעכער זײַנען געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט, — בלוט איז גערונען פונעם פּאָנעם, גאָטליב האָט עס צעדראַפּעט מיט די נעגל.

וואָרג אומגליקלעכ איבער מיר!.. אפ דיר, אפ דיר!.. איכ בינ דאָכ א שוואַכער מענטש, — אָנ דײַנ ווילנ וואָלט איכ גאָרנישט ניט געקאָנט טונ! דו האָסט אלצדינג דערלויבט, דו ביסט שולדיק אינ אלצדינג!..״

א שרעקלעכ אופגערעגטער האָט הערמאַנ געדראָט דעם הימל מיט די פויסטנ, — זיכ אנטשולדיקט פאַר אלצ, ווי א קינד, זיכ אנטשולדיקט פארנ לעצטנ קערנדל מענטשלעכנ כאַראַקטער, וואָס איז נאָכ געבליבנ אינ אימ ניט איבערגעבערנט פונעם גאָלד-פיבער. נאָר וואָס מער ער האָט זיכ אנטשולדיקט, אלצ מער האָט ער געשאָלטנ דעם הימל, אלצ שווערער איז אימ געוואָרנ. ער האָט ניט געקאָנט גלײַכ ארומנעמענ דעם גאַנצנ ענדלאָזנ אָפּגרונט פונ אומגליק, דערנידעריקונג אונ ווילדקײַט, אינ וועלכנ ער האָט זיכ מיטאַמאָל דערזענ. אליינ פאר זיכ האָט ער אופגעדעקט די גאַנצע מיִעסקײַט, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ פונ לאַנגאָנענ אינ זײַנ לעבנ. ערשט איצט האָט ער קלאָר דערזענ די סיבה פונ דעם אלצ, וואָס האָט אימ איצט געמאַטערט אונ געהיזעט. מיט פײַערדיקע, בריִעדיקע בוכשטאַבנ זײַנענ ארויסגעשווומענ די פאַרשריבענע בלאַ אימ אינ הארצנ אײביקע געזעצנ פונ ברידער-ליבע, ערלעכקײַט אונ גלײַכהײַט צווישנ אלע מענטשנ. ווי א גרענעצלאָזער פאָרוואורפ האָבנ פאַר אימ אָפּגעהילכט אלע געזעלשאפטלעכע וונדנ, אלע פענטעס אונ שווערקײַטנ פונעם מענטשלעכנ לעבנ, וועלכע ער האָט ביז איצטער אזוי ווײניק געפילט, ווענ וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט! „אונ דו אליינ האָסט מיטגעהאָלפנ פאַרגרעסערנ אָט די וונדנ, פאַרשווערנ דעם יאָכ, וואָס דריקט אפ דײַנע ברידער!״ דער געזעלשאפטלעכער קאַמפ, ווענ וועלכנ אײניקע רעדנ אויס גורעניש, אנדערע — צוליב אײגננוצ, דריטע — אויס האַס צו אלצ, וואָס איז מענטשלעכ, ערלעכ, נאַטירלעכ, — האָט זיכ געשטעלט איצט דאָס ערשטע מאָל פאָנעם-לעפאָנעם פאַר הערמאַנענ, אינ דער שרעקלעכער מינוט פונ דער גרעסטער גײַסטיקער אופרעגונג, פונעמ גרעסטנ אומרו, פונעמ שווערסטנ הארצלעכנ ווייטעק. איצטער ערשט האָט ער פאַרשטאַנענ קלאָר אלצ, וואָס ביז אהער האָט זיכ עס אימ פאָרגעשטעלט, ווי א פאַרנעפּלטער כאָלעמ. איצטער האָט ער פאַרשטאַנענ, פארוואָס זײַנ הארצ האָט זיכ ניט איינ מאָל פארקלעמט בעשאַס זײַנע גרעסטע ספּעקוליאַטיווע דערפאָלגנ, פארוואָס ס'האָט זיכ געלייגט אפ זײַנ הארצנ עפּעס א שווערקײַט, עפּעס אנ אומצופרידנקײַט יעדעס מאָל, ווענ באַם צערעכענענ זיכ מיט די ארבעטער פלעג ער אָפּרײַסנ פונ זייער נישטיקנ פאַרדינסט. איצטער ערשט האָט הערמאַנ פאַר-

די הענט און די פיס, אימ ארומגעוואשנ און איבערגעבונדנ די ווונד, אימ אוועקגעלייגט א מידנ, א הייזעריקנ, א קוימ-לעבעדיקנ אפנ בעט. א ווײַלע האָט ער נאָכ געשריגנ, נאָר אינגיכנ איז ער אנשלאָפנ גע-וואָרנ ביז-גאָר אנ אָפּגעשוואכטער.

די דינסט איז ארויסגעגאנגענ, געציטערט פונ שרעק און פונ כי-דעש, נית געקאָנט גאָר פארשטײנ, וואָס אזוינס איז פאָרגעקומענ צווישנ הערמאנענ און דעמ זונ.

הערמאנ איז געבליבנ אלײנ בא זיכ אינ קאבינעט.

אלצ, וואָס ס'האָט געשענ נאָכ זײַנ שרעקלעכנ אופכאפנ זיכ, האָט געדויערט אזוי קורצ, איז פאָרגעקומענ אזוי פלוצעמ, איז געווענ אזוי אויסערגעווײנלעכ, אומגעריכט, אומנאטירלעכ, אז הערמאנ איז א לאנגע צײַט געשטאנענ אינמיטנ קאבינעט, אנ אומבאוועגלעכער, אָנ אײנ קלאָרנ געדאנק אינ קאָפּ. ער האָט געוואָלט זיכ דערמאנענ, זיכ קלאָר מאכנ, וואָס אזוינס איז פאָרגעקומענ אינ מעשעכ פונ די עטלעכע מינוט, נאָר ער איז געקומענ צו זיכ אזוי לאנגזאמ, אז זענדיק אימ שטײנ אינ פארלויפ פונ א לאנגער צײַט, האָט מענ געקאָנט מײנענ, אז דאָס איז א שטײנערנע סטאטוע, נית קײנ לעבעדיקער מענטש.

פאמעלעכנ איז הערמאנענ קלאָר געוואָרנ די גאנצע געשעעניש — ער האָט דערזענ די שרעקלעכע נאקעטע ווירקלעכקײַט. „מײַנ זונ וויל הער ערשטער זענ דעמ טויט מײַנעמ. ער האָט מיכ פײַנט, ער האסט מיכ, ווי דעמ ערגסטנ סוינע! פארוואָס? דענ צוליב דעמ האָב איכ געהאָרעוועט מײַנ גאנצ לעבנ, זיכ געמאטערט, געזויגנ, געשונדנ, אז איצטער זאָל איכ נית זײַנ זיכער מיטנ לעבנ אפילע פארנ אײגענעמ קינד? אינ מײַנ גליק, מיט וועלכנ איכ האָב שטאָלצירט, ווו איז עס, ווו? דענ אינ לעבנ האָב איכ עס געהאט? עפּשער דעמלט, ווענ איכ בינ נאָכ געווענ א קלײנ יונגל און ארומגעפאָרנ אינעמ שמאטניקס וועגעלע? גאָט! פארוואָס האָסטו מיכ געשטראָפט מיט רײַכ-קײַט? פארוואָס, פאר וועלכע זינד האָסטו פארסאמט מײַנ בלוט מיט פיבערדיקער זשעדנעקײַט נאָכ געלט? מיט וואָס האָב איכ עס פאר-דינט? וואָס, איכ האָב דענ נית געקאָנט זײַנ קײנ גוטער מענטש? איכ האָב געקאָנט, איכ פיל עס איצטער, נאָר דו, דו האָסט מיכ ארופ-געשטויסנ אפ אָט דעמ פארשאָלטענעמ וועג. דו האָסט מיר אפ אימ אָנגעוויזנ דאָס בילד פונ גליק. פאלשע בילדער! דו האָסט מיכ אָפּגע-נארט! זאָל אפ דיר פאלנ די שולד פאר דער הײַנטיקער נאכט, זאָלנ אפ דײַנ קאָפּ פאלנ די טרערנ פונ יענע טויזנטער, וועלכע זײַנענ גע-

אים אויפגעטרייסלט, האָט פאר איין מינוט וויהער אויפגעלעבט און באשלאָגן הערמאנס שטערן מיט א גוט־שווייס. מיט וואָס פאר א בייזן בליק קוקט אף אים דער שלאנג! דאָס איז דער זעלבער בליק, וועלכער האָט אין שלאָף פארגליווערט זיין בלוט אינעם הארצן! ווי העל האָט געגלאנצט די פילקאָליריקע ליסקע אפן שלאנגס קערפער! דאָס איז די זעלבע ליסקע, דער זעלבער קערפער, וואָס האָט זיך צוגערירט צו אים אין שלאָף, וואָס זיין שרעקלעכער דרוק האָט צונויפגעפרעסט זיין קערפער ביז די ביינער, אים פארשלאָגן דעם אָטעם אין דער ברוסט, ארויסגעזעצט די אויגן פון קאָפ! יאָ, דאָס איז דער זעלבער שלאנג! דער שלאָף זיינער דויערט ווייטער. באם ציטערנדיקן פלעמל פון דער ליכט זעט הערמאן אויסדריקלעך, ווי דער שלאנג וואקסט, באוועגט זיך, צעציט זיך, הייבט אוף דעם קאָפ ארוף, פארדרייט דעם עק אין גרויסע רעדער, אלץ נעענטער, אלץ נעענטער צו אים!..

הא, ס'ארא געדאנק האָט א שווינדל געטאָן אין הערמאנס קאָפ? דאָס איז ניט קיין שלאנג, — דאָס איז אן אומענדלעך לאנג בינטל, צונויפגעוואקסן צוזאמען און אויפגעלעבט דורך א קישעף־קראפט, דאָס איז אן אומענדלעך לאנג בינטל געלט, זילבער און פינקלענדיק גאָלד! אָ, יאָ, דאָס איז געווים אזוי! צי דען איז דער גלאנץ, וואָס שלאָגט אין די אויגן פונעם שלאנגס ליסקע, — איז דאָס דען ניט קיין גלאנץ פון גאָלד און פון זילבער? און אָט די פארשיידנקאָליריקע לאטעס אף אים זיינען דען ניט קיין פארשיידענע וועקסלען, קאָנטראקטן, באנקגאטן?.. אָ, דאָס איז זיכער, ניט דער שלאנג וויקלט אים ארום מיט זיינע ריזיקע רינגען, נאָר דאָס איז די אייגענע רייכקייט זיינע! און ווי בייז קוקט אף אים די פארצויבערטע באשעפעניש! זי איז זיכער אין איר רויב, — זי ווייסט, אז פון אירע מעטאלענע רינגען, פון איר ברענענדיקן פינקל וועט קיינער זיך ניט ארויסרייסן! זי ווייסט, אז זיכער וועט אויך הערמאן פון איר ניט אוועקגיין, ווייל ער געפינט זיך אפן דנאָ פונעם אָפגרונט, ער איז א קאָרבן פון פארצווייפלונג, — און זי, זי האָט אים געבראכט אהערצו!

הערמאן האָט דאָס אלץ פארשטאנען פאר איין מינוט פון אומגעהויערן ווייטעק און אומרו. ער האָט זיך צעהעוועט, ווי א פארווונדעטע חיה, די פענצטער האָבן זיך אזש צעקלונגען פון זיין ריווע. ער האָט געפילט, אז אָט דער געדאנק וואלגערט אום אין שטוב, מאכט צונישט אים אינגאנצן, מיטן לעבן זיינעם, מיט די האָפענונגען און פלענער, — ס'האָט אים ארומגעכאפט אזא געפיל, ווי א מענטשן, וואָס

שטאנענ, וואָס פאר א שרעקלעכער פארברעכער ער איז, ער, וועלכער האָט צוויי לאנגע יאָרנ זיכ דערשלאָגנ דעמ שעמ פונ א הארטנ, קאלטנ געשעפטסמאנ, וועלכער גרייסט זיכ מיט אָט דעמ נאָמענ, ווי מיט דער גרעסטער ערלעכקייט, — ער האָט שטאָלצירט מיט זיינ הארצלאָזיקייט, אומענטשלעכקייט! אָבער דערוויסנדיק זיכ אונ פארשטייענדיק האָט אלצ, האָט הערמאנ זיכ דערפילט שוואכ, אומגליקלעכ! צי דענ איז ער אליינ מיטנ אייגענעמ ווילנ געוואָרנ אומענטשלעכ? ניינ, ער האָט געמוזט ווערנ אזעלכער, שטענדיק א פוס אפ דער פארשאָלטענער סטעזשקע, ער האָט געמוזט קומענ צו אָט דעמ פונקט, צו וועלכנ ער איז געקומענ! געמוזט! ער איז דאָכ צוערשט געווענ אנ אָרעמער קיפיאטשקע-שעפער, — ער האָט געוואָלט זיכ ארויסשלאָגנ פונ דער נויט, געוואָלט גליק, — דאָס גליק, זאָגט די גאנצע וועלט, באשטייט אינ רייכקייט. אונ אָט דאָס גליק האָט ער פארלאנגט אונ פארלאנגט עס ביז היינטיקנ טאָג, נאָכ אָט דעמ גליק האָט ער זיכ געיאָגט אָנ אופהער, געיאָגט מיטנ סאמע קורצנ וועג. אָ, ער האָט זיכ ניט געקאָנט אָפשטעלנ, ניט געקאָנט אומקערנ זיכ אפצוריק, — אנדערע האָבנ אימ געשטויסנ פאָרויס, א גאנצער האמוינ אנ ענלעכער צו אימ! וואָס-זשע איז ער שולדיק, וואָס דער וועג האָט אימ סאָפקאָלסאָפ פארפירט אינ אנ אָפגרונט?.. ווער-זשע אָבער איז שולדיק? הערמאנ האָט אפ דערופ ניט געקאָנט ענטפערנ, — ס'האָט אימ געשווינדלט אינ קאָפ. ווער איז שולדיק אינ מיינ אומגליק, אינ מיינ ערגערניש? ווער האָט מיכ געשטויסנ מיט אנ אומראכמאָנעסדיקער האנט וואָס אמאָל ווייטער, וואָס אמאָל גיכער, ווער האָט פארבלענדט מיינע אויגנ, אז איכ זאָל גאָרניט זענ, ביז איכ וועל ניט זיינ אפנ דנאָ פונעמ אויסגאנגלאָזנ אָפגרונט?

ווער איז ער? ווער איז ער?..

הערמאנ האָט געטראכט, זיכ אָנגעשטרענגט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט געפינענ קיינ ענטפער. זיינע אויגנ האָבנ גענומענ אָנ ציל אונ אָנ אויסדרוק ארומבלאָנקענ איבערנ קאבינעט, איבערלויפנ פונ איינ זאכ אפ דער צווייטער. מיטאמאָל האָבנ זיי זיכ אָפגעשטעלט אונ זיכ איינגעזויגנ אינ איינ אָרט — אינעמ בילד אפ דער וואנט, אינ יענעמ בילד, וואָס היינט אינדערפרי האָט עס ארויסגערופנ א גאנצע ריי דערינערונגענ בא הערמאנענ אינ הארצנ אונ באוואכט ווידער אופגעלעבט אפ אזא שרעקלעכנ אויפנ. הערמאנ איז פארשטאָרבנ געוואָרנ. דער גאנצער אומרו, די גאנצע אבערגלויבערישע שרעק, וואָס האָט היינט

אַרטיקע מאַסע ליגט איצטער אַ טויטע, פאַרזונקענ אינ טיפנ שלאָפ, — אונ דאָכ האָט דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט געבלאָזנ גלײַכ אינ פּאָנעמ, אַזוי שטאַרק אונ ווייטיקלעכ געריגט זײַנע נערוונ, אַז ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז אַלצ אַרומ שאָקלט זיכ, הוידעט זיכ, וועט צעפאַלנ. ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז אָט דער טויטער באָריסלאַוו, וואָס ערשט מיט עטלעכע שעה איז ער געווענ דער פולהערשערישער באַלעבאָס זײַנער, איז אויפגעשטאַנענ קעגנ אימ. די הײַזער האָבנ אימ פאַרשטעלט דעמ וועג, די גריבער האָבנ זיכ אימ אויסגעדאַכט, ווי פּאַסטקעס פאַר זײַנע פיס, אונ פונ די דאָזיקע גריבער, פונ דער שרעקלעכער טיפ, איז געווענ צו הערנ אַ האַרצרײַסנדיקע קרעכצערײַ, קלאָלעס אונ גוואַלדנ אונ זיפצנ פונ גויסעסדיקע. נאָכדעמ איז הערמאַנ געקומענ צו זיכ — די זעונגענ זײַנע פאַרשוווּנדנ געוואָרנ, איבערלאָזנדיק בלויז אינ האַרצנ אַנ אײַזיקע קעלט פונ אומרו, ווי פאַרשפּיצטע פײַלנ.

— גאָטס קלאָלע איז אָפ מיר! גאָטס קלאָלע איז אָפ מיר! — האָט ער געמורמלט, אונ פאַר זײַנע אויגנ האָט אַדורכגעשווינדלט דער טויטער קאָפּ אונ דער גאַנצער סקעלעט פונ איוואַנ פּיוטאָראַקנ. ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז דער סקעלעט שטייט אָט דאָ פאַר אימ אינמיטנ וועג אונ דראָט אימ מיט זײַנ פאַרפוילטער ביינערדיקער האַנט. דאָ האָט דער געדאַנק זײַנער, וואָס האָט געפלאַטערט, ווי אַ געכאַפּטער פויגל, זיכ אָפּגעשטעלט אָפ איינ זאַכ, זיכ אָנגעכאַפּט פאַר איר, ווי דער, וואָס טרינקט זיכ, פאַר אַ שטרוי.

וואָס איז עס געוואָרנ מיטנ פּריקאַזטשיק, פאַרוואָס איז ער פּלוצעמ אַזוי בלאַס געוואָרנ אונ אָפּגעשוואַכט, ווענ ער האָט דערהערט דעמ אַלטנ מאַטיעס רייד? צי איז די שוואַכקײַט טאַקע געקומענ גלאַט אַזוי, אַלײנ פונ זיכ? אונ עפּשער איז ער פאַרמישט אינ עפּעס? פאַרוואָס האָט זיכ מאַטי דערפרעגט, ווענ איז איוואַנ אַוועק פונ דער אַרבעט? פאַרוואָס האָט ער מער גאָרניט געוואָלט זאָגנ?.. די דאָזיקע געדאַנקענ זײַנע איצטער אויפגעקומענע הערמאַנענ אינ קאָפּ, איצטער אַסאַכ מער, אײדער בײַמ אויסצאָל. ער האָט זיכ געסטאַרעט טראַכטנ נאָר פונ דעמ — ער זאָל כאָטש אַ ביסל פאַרגעסנ דאָס אַלצ, וואָס האָט געדריקט אונ געבריט זײַנ מויעכ. ער האָט פיבערדיק גענומענ טראַכטנ פונ איוואַנס פּיוטאָראַקס טויט, זיכ פאַנאַנדערקלײַבנ אינ אַלע אומשטענדנ. איוואַנ האָט זיכ געהאַט אויסגעשטעלט, ער זאָל פאַרדינענ אַזויפיל, אַז ס'זאָל אימ קלעקנ אָפ קויפנ אַ כאַטע אונ אַ שטיקל פעלד,

מע פערטלט אימ לעבעדיקערהייט. ער האָט פארזשמורעט די אויגנ אונ אינ ווילדער אופרעגונג זיכ א לאָז געטאָנ צו דער וואנט, געכאפט דאָס פארשאָלטענע בילד אונ עס א זעצ געטאָנ מיט אלע קויכעס אינ דער ערד. די געגילדעטע ראמ האָט זיכ צענומענ באַ די זײַטנ, מיט א טרישטשע, נאָר הערמאנ האָט זיכ ניט באַרויִקט. ער איז ארופגעשפרונגענ אפנ לײַוונט אונ ווי א משוגענער אימ גענומענ טאָפטשענ, שפּײַענ אפנ בילד, אָפּדראפּענ די פארב מיט די נעגל, נאָכדעמ האָט ער איינעק צוגעדריקט מיט א פוס, אָנגעכאפט דעמ צווייטנ אונ צעריסנ דאָס בילד אפ צוויי שטיקער, צונויפגעדרייט אונ ארויסגעוואָרפנ דורכנ פענצטער. ער איז געווענ ווי אינ א פאראָקסיזמ, — די ברוסט האָט גיכ זיכ אופגעהויבנ אונ אראָפּגעלאָזט, דאָס בלוט האָט געקלאפט אינ די שלייפנ, פאר די אויגנ האָט אלצ זיכ געדרייט, צונויפגעמישט זיכ, פארשווונדנ געוואָרנ. ער האָט זיכ אָנגעטאָנ אונ, ווי א געיאָגטער, ארויס אינדרויסנ.

ס'איז געווענ האלבע נאכט. דורכזיכטיקע כמארעס זײַנענ פאוואָליע אָנגעשווומענ פונ מיזרעכ אונ ווי א געדיכטע טשערעדע פארנומענ העכער א העלפט הימל. דורכ די קליינע דורכלויכטנ האָט זיכ געזענ דער טונקלער טיפער הימל מיט פינקלענדיקע שטערנ. א קאלטער ווינט האָט געצויגנ פונ גוביטשער וואלד. שטומע קאָשארעס האָבנ זיכ געהייכט אינ דער טונקל מיט זייערע שפיציקע, שארפע קאָנטורנ, ווי ריזיקע, שארפ-פארשניצטע סטויגנ היי. נידעריקער צו דער ערד איז אלצ דערטרונקענ געוואָרנ אינ דער טיפער פינצטערניש צווישנ די לײמיקע הויפנס. בלויז די גאס האָט זיכ געצויגנ פאר הערמאנס אויגנ, ווי א פארפרוירענער שטראָמ בלאָטע. לענגויס דער גאס, איבערנ ריוו, האָט זיכ געשלענגלט א שמאָלע אײַנגעטראָטענע סטעזשקע. הערמאנ האָט זיכ געלאָזט מיט דער סטעזשקע פאָרויס, זיכ געאײַלט, ניט טראכטנדיק, וווהינ אונ צוליב וואָס. עפּעס האָט אימ געטריבנ פונעמ שטוב, — אימ איז שווער געווענ איבערזײַנ די נאכט אינ דער פארשאָלטענער שטוב, אונ ער איז געגאנגענ, געגאנגענ פאָרויס, ווי אנטלויפנדיק פונ עפּעס, ווי אײַלנדיק זיכ נאָכ עפּעס א וויכטיקער זאכ.

— גאָטס קלאָלע איז אפ מיר! גאָטס קלאָלע איז אפ מיר! — האָט ער געמורמלט.

דער שלאָפנדיקער פאָריסלאוו האָט זיכ געשפרייט ארומ אימ, ווי א יאמ פונ בלאָטע, ליימ, קויטיקע באטעס, סקלאדנ, פאבריקנ, שלימאזל אונ אומגליק. ער האָט גוט געוווסט, אז די האָזיקע גאנצע פארשיידנ-

ניט איין מאָל באַטראַכט מיט א קאַלטנ בליק דעם חאלעמ, מיט וועלכנ זיי זײַנענ פול געווענ פונ אויבנ ביז אראָפּ. נאָר איצט האָט עפּעס אפּ א מאָדנעמ אויפנ אלצ אויסגעזענ בא אימ אינ די אויגנ ניט אזוי, ווי שטענדיק — אלצ, צו וואָס ער האָט זיכ צוגערירט, האָט זיכ פאַרהענדערט, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ עפּעס אנדערש, פּונקט ווי פאַרקישעפּט. אלע טאָגטעגלעכע אונ געוויינלעכע זאַכנ האָבנ זיכ אימ באַוויזנ נאָר פונ נײַע זײַטנ, ניטגעזעענע ביזאהער, — אונ אָט האָט עס א צי געטאָנ הערמאַנענ, ער זאָל זיכ שטעלנ הינטערנ פענצטערל אונ א קוק טונ אפנ חאלעמ פונ א ריפניקס שטיבל. אונ דאָ האָט אימ דערוואַרט נאָכ איינע, אינגאַנצנ אנ אומגעריכטע אופטרייסלונג, וועלכע האָט צום איבעריקנ דערגאַנצט די מאָראַלע איבערקערעניש בא אימ אינ הארצנ, אנ איבערקערעניש א טיפע, א שרעקלעכע, א ווייטיקלעכע, וואָס איז הײַנט אינ אימ פאָרגעקומענ אראַנק אלע לעבנס־אײַנדרוקנ, אראַנק אלע גוטע אונ שלעכטע קרעפטנ, וועלכע ער האָט אינ זיכ אויסגעאַרבעט.

אינ דער שטוב, וווּהינ הערמאַנ האָט אַרײַנגעקוקט דורכנ פענצטערל, האָט אלצ גערעדט וועגנ שרעקלעכער נויט אונ אומגליק. דאָס ענגע שטיבל מיט די פוילע, לאַנג ניט געווײַסטע, פאַרויכערטע, ארומגעריסענע ווענט איז גיכער ענלעכ געווענ אפּ א קייווער, איידער אפּ א מענטשלעכער וווינונג. העכער א העלפט שטוב האָט פאַרנומענ דער ליימענער אויוונ מיטנ פריפעטשעק. לעבנ אויוונ — א הילצערנער טאַפּטשאַנ פאַרשפּרייט מיט שטרוי אונ צוגעדעקט מיט א גראָבער רעדנע, — אונ דאָס איז די איינציקע בעט! ניט קיינ טיש, ניט קיינ בענקל איז ניט געווענ. אפּ א דרענגל איבערנ טאַפּטשאַנ זײַנענ געהאַנגענ עטלעכע ווײַבערשע שמאַטעס, לעבנ טאַפּטשאַנ איז אראָפּגעהאַנגענ אפּ שטריקלעכ פונ דער סטעליע א הילצערנ וויגל. דאָס איז געווענ דער גאַנצער הויזראָט. אפנ טאַפּטשאַנ איז געזעסנ א יונגע פרוי, וועלכע איז פונ דער נויט אונ פונעם שווערנ לעבנ געווענ געעלטערט פאַר דער צײַט. אָנגעטאָנ איז זי געווענ אינ א לײַוונטענער קויטיקער העמד אונ אינ נאָכ א מער קויטיקנ קליידל, אפנ קאָפּ אנ אַלטער טשיפּעק אונ אפנ טשיפּעק א צעריסנ שאַלעכל פונ אומבאַוווּסטנ קאָליר, פונ אונטער וועלכנ ס'האָבנ ארויסגעשטאַרצט לאַנגע האָר. מיט איינ האַנט האָט זי פונדערהינג געהוידעט דאָס וויגל אונ מיט דער צווייטער האָט זי געהאַלטנ אינ איינ אויסווישנ די טרערנ, וואָס האָבנ איר גערונענ פונ די אויגנ. הערמאַנ האָט גוט געקענט די דאָזיקע פרוי — דאָס איז געווענ איוואַנ

דעריבער האָט ער ניט געוואָלט נעמענ דאָס וואָכנטלעכע געצאָלטס, ער איז ווי ס'ניט איז דורכגעקומענ מיטנ ווײַבס פאַרדינסטנ אונ זײַנ אייגענעמ האָט ער געשפּאָרט. מיטאַמאָל איז איוואַנ ערגעצ פאַרפאַלנ געוואָרנ, אונ אז די פרוי זײַנע איז געקומענ צו הערמאַנענ אָפּנעמענ דאָס געלט, וואָס איר מאַנ האָט פאַרדינט, האָט הערמאַנ א קוק געגעבנ אינעמ קאָנטע=בוכ אונ דערזענ פאַרשריבנ מיט זײַנ אייגענער האַנט: „גענומענ פאַר דעמ אונ דעמ דאָס גאַנצע געלט". הערמאַנ האָט זיכ געפּרוּווט דערמאַנענ, צי ער האָט אַלײנ ארויסגעגעבנ איוואַנענ דאָס געלט אפ די הענט. עס קאָנ זײַנ, אז איוואַנ האָט באַקומענ זײַנ געלט דורכנ פּריקאַזטשיק, ווי די ריפּניקעס טוענ אַמאָל אַזוי. וואָס=זשע באַקומט זיכ פונ דעמ אַלצ? גאָרניט, ביז מירנ ניט נעמענ אינ אַכט דאָס, וואָס דער פּריקאַזטשיק איז בלאַס געוואָרנ, ווענ ער האָט דערהערט מאַטיעס רייד. אינ אַזא פאַל באַקומט זיכ, אז... אז הערמאַנס פּריקאַזטשיק האָט אָדער אַלײנ דערהרגעט איוואַנענ, אָדער ער האָט אימ א שיכּורנ א שטופּ געטאָנ אינ גרוב ארײַנ, אָדער ער האָט געוווּסט וועגנ דעמ אונ, מעגלעכ, צעטיילט זיכ מיטנ געלט מיטנ מערדער... אַלנפאַלס, א פאַקט איז, אז באַמ מעס האָט מענ ניט געפונענ קיינ שום שפּור פונ קיינ געלט. אַכ, מאַטי האָט דאָכ געזאָגט, אז אינעמ פּאָקראָווע=טאָג האָט ער געזענ, ווי עפּעס איינער א מענטש האָט געשיכּורט מיט איוואַנענ. ווער=זשע האָט עס געקאָנט זײַנ? פאַרוואָס האָט מאַטי ניט געוואָלט זאָגנ?.. דאָ מוז עפּעס זײַנ!..

פאַרנומענ מיט אַזעלכע ניטפריילעכע געדאַנקענ, איז הערמאַנ אַלצ געגאַנגענ ווײַטער, וואָס אַמאָל ווײַטער. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפנ סאַמע עק באָריסלאַוו, ווו ס'איז געשטאַנענ א קופּקע אַלטע, מיט שטרויגעדעקטע כאַטעס, ווו די ריפּניקעס האָבנ געוווינט. אינ איינעמ פונ די דאָזיקע שטיבלעכ, וואָס איז געשטאַנענ באַמ ראַנד שליאַכ, האָט זיכ נאָכ געלויכטנ. די דאָזיקע שײַנ אינ דער אָרומיקער פינצטערניש האָט צוגעצויגנ צו זיכ הערמאַנס אויפמערקזאַמקײַט. ער איז שטילינקערהייט צוגעגאַנגענ צומ שטיבעלע אונ ארײַנגעקוקט אינעווייניק דורכנ קליינעמ פענצטערל. ער האָט ניט געוווּסט, ווער ס'וווינט אינ אָט דער שטוב, אונ ס'איז קלאָר אינ דעמ ניט געגאַנגענ, ער זאָל דערוויסנ זיכ. ס'האָט אימ פּאָשעט עפּעס א צי געטאָנ זיכ צוקוקנ, וויאַזוי לעבנ די ריפּניקעס באַ זיכ אינדערהיימ, אויסער דער אַרבעט, וואָס רעדנ זיי, מיט וואָס פאַרנעמענ זיי זיכ. כאָטש דאָס אויכ האָט ניט איבעריק אינטערעסירט הערמאַנענ, וואָרעמ ער האָט ניט איינ מאָל באַזוכט אַזעלכע הײַזקעס,

— מע האָט עפּעס גערעדט, אַז ער האָט זיכ אומגעקערט, אונ דאָס געלט, זאָגט מענ, האָט ער אָפּגענומענ באַם באַלעבאָס.

— דו האָסט אימ הערנאָכדעמ ניט געזענ?

— ניינ, ניט געזענ.

— ווייסט אפּגעווים, אַז ער האָט אָפּגענומענ דאָס געלט?

— וואָדען, אַפּגעווים ווייס איכ, איכ בינ האָב אַליינ געגאַנגענ פרעגנ דעמ באַלעבאָס. איכ וואַרט א גאַנצע וואָכ — איוואַנ איז ניטאָ. גיי איכ צומ באַלעבאָס, זאָל ער מיר כאָטש אָפּגעבנ דאָס געלט. „וואָס, זאָגט ער, קומסטו נאָכ געלט, דער מאַנ דיינער איז ערשט נעכטנ געווענ אונ אָפּגענומענ דאָס געלט!” ער האָט זיכ נאָכ צעשריגנ אַפּ מיר. אָט דאָס איז גאָר!

מאַטי האָט אויפמערקזאַמ זי אויסגעהערט. ס'איז געווענ צו באַמערקנ, אַז עפּעס בעזשבנט ער אינ קאָפּ. א לאַנגע ווײַלע האָבנ בײדע געשוויגנ.

— פאַרפאַלנ! — האָט ענדלעכ מאַטי זיכ אָנגערופנ, שווער א זיפץ געגעבנ. — ניטאָ וואָס צו ריידנ! אויב עפּעס א שלעכטער מענטש האָט אימ צוגעדינט, איז זאָל אימ גאָט באַצאָלנ פאַר אַלצ! א גוטע נאַכט, פרײַנדל. וויינ ניט, עס זיכ ניט אויס דאָס הארצ, גאָט וועט דיר העלפנ!

— אָי, שוינ! — האָט די פרוי א זאָג געטאָנ, וויינענדיק. — ס'וועט מיר שוינ גוט זײַנ נאָר אַפּ יענער וועלט, ניט דאָ! זײַט געזונט. זאָל איכ גאָט אָפּצאָלנ דערפאַר, וואָס איר זײַנט ארײַנגעקומענ, אויסגערעדט א גוט וואָרט צו מיר, צו דער אומגליקלעכער.

מאַטי האָט מער קיינ וואָרט ניט געזאָגט, ער איז ארויסגעגאַנגענ פונ דער שטוב. הערומאַנ האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ פונ יענער זײַט ראָג אונ געזענ, ווי דער אַלטער ריפּניק לאָזט זיכ גיינ, מאַכנדיק מיט די הענט אונ עפּעס בורטשענדיק אונטער דער נאָז, ווי ער זאָל זיכ אויסטײַטנ מיט זיכ אַליינ. אינגיכנ איז דער אַלטער פאַרשווונדנ געוואָרנ אינ דער פינצטער, אונ הערמאַנ, ציטערנדיק פונ קעלט אונ פונ דער כוואַליע פרישע געדאַנקענ אונ אָנשטויסענישנ, האָט זיכ ווידער געשטעלט הינטערנ פענצטער. זײַנ האַרט האַרצ האָט זיכ פאַרקלעמט, קוקנדיק אַפּ דער אומגליקלעכער פרוי. ער האָט געזענ, אַז ווענ זי האָט גערעדט, האָבנ טרערנ זיכ געגאָסנ פונ אירע אויגנ, שווערע, הייסע, טרערנ! ער האָט געהערט אונ געזענ, אַז מיטנ הײַנטיקנ טאָג ענדיקט זיכ פאַר אימ דאָס אַלטע לעבנ, אונ מאָרגנ וועט שוינ זײַנ א נײַס.

פיוטראַקס אַלמאַנע. אנטקעגנ איר, אויסגעקערעוועט מיט דער פלייצע צום פענצטער, איז געזעסנ אפנ פריפעטשעק דער אלטער מאטי מיטנ שטענדיקנ ציבעק אינ מויל.

— ע, מאריסיע, מאריסיע! — האָט דער אלטער מאטי גערעדט מיט א ווייכער, ציטערנדיקער שטימ. — ניט אפ אזא לעבנ האָב איכ געהאָפט פאר דיר אונ איוואַנענ! נאָר וואָס קומט ארויס! מע קאָנ ניט וויסנ, צי גאָט האָט אזוי געהייסנ, צי שלעכטע לײַט האָבנ ניט געלאָזט.

אָנשטאָט אנ ענטפער האָט מאריסיע זיכ צעוויינט אפנ קאָל, זיכ צעכליפעט, ווי א קינד.

— גענוג זאָל זײַנ, — האָט מאטי זי אײַנגעשטילט. — איצטער איז קיינ צײַט ניט צו וויינענ, ס'וועט גאָרניש ניט העלפנ, א שאָד נאָר דאָס געזונט. דעמלט האָט מענ באַדאַרפט וויינענ, שרײַענ, ווענ ער איז פאַרפאַלנ געוואָרנ, עפשער וואָלט עס געווענ עפעס געהאָלפנ, ניט איצטער!..

— אָכ, פאָטער געטרײַער, — האָט א זיפצ געטאָנ דאָס אָרעמע ווײַבל, — איכ האָב הענ געוווסט, וווהינ ער איז אהינגעקומענ? ער האָט מיר געזאָגט, אז ער גייט קיינ דראָהאָביטש, אונ פונ דאָרטנ קיינ טומאַנאָוויטש, פארייטוועגס שוינ דאָרטנ אויסדינגענ דאָס שלימאזלדיקע פעלד, נאָכדעמ האָט ער ערגעצ נאָכ געדאַרפט גיינ. זאָג איכ אימ נאָכ, דעמ פאַרשטאָרבענעמ: „עפשער וואָלט בעסער געווענ, דו זאָלסט דאָ ערגעצ נאָענט קויפנ א פוסטקע, צו דער אַרבעט וואָלט געווענ נאָענט אונ צו אלצ". זאָגט ער מיר: „זאָל מיכ גאָט אויסהיטנ פונ דער דאָזיקער ארבעט, איכ וויל זי ניט אָנקוקנ אפ מײַנע אויגנ! בעסער פונ הונגער שטארבנ צווישנ גוטע מענטשנ, קאָסיענ, מלויצענ, מאָלנ אפ מילשטיינער, טוענ אנ ארבעט פאר א שטיקל ברויט, אײדער דאָ א טאָג זײַנ, אינ דער לאָכ!" אונ ער איז זיכ אַוועקגעגאנגענ, אונ ביז הײַנטיקנ טאָג!

מאטי האָט זיכ א רוהער געטאָנ פונעמ אָרט, הערנדיק אירע רייד.

— אונ ווענ איז דאָס געווענ, געדענקסטו ניט? — האָט ער געפרעגט. — ווענ איז איוואַנ אַוועקגעגאנגענ?

— ער האָט זיכ אויסגעקליבנ גיינ עפעס איינמאָל אינ אנ אָוונט, סאמע אפ פאָקראָווע. איכ ווייס ניט, מענטשנ האָבנ געזאָגט, אז מע האָט אימ נאָכ געזענ בײַ קריניצקינ.

— אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ נאָכ אומגעקערט צוריק פונ שטאָט?

אינ הארצנ. זי האָט געקושט דעמ קינדס הענטלעכ, באַוואַשנ זיי מיט הייסע טרערנ.

הערמאַנ איז געשטאַנענ הינטערנ פענצטער, ווי פונ א דונער דערשלאָגנ. אָט דאָס בילד פונ נויט, פונ צעשטערטע האָפענונגענ, פאַרצווייפלונג, באַנאַנד מיט דער קינדערשער אומבאַוווּסטזיניקייט, האָט אויפגעטאָנ דאָס, וואָס ס'האָבנ ניט געקאָנט אויפטונ די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע איינדרוקנ פונעמ היינטיקנ טאָג. הייסע טרערנ האָבנ זיכ א גאָס געגעבנ פונ זיינע אויגנ. זיינ האַנט האָט פאַרדריקט אינ קעשענע א גאַנצע זשמעניע זילבער=געלט. ער האָט זיכ פאַרמאָסטנ און מיטנ גאַנצנ קויעכ א וואָרפ געטאָנ דאָס געלט דורכנ פענצטער אינ שטוב אַריינ. ס'האָט א טרישטשע געגעבנ די אויסגעזעצטע טאַפליע, — דאָס זילבערגעלט האָט זיכ צעשאָטנ איבערנ דיל מיט א קלונג. דער טרישטשע און דער קלונג האָבנ דערשיטערט הערמאַנענ ניט ווייניקער, ווי איוואַניכענ. אינ זיינע אויערנ האָט זיכ עס צעקלונגענ, ווי א קרעכצ פונ פאַרצווייפלונג און פיינ. עפעס א ווילדע, פאַרהוילענע קראַפט האָט אימ א שטויס געטאָנ, און ער האָט זיכ געלאָזט לויפנ אַרופ מיט דער גאַס, די ערד אונטער אימ האָט אַזש געהודעט.

— גאָטעניו, וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט א געשריי געטאָנ די איבערגעשראָקענע איוואַניכע, דערהערנדיק דעמ טרישטשע פונ דער אויסגעזעצטער טאַפליע. זי האָט זיכ אַרומגעקוקט און א הערשטווינטע ניט אָפגענומענ די אויגנ פונעמ זילבער, וואָס האָט זיכ געקויקלט איבערנ שטוב אינ אַלע זייטנ. וואָס הייסט עס? פונוואַנענ האָט זיכ גענומענ די אומגעריכטע גאָב? ווער האָט זיכ דערבאַרעמט אויפ איר אינ איר נויט און צוגעשיקט הילפ?.. פאַר כידעש האָט זי נאָכ א לאַנגע צייט ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. דאָס געוויינ פונעמ קינד האָט זי אויפגערודערט. זי איז אַרויסגעלאָפנ אינדרויסנ, נאָר בא דער שטוב איז קיינער ניט געווענ, בלויז דאָס גיכע טופענ פונ מענטשלעכע טריט איבער דער גאַס האָט אָנגעוויזנ, וווּהינ הערמאַנ איז אַנטלאָפנ.

נו, און וואָס ווייטער?

עכ, ליבע לייענער, ווייטער איז דאָס לעבנ געגאַנגענ מיט זיינ געוויינלעכנ גאַנג — הערמאַנ האָט זיכ ניט פאַרוואַנדלט אינ קיינ גוטנ מענטשנ. זיינ גוטהערציקער טאַט הינטערנ פענצטער פונ דער אָרעמער אַלמאָנעס שטוב איז געווענ א מינוטאַרטיקער; די מינוט איז פאַרי=

ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אים טרעפֿן שוין גאָר אַן אַנדער מענטשן, איידער ער האָט אים געטראָפֿן נעכטן. די איבערקערעניש בײַ אים אין האַרצן איז פֿאָרגעקומען גיך, אַ טיפֿע און שטאַרקע איבערקערעניש. וואָס דאַרף זײַן דער אינהאַלט פֿונעם נײַעם לעבן, וואָס פֿאַר אַ ריכטונג דאַרף עס אָננעמען — דאָס האָט הערמאַן נישט געוווּסט, אויף דעם האָט ער נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלן. וואָס איז אים הער ביליק? ווען אַן אַלטע געבײַדע צעוואַלגערט זיך ביזן גרונט, אויף פּיצלעך, ווען די רוינען ווערן פֿאַרברענט און פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַש, איז שוין נישט שווער אויסצושטעלן אַ נײַע געבײַדע. וואָס פֿאַר אַ געבײַדע? צוליב וואָס? פֿון וואָס? — וועט שוין באַווײַזן די צײַט, וועט באַווײַזן די נויטבאַדערפֿעניש. וועט באַווײַזן דער געוויסן.

ווען מאַטי איז אויסגעגאַנגען, האָט איוואַניטע פֿאַרשלאָסן די טיר, געשטאַנען אַ ווײַלע אײַנגעמיטן דער שטוב אַ פֿאַרשטײנערטע. קיין טרערן זײַנען נישט געראָנען פֿון די געשוואָלענע, רויט־געוואָרענע אויגן, נישט קיין זיפֿץ, נישט קיין קלאַנג, נישט קיין געוויין האָט מען פֿון איר נישט געהערט. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און שטום געקוקט אויף איר קינד, וואָס איז געשלאָפֿן אין וויגל. בלויז דאָס פּנים אירס האָט באַוויזן, וואָס פֿאַר אַ ווייטיק זיצט בײַ איר אין האַרצן, ווי שטאַרק זי לײַדט. נאָר די מינוט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג איז פֿאַריבער — ווי אַ שטורעמדיקער טײַך האָט אויסגעריסן די פֿאַרטײַעטע פּיין.

— קינד מײַנס, קינד מײַנס! — האָט זי געשלוכצט, צופֿאַלנדיק צום וויגל. — נישטאָ דער טאַטע דײַנער, ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען. און דו, פּיינעלע, האָסט שוין אַזוי שיין: טאַ־טאַ־טאַ! וועסט שוין קיינמאָל נישט צורופֿן דעם טאַטן, מײַן מילדער מאַלעך, נישט צורופֿן! אויף וועמען קאָנען מיר איצטער אויסשטעלן? ווער וועט אונדז העלפֿן אין אַ נויט, אין אַ צרה? ווער וועט צוזען, ראַטעווען? נאָט, פֿאַרוואָס האָסטו אים צוגענומען פֿון הער וועלט און מיך איבערגעלאָזט אויף אומגליק?..

האָט כליפּען האָט איבערגעריסן איר קלאָג. דאָס קינד אין וויגל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון איר געוויין, אויפֿגעהויבן דאָס קעפּל און אויסגעשטרעקט אַ הענטל צו דער מוטער.

— טאַ־טאַ־טאַ! — האָט געפּלאַפּלט דאָס קינד. — טאַ־טאַ־טאַ!..

די אַלמאָנע האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן וויינען. העמי קינדס אומשולדיקע, מילדע שטים האָט זי געשניטן, ווי מיט מעסערס, טיף

בער, און ער האָט געמוזט ווידער ווערנ דער זעלבער, ווי ס'האָט אימ געמאכט דאָס גאנצע לעבנ זיינס, — א קאלטער, אכזאָריעסדיקער ספע־קוליאנט, וואָס לייגט נית קיינ אכט אפ די קרעכצנ פונ נויט־באדערפ־טיקע אונ אפ אלמאָנישע טרערנ.

אונ מאָשקע איז געבליבנ אפ וויטער א פריקאזטשיק בא הערמא־נענ. אונ כאָטש איוואניבע אונ מאטי האָבנ הערלאנגט אינ געריכט, אז מע זאָל מאכנ אנ אויספאָרשונג איבער דעמ געפונענעמ 'טויטנ קער־פער, נאָר ווער קאָנ דערווייזנ מאָשקעס שולד, אויב זיינ אייגענער געוויסנ שווייגט? ווענ דער גוירל האָט פארמישפעט צו אומקומ, דער וועט אומקומענ, — קיינ שומ געריכט וועט אימ נית ראטעווענ, סיידנ ער וועט זיכ אליינ ראטעווענ. אָבער דאָס איז א ווייט־ווייטע געשיכטע.

———

50 ф

31.662

Ф IV/Б-720 1940



איוואן פראנקאָ

# באָא קאָנסטריקטאָר

אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

איוואן פראנקאָ — באָא קאָנסטריקטאָר

Ціна 3 крб. 25 коп.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

ІВАН ФРАНКО

БОА КОНСТРІКТОР

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ